STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10863

ZAMELBUKH FAR BEYTARISHER YUGEND

Vladimir Jabotinsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ו. זשאַבאָטינסקי

זאַמעלבוך

פאַר בית״רישער יוגענד

הוצאת המשרד האירופאי של שלטון בית״ר
בעזרת נציבות בית״ר בגרמניה

מינכען 1947

לגברת אננה ז'בוטינסקי ולקצה"ש ערי
ז'בוטינסקי לאות תודה עמוקה עבור
הסכמתם להוצאה זו.
תשמש הוצאה זו על אדמת גרמניה
הטמאה כטיפת נחמה לאבדן ראש
משפחתכם וראש משפחת בית"ר!
נציבות בית"ר בגרמניה

W. Jabotinski collecting-Cook for the youth of Betar suscription to
„Unzer Welt" License A. G 383.7 GEG—AGO.

זאב זשאבאטינסקי ז״ל

געבוירן: י״ב מרחשון תרמ״א 17.10.1980 אין אדעס

געשטארבן: כ״ט תמוז הת״ש 4.8.1941 אויף א זומער־לאגער

פון בית״ר נעבן ניו־יארק

פארוואָרט

דאָ האָבען מיר צונויפגעבראַכט אַ רייהע אַרטיקלען, וואָס בעציהען זיך הויפּטזעכליך צו דריי געביטען פון הערצליאַנישער וועלט־אַנשויאונג. אין ערשטען טייל בעהאַנדעלט דער מחבר איינצעל־פראַגען, וואָס מעגען דיענען פאַר אַן אַלגעמיינער איינליימונג צו דער בית״רישער און רעוויזיאָניסטישער אידעאָלאָגיע, מענטאַליטעט און שטימונג. דער צווייטער טייל איז געווידמעט דעם לעגיאָניזם; דער דריטער פערנעהמט זיך מיט אונזער שטעלונג צו סאָציאַלע פּראָבלעמען.

אין אַט דעם לעצטען טייל וועט דער לעזער געפינען צוויי פערשיעדענע גרופּען פון אַרטיקלען. איין גרופּע בעהאַנדעלט די סאָציאַלע מאָמענטען אין ציוניזם, ד. ה. אין זייער צוזאַמענהאַנג מיט קאָלאָניזאַציע און מיט׳ן אויפבוי פון אידישער מדינה. דער שטאַנדפּונקט, וואָס ווערט אויסגעדריקט אין די דאָזיגע אַרטיקלען — דער אַבסאָלוטער, אווטאָקראַטישער פּרימאַט פון שטאַאַטס־אינטערעס איבער אַלע קלאַסען־אינטערעסען, פון ציון־אידעאַל איבער אַלע אַנדערע שטרעבונגען צי איבערצייגונגען — איז אַ פעסטער אונבעריהרבארער גרונדזאַץ פון הצה״ר און בית״ר, וואָס איז פּראָקלאַמירט געוואָרען אויף אַלע אונזערע צוזאַמענפאַהרען. די צווייטע גרופּע אָבער („קריזיס פון פּראָלעטאַריאַט“, „סאָציאַלע פילאָזאָפיע פון תנ״ך“, „דער יובל־געדאַנק“) איז נישט מעהר ווי אַן אויסדרוק פון דעם מחבר׳ס פּערזענליכע אַנשויאונגען.

ה. זש.

פּאַריז, תרצ״ג.

צו דער שארית הפליטה

מיר ברענגען פאר דער שארית הפליטה אין דייטשלאנד דעם זאמל־בוך פאר בית״רישער יוגנט פון ז. זשאבאטינסקי, ז״ל, אלס ערשטער באנד אין אונזער יוגנט ביבליאטעק.

נאך קיינמאל, ווי היינט, האט זאב זשאבאטינסקי, ז״ל געפעלט דעם יידישן פאלק, די שארית הפליטה.

יעדער איינער פון אונז טראכט היינט, אין די שווערע שעהן פון אונזער קאמף פאר א יידישער מדינה, אז ספעלט דער גרויסער טריבון, דער אויס־געפרוווטער שיפס־קאפיטאן, וואס זאל פירן אונזער שיף איבער די ברויזנדע כוואליעס פון דער געשיכטע צום זיכערן ברעג.

ווייט פון ארץ־ישראל—דאס לאנד פאר וועלכע ער האט זיין גאנץ לעבען געאפפערט, אין א קליין שטעטל נעבן ניו־יארק, רוען די ביינער פון גרויסן יידישן מנהיג, פון גרויסן נאציאנאלן יידישן וועג־ווייזער. גרויס איז געווען זיין גלויבן אין אפולשטענדיקער באלדיקער יידישער באפרייאונג. אין גייסט פון דעם גלויבן האט ער דערצויגן די יידישע יוגנט, פאר דעם גלויבן האט ער געפירט א שווערן קאמף מיט אלע אויסערלעכע שונאים און אינעווייניקסטע דעפיטיסטן. ביים לעצטן עטאפ פון דעם קאמף איז ער געפאלן.

ווי אלע גרויסע נביאים פון יידישן פאלק, ווי אלע גרויסע העלדן, וואס האבן וועלטן חרוב געמאכט און זיי ווידער אויפגעבויט, האט ער די פארווירקלעכונג פון זיין נבואה נישט דערלעבט, די יידישע וועלט און אין איר אויפערשטייאונג נישט זוכה געווען צו זען.

דערצויגן האט זאב זשאבאטינסקי די יוגנט צו גרונטלאזער אפטער־וויליקייט, צו האלטן אין איין האנט דעם פאנצער און מיט דער צווייטער בויען.

„סאיז נישט פאראן קיין תורה אויף דער וועלט, וואס זאל אונז דער־מעגלעכן אויפצובויען דאס לאנד אן קרבנות און אן פארטיידיקונג פון דאס פאטערלאנד"

„איר האט דערצויגן אונזער פאלק און דעם יונגן דור צו גלויבן, אז די, וואס שטייען אין דער שפיץ— וועלן מיט א צויבער שטעקל אומקערן די וועלט.

אויך איר גלויבט אין משיח, וואס וועט קומען, איר טונקט אבער נישט איין קיין פינגער צו פארשנעלערן זיין אנקום. אויך איך גלויב אין דאס אייביקייט פון יידישן פאלק, און דער גלויבן איז דער מארך פון מיין לעבן; דאס פאר־שטארקט מיין כוח אין קאמף. אבער אויך דאס יידישע פאלק אליין מוז עפעס טאן, בכדי ער זאל עקזיסטירן אויף אייביק״.

,,מיין גלויבן זאגט מיר, אז ס'וועט קומען דער טאג און מיין פאלק וועט זיין גרויס און אומאפהייננגיק, און אר״י וועט לייכטן מיט אלע אירע העכסטע נאטור־פארבן, דורך דעם שווייס פון אירע קעמפענדע און בויענדע קינדער״.

,,מיין ארבעט איז די ארבעט פון א בויער, וואס בויט א נייעם בית מקדש פאר דעם איינציקן גאט, וואס הייסט דער יידישער פאלק״, זאל זיין וואס ס'וועט זיין—איך קען נישט קיין פארצווייפלונג. ווען ס'קומט מיין ריי, לייג איך אויך מיין ציגל און דאס איז מיין ענטפער אויף יעדן געטומל, אויף יעדן איינפאל״.

און דאס איז אויך היינט דער ענטפער פון טויזנטער יידישע יונגעליים און מיידלעך, וואס זיינען דערצויגן געווארן אין גייסט פון גרויסן אומפארשטער־בלעכן זאב זשאבאטינסקי. זיי לייגן אין טאג־טעגלעכן קאמף דורך אומערמיד־לעכע קרבנות די ציגל צום גרויסן בית מקדש: א יידישע מדינה אין די היסטארישע גרענעצן פון ארץ־ישראל, ווי זאב זשאבאטינסקי ז״ל האט דאס געטאן, ווי ער האט געלערנט.

זיי טוען דאס, כאטש דעם איינפאל פון אויסן און דעם געטומל פון אינעווייניק.

לייען דורך, שארית־הפליטה־ייד, דעם זאמלבוך, וואס איז א טראפן אין דער גרויסער שאפונג פון זאב זשאבאטינסקי ז״ל, און בלייב נישט שטיין אן א זיים.

קום, העלף דיין פאלק, העלף זיך.

די ארויסגעבער

מינכן, אין גלות דייטשלאנד, תמוז תתש״ז

א פארלעזונג
וועגן אידישער געשיכטע

א.

נישט זייענדיג קיין מאַרקסיסט, מעג מען דאָך אָננעהמען איין פּרינציפּ אַ מאַרקסיסטישען: אַז דער הויפּט-פאַקטאָר פון אַלע געשיכטליכע ערשיינונגען איז דער צושטאַנד פון די פּראָדוקציאָנס-מיטלען. ווען אָבער אַ געוועהנליכער מאַרקסיסט רעדט וועגען „פּראָדוקציאָנס-מיטלען", זענען דאָס פאַר איהם נאָר די מאַטעריעלע מיטלען: דער שטיין-האַמער אין פאָרהיסטאָרישע צייטען, די אייזערנע מאַשין אין אונזערע טעג. דאָ האָט ער אַ טעות. דאָס זענען נישט די אמת'ע וויכטיגסטע מיטלען פון פּראָדוקציע. איידער אַ מענש מאַכט דעם ערשטען האַמער מוז ער זיך *פערטראַכטען* וועגען דעם, וואָס ער וויל פּראָדוצירען און וואָס עס פעהלט איהם דערצו, און דאַן מוז ער *אויסטראַכטען* דעם האַמער. די הויפּטזאַך דאָ איז דאָס „טראַכטען". דאָס אויבערשטע, דאָס ערשטע און וויכטיקסטע פון אַלע פּראָדוקציאָנס-מיטלען איז אונזער גייסטיגער אַפּאַראַט.

דער גייסטיגער אַפּאַראַט אָבער איז ביי יעדער ראַסע אַ פערשיעדענער. דאָס האָט גאָרנישט צו טהון מיט דער פראַגע, צי עס איז בכלל פאַרהאַן „ריינע" ראַסען. אַוודאי איז יעדע ראַסע אַ „געמישטע", מיר אידען אויך — אָבער די מישונג איז אַ פערשיעדענע. אין כעמיע גיבען צוויי דאָזען וואַסערשטאָף מיט איין דאָזע זויערשטאָף — וואַסער; צוויי דאָזען וואַסערשטאָף מיט צוויי דאָזען זויערשטאָף געבען שוין גאָר אַנ'אַנדער מין פליסיגקייט, וואָס טרינקען זי טאָר מען נישט, אָבער מ'קאָן דערמיט מאַכען פון אַ ברונעטער דאַמע אַ בלאָנדע. די „אינגרעדיענטען", פון וועלכע עס האָט זיך געבילדעט די אידישע ראַסע, און די פּראָפּאָרציע פון זייער צוזאַמענמישונג זענען נישט די, וואָס ביי איטאַליענער אָדער ביי ענגלענדער, און דאָס איז גענוג פאַר דער פערשיעדענקייט. אירלענדער זענען אַ מישונג און שאָטלענדער אויך, אָבער דער אונטערשיד פון דער פסיכיק, ד.ה. פון

גייסטיגען אַפּאַראַט, איז אַ געוואַלדיגער, כאָטש דאָ זענען די „אינגרעדיענטען" אַפילו כמעט די זעלבע — נאָר אין פערשיעדענער פּראָפּאָרציע. און די נאַטור פון דעם „גייסטיגען אַפּאַראַט" הענגט אָב פון „ראַסע": דער „שכל", די גרעסערע צי די קלענערע מאָס פון נייגונג צו זוכען נייע וועגען, די גרייטקייט צו אונטערוואַרפען זיך אַ בעשטעהענדען צושטאַנד אָדער די דרייסטקייט, וואָס שטופּט צו ערפינדונגען, די עקשנות אָדער להיפך — אַ טבע, וואָס ווערט מיצד נאָך דעם ערשטען מיסערפאָלג. דאָס אויבערשטע פּראָדוקציאָנס-מיטעל איז אַליין אַ פּראָדוקט פון „ראַסע".

דאָס איז די סיבה, פאַרוואָס יעדע קלאָר-אויסגעשפּראָכענע ראַסע שטרעבט צו ווערען אַ „נאַציע", ד. ה. זי שטרעבט צו שאַפען אַן׳אָבגעזונדערטע געזעלשאַפט, וואו אַלצדינג זאָל זיין „בצלמנו כדמותנו" — זאָל ענטשפּרעכען איהר אייגענעם טעם, איהרע אייגענע געוואוינהייטען, איהרע אייגענע מעלות און חסרונות. אַלצדינג: די שפּראַך, די ווירטשאַפט, דער פּאָליטישער אויפבוי: בקיצור — די „קולטור". ווייל אַ „נאַציאָנאַלע קולטור" בעשטעהט נישט נאָר פון ביכער און מוזיק, ווי פיעלע שטעלען זיך פאָר. אַ נאַציאָנאַלע קולטור איז דער סך-הכל פון אַלע מנהגים און אינסטיטוטען און לעבענס-פאָרמען פון אַ פאָלק. דאָס, וואָס ביי די דייטשען הערשט אין אַלצדינג אַזאַ פּינקטליכקייט און ביי די רוסען אַזאַ נטיה צו וואַרפען זיך פון איין עקסטרעם אין אַנדערען, „אָדער תמוז אָדער טבת" — דאָס געהערט אויך צו נאַציאָנאַלער קולטור. דער וויכטיגסטער חלק פון ענגלישער נאַציאָנאַלער קולטור איז גאָר נישט שעקספּיר: עס איז יענע אייגענשאַפט, וואָס האָט זיי געהאָלפען שאַפען דאָס פּאַרלאַמענטאַרישע סיסטעם און דאָס געריכט פון געשווירענע איידער אַנדערע פעלקער האָבען דאָס איבערגענומען. בשעת איין נאַציע נעהמט איבער ביי אַ צווייטער, איז דאָס אויך נישט דאָס זעלבע: ביי יעדער ראַסע בעקומט דאָס איבערגענומענע אַן׳אַנדערע פאָרם — למשל, אָט דערזעלבער פּאַרלאַמענטאַריזם, וואָס טראָגט איין כאַראַקטער אין ענגלאַנד און אַ גאַנץ אַנדערען אין שפּאַניען צי פראַנקרייך. דאָס הייסט נישט, אַז ביי איין פאָלק איז די זאַך „בעסער" און ביים צווייטען „ערגער", אָבער זי איז פערשיעדען.

אויף ווירטשאַפט בעציהט זיך דאָס אפשר נאָך מעהר ווי אויף פּאָליטיק. ווירטשאַפט איז שטרענג „נאַציאָנאַל": מענשען פערגעסען דאָס, ווייל זיי זעהען, אַז די פּראָצעסען פון עקאָנאָמישען לעבען זענען אין יעדען לאַנד דיזעלבע. אָבער אונטער עהנליכע פּראָצעסען ליעגט שטענדיג אַ געוואַלדיגער אונטערשיעד פון פאָרמען, מנהגים, טעמפּעראַמענטען. פראַנקרייך און ענגלאַנד זענען ביידע שטאַרק אינדוסטריאַליזירט און פערמאָגען דיזעלבע מאַשינען; אָבער עס איז גענוג אָבצולעבען עטליכע יאָהר אין ביידע לענדער, כדי צו דערזעהען דעם תהום צווישען אַלע זייערע מעטאָדען פון ווירטשאַפטליכער אַקטיוויטעט.

יעדע קלאָר-אויסגעשפּראָכענע ראַסע שטרעבט צו ווערען אַ נאַציע, ד. ה. צו שאַפען פאַר זיך אַ ווירטשאַפטליכע, פּאָליטישע און גייסטיגע אומ-

בעבונג, וואו יעדער פרט איז צבּוּשטאַנען פון איהר אייגענעם „טראַכטען" און דעריבער ענטשפּרעכט ער איהר אייגענעם „געשמאַק". אַזאַ אומגעבונג קאָן מען אויפבויען נאָר אין אַנ׳אייגענעם לאַנד, וואו יענע ראַסע איז דער בעל־הבית. דעריבער שטרעבט יעדע ראַסע צו ווערען אַ שטאַאַט. יעדע: די איינע שטרעבט שטאַרק, ווייל זי האָט אין זיך דערצו די נויטיגע „עקשנות", די אַנדערע שוואַכער, ווייל עס פעהלט איהר דער כּוח פון ווי־דערשטאַנד; אָבער אינסטינקטיוו וויל זי דאָס, ווייל נאָר אין אַנ׳אייגענעם שטאַאַט איז איהר „בעקוועם" און אַנדערש איז איר „אונבעקוועם" — אונ־בעקוועם אפשר נישט בלויז פאַר איהר אַליין, נאָר צמאָל אויך פאַר איהרע שכנים די בעלי־בתּים.

ב.

די בולט׳סטע אילוסטראַציע פון אָט דעם געזעץ, אַז אַ „ראַסע" זוכט שטענדיג צו לעבען אין אַנ׳אומגעבונג, וואָס זי האָט אַליין געשאַפען אין איינקלאַנג מיט איהר אייגענעם פּסיכישען „פּראָדוקציאָנס-מיטעל" — זענען די אידען. אונזער געשיכטע הויבט זיך אָן, מעהר ווי דריי טויזענד יאָהר צוריק, מיט זוכען פאַר זיך אַנ׳אייגען לאַנד; און היינט זוכען מיר ווידער אַ לאַנד, און ווידער דאָסזעלבע.

אָבער נישט נאָר אין אָט דעם „ציוניזם" פון דור המדבר ביז צו די חלוצים דריקט זיך אויס אונזער אייביגע שטרעבונג צו האָבען אַנ׳„אייגען לאַנד". אַז מ׳קוקט זיך גוט אַריין, דערזעהט מען די זעלבע שטרעבונג אין אַלע הויפּט-ערשיינונגען פון אונזער גלות-געשיכטע: אי אין אונזער ווירט-שאַפטליכען לעבען, אי אין אונזער בעציהונג צו רעליגיעזער מסורה, און אַפילו אין דעם אופן פון אונזער טאָג-טעגליכען לעבען ביז היינט צו טאָג.

בשעת אַ שונא ישראל זידעלט אונז, אַז מיר זענען הויפּטזעכליך סוחרים (אָפט זאָגט ער אַפילו: מלווים), ענטפערען מיר געוועהנליך: עס איז נישט אונזער שולד — א י ה ר האָט אונז נישט דערלאָזען צו קיין אַנ־דערע מלאכות. אַקעגען אַ שונא ישראל איז דאָס אפשר אַ גוטער תירוץ; היסטאָריש איז דאָס אָבער נישט אמת. דער גרויסער היסטאָרישער פאַקט, אַז ביז נישט לאַנג צוריק זענען מיר טאַקי הויפּטזעכליך געווען פערנומען אין האַנדעל, און אַז אין דער ענטוויקלונג פון געלד-אומזאַץ און קרעדיט האָבען מיר טאַקי לאַנג געשפּיעלט די הויפּט-ראָלע ביי אַלע ציוויליזירטע פעלקער, איז גאָר נישט קיין „אויפגעצוואונגענע" ערשיינונג: עס איז, אין זיין אורשפּרונג, אונזער אייגענער רצון און אייגענער אויסוואַהל. דער ערש־טער ביישפּיעל שטעהט נאָך אין תנ״ך. אַז יוסף׳ס ברידער זענען איינגע־וואַנדערט קיין מצרים, האָט ער זיי געגעבען אַזאַ עצה: זאָגט דער רעגי־רונג, אַז איהר ווילט זיך פערנעהמען מיט פּאַשען בהמות, „כּי תועבת מצרים כּל רועה צאן" — ווייל די עגיפּטער בעשעפטיגען זיך נ י ש ט מיט דער דאָזיגער מלאכה. די עצה איז געווען אַ דאָפּעלט קלוגע: ערשטענס, ווען

איהר זיי נישט שרעקען מיט קיין קאָנקורענץ; און צווייטענס — אָט האָט
איהר אַן׳אָבגעזונדערטען ווירטשאַפטליכען ווינקעל, וואו איהר מעגט שאַפען
אייערע אייגענע מנהגים, לעבען מעהר צי וועניגער ווי עס פּאַסט אייך,
און נישט אָנשטויסען זיך אויף אַ מצרי אויף יעדען שריט. — און דאָס איז
די עצה, וואָס אידען האָבען געפאָלגט אויך אין די שפּעטערע גלות-וואַנדע-
רונגען, „תועבת מצרים" הייסט נישט שטענדיג, אַז דער „מצרי" האָט עס
ווירקליך פיינד: זעהר אָפט בעדייט עס פּשוט, אַז דער „מצרי" איז נאָך
נישט דערוואַקסען צו אַ געוויסער ווירטשאַפטליכער פונקציע, האָט נאָך נישט
ענטוויקעלט ביי זיך די נויטיגע פעהיגקייטען צי קענטנישען דערצו. דערי-
בער, אין יענע יאָהרהונדערטער, ווען די וועלט האָט שוין אָנגעפאַנגען צו
בעדאַרפען אַ וועלט-פערברייטערטע געלד-ווירטשאַפט, אָבער ביי די פעלקער
אַליין איז נאָך נישט געווען גענוג פּאַסיגע לייט פאַר דער דאָזיגער פונק-
ציע, האָבען אידען אויסגעוועהלט טאַקי די דאָזיגע „תועבת מצרים". ערשט
פיעל שפּעטער, און צוליעב גאָר אַנדערע סיבות, האָט מען זיי טאַקי פער-
באָטען צו בעשעפטיגען זיך מיט אַנדערע מלאכות; אָבער אין אָנפאַנג, אין
אורשפּרונג, איז דאָס געווען אונזער אייגענע פרייוויליגע וואַהל. מיר האָבען
פּשוט אויסגענוצט עקאָנאָמיק ווי אַ מיטעל פון נאַציאָנאַלער אָבזונדערונג
ווי אַן׳ערזאַץ פאַר אייגענער טעריטאָריע.

ג.

דאָסזעלבע איז געשעהען מיט דער מסורה. דורך די אַלע יאָהרהונ-
דערטער פון גלות האָבען מיר געגאָלטען פאַר אַ פאָלק מיט אַ ביישפּיעללאָז-
קאָנסערוואַטיווער בעציהונג צו רעליגיע. קריסטען האָבען זיך צעטיילט אויף
דריי גרויסע און צוואַנציג קלענערע קירכען, די מאַכמעדאַנער — אויף שי-
איטען און סוניטען. אָבער ביי אונז איז אפילו קיין „סעקטען" נישטאָ. פון
וואַנען קומט דאָס? בשעת מיר האָבן נאָך געלעבט אין אונזער אייגענעם
לאַנד, זענען מיר גאָר נישט געווען אַזוי „קאָנסערוואַטיוו". די רעליגיעזע
געשיכטע פון יענע צייטען איז אַ געשיכטע פון שטענדיגער בעוועגונג, ענט-
וויקלונג, בענייאונג. צווישען דעם אָנהויב פון מאָנאָטעאיסטישער אויפפאַ-
סונג, וואָס איז צוזאַמענגעבונדען מיט אַברהם אבינו, און דעם „יודאַיזם",
ווי ער האָט אויסגעזעהען אין דער צייט פון די לעצטע חשמונאישע קע-
ניגען, איז דער אידישער רעליגיעזער געדאַנק איבערגעגאַנגען דורך גפערשי-
דענע סטאַדיען — משה רבינו, די נביאים, די „לעוויטישע" געזעצגעבונג.
און סעקטען האָבען מיר אויך דעמאָלט געהאַט — פון די עלטעסטע „בני
בית רכב" ביז צו די שפּעטע „איסיים"; קריסטענטום אַליין איז איי אָנ-
פאַנג געווען נישט מעהר ווי אַ אידישע סעקטע. אָבער נאָך דער נאַציאָנאַ-
לער קאַטאַסטראָפע הערט דאָס אַלץ אויף צו „קאָכען". ווער עס
וויל, געהט אַוועק פון אידענטום און ווערט אַ משומד, אָבער אין
אידענטום גופא בלייבט נאָר איין מסורה. די שאַרפסטע ח.כמים, תנאים,
אמוראים, שטרענגען זיך אָן די מוחות אַרויסצוגעפינען די קלענסטע

פערבאָרגענע סודות פון דער מסורה, דיסקוטירען, פּאָלעמיזירען, היצען זיך, יוערען אַמאָל ברוגז איינער אויף דעם אַנדערען — אָבער צו קיין אינער-ליכער אָבצווייגונג, צו קיין סעקטען קומט דאָס נישט; די טיעפסטע שפּאַל-טונג, וואָס איז פאָרגעקומען, די חסידות, איז בנוגע צו מסורה פונקט אַזוי אָרטאָדאָקס ווי דער ווילנער גאון. פון וואַנען נעהמט זיך אַזאַ ענדערונג? ווי אַזוי איז אַ פאָלק, וואָס אין זיין אייגען לאַנד איז עס געווען, אין רע-ליגיעזען זין, דאָס אומרוהיגסטע פון דער גאַנצער ערד, אַ פאָלק, וואָס אויף יעדעס דף כתבי־קודש האָט דער רבונו של עולם מיט אים צו טהון פאַר זיינע אַנטי-אָרטאָדאָקסישע נטיות, — ווי אַזוי און פאַרוואָס איז אַזאַ פאָלק פּלוצים געוואָרען אַ ביישפּיעל פון שטרענגסטער, אונבעוועגליכסטער אָרטאָ-דאָקסיע?

ווייל עס האָט פערלוירען זיין לאַנד, און זיין שטאַרקסטעס מיטעל צו „איזאָלירען" זיך פון צופיעל קאָנטאַקט מיט אַרומיגע פעלקער איז גע-בליבען זיין רעליגיע. אַז עס ווערט פערפאַלען דער נאַטירליכער „איזאָלאַ-טאָר" — די טעריטאָריע — מאַכט מען פון אַלצדינג אַן ערזאַץ פון דער טעריטאָריע; בעזונדערס פון אַזאַ מעכטיגען אָבזונדערונגס-מיטעל ווי די רע-ליגיעזע מסורה. דערפאַר מוז אָבער די מסורה ווערען אַבסאָלוט אומבעוועג-ליך. דער מענש לעבט אויף דער ערד, און דאָס ערגסטע אומגליק פאַר איהם איז ערד-ציטערניש: ווען זיין איינציג „שטיק ערד" איז זיין מסורה, טאָר ער איר נישט דערלאָזען אפילו קיין ציטער. וואָס ער קאָן יאָ דערלאָ-זען, וואָס ער וועט אַפילו זוכען מיט דער גאַנצער שאַרפקייט פון זיין מוח איז — אַרויסצוגעפינען אין דער מסורה וואָס מער „איזאָלירנדע" מאָמענטן. ער לייגט אויף זיך אַרויף הונדערטער קאָמפּליצירטע מנהגים פון כשרות; זיי זענען שווער צו טראָגען, בפרט פאַר אַן'אָרעם פאָלק — אָבער דאָס פאָלק טראָגט זיי הייליג, ווייל זיי „איזאָלירען" דעם איד פון זיין אומגעבונג, העלפען איהם שאַפען זיך כאָטש אַן'אילוזיע פון אַ שאָטען פון אייגענער סביבה: אויב ס'איז נישטאָ קיין שטאַאַט, זאָל זיין כאָטש אַן'ערזאַץ פון שטאַאַט.

און פונקט אַזאַ מין ערזאַץ פון שטאַאַט, אַפילו אַ בוכשטעבליכער „ערזאַץ" איז געווען דאָס „גהעטאָ", דאָס אָבגעזונדערטע אידען-פירטעל. עס איז ווידער נישט אמת, אַז פון אָנפאַנג אָן האָט מען אונז „אַריינגעטריעבען" אין גהעטאָ. אין אורשפרונג האָבען מיר אַליין געשאַפען אַ גהעטאָ אין יע-דער שטאָדט: ערשט פיעלע יאָהרהונדערטער שפּעטער, און צוליב גאַנץ אַנ-דערע סיבות, האָט די גויאישע מאַכט פערשפאַרט דעם גהעטאָ'ס טויערען מיט שלאָס און קייט. יעדעס פאָלק, אַפילו אין אונזערע טעג, שאַפט פאַר זיך אַ גהעטאָ דאָרטען, וואו עס וויל האָבען כאָטש אַ אילוזיע פון „אין דער היים", ווייל נישט אַנשטויסען זיך אויף פרעמדע אויף יעדען שריט און טריט: נישט נאָר אידען אין ניו-יאָרק, אָבער אויך ענגלענדער אין שאַנכאַי.

אַזוי האָט זיך דער איד דערהאַלטען אין גלות, אויסנוצענדיג יעדעס געביעט פון זיין לעבען ווי אַ מיטעל פון איזאָלירונג: ווירטשאַפטליך איזאָ-לירט אַ דאַנק דעם, וואָס ער פלעגט זיך אויסקליבען אַן'עקאָנאָמישע ספּע-

רע, וואו עס איז נאָך נישטאָ אַזוי פיל גוים; דאָפּעלט איזאָלירט אַ דאַנק דעם, וואָס ער האָט זיך אָבגעזאָגט פון יעדען רעוויזיאָניזם אין בעצוג אויף מסורה, און אין דער מסורה אַליין בעזונדערס אונטערגעשטראָכען די איזאָלירענדע מאָמענטען; דרייפאַך איזאָלירט אַ דאַנק דעם גהעטאָ. דאָס האָט איהם געקאָסט די גאַנצע ברייטקייט, דעם גאַנצען שוואונג פון געזעלשאַפטליכען און אינדיווידועלען לעבען; אָבער דעם פרייז האָט ער רוהיג און וויליג בעצאָהלט, נאָר כדי די ראַסע זאָל קאָנען לעבען, כאָטש אַנ'ענג בעגרענצט מין לעבען, אַבי אין אייגענער סביבה; אָטעמען, כאָטש נאָר מיט איין לונג, אַבי אַנ'אייגענע געזעלשאַפטליכע לופט.

ד.

אָפט פרעגט מען זיך: פאַרוואָס איז דער ציוניזם אַזוי שטאַרק איצט, ווען די אַלטע אידישע „גאַנצקייט" איז שוין אַזוי אָבגעשוואַכט געוואָרן; פאַרוואָס האָט ער נישט געקאָנט אויפבליהען אין די פערגאַנגענע יאָהרהונדערטער, בשעת יעדער איז טאַקי באמת נאָך געווען אַ ציוני דורך און דורך?

די סיבות זענען פערשיעדענע, אָבער אָט איז די וויכטיגסטע: ווייל איצט איז געקומען אַ צייט, ווען די אַלטע „ערוצען", די קינסטליכע איזאָלאַטאָרען" זענען זיך צעפאַלען; און דעריבער האָט זיך דער נאַטירליכער, דער אונזיעגבאַרער אימפולס צו איזאָלאַציע אַ כאַפּ געטהון זוכען דעם אמת'ען, דעם ווירקליכען איזאָלאַטאָר פון נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ — אַ לאַנד.

צוערשט איז זיך צעפאַלען דערווירטשאַפטליכער איזאָלאַטאָר: די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג האָט ענדליך געצוואונגען דעם „בצרי" אַריינצושטופען זיך מאַסענווייז אין די „אידישע" פראָפעסיעס. אויף וויסענשאַפטליכען לשון הייסט דאָס: אין מזרח-אייראָפּאַ איז ענטשטאַנען אַנ'אייגענע נישט-אידישע בורזשואַזיע. און דער איד איז נישט מעהר עקאָנאָמיש איזאָלירט. דאַן איז געקומען דער פונאַנדערפאַל פון „גהעטאָ", פון זעם געשלאָסענעם שטאָדטפּיערטעל: טיילווייז צוליעב נייע אָנשויאונגען וועגען פרייהייט און גלייכקייט, בעזונדערס אָבער צוליעב דעם, וואָס די מאָדערנע ווירטשאַפט דולדעט נישט קיין אָבגעזונדערטע סאָציאַלע „קליילעך" — ווי זי ברעכט די מויערען פון גויישען „דאָרף" און שלעפט זיינע איינוואוינער אין שטאָדט, פונקט אַזוי, — און אַ סך גרינגער — ברעכט זי די מויערען פון אַ „גהעטאָ". און אָט די ביידע ערשיינונגען, צווינגענדיג דעם אידען צו בעטייליגען זיך אין דעם לעבען און אין די געדאַנקען פון זיין פרעמדער סביבה, האָבען אָבגעשוואַכט אויך דעם דריטען „איזאָלאַטאָר", דעם שטאַרקסטען פון אַלע: די אונבעוועגליכע מסורה, בפרט דעם ריטואַליסטישען אינהאַלט איהרען, וועלכער פלעגט שאַפען ווי אַ וואַנד צווישען אונז און אַפילו די נעכסטע שכנים און שותפים אונזערע. ווי נאַקעט, ווי אויסגעזעצט אויף יעדען פרעמדען ווינד אָהן אַ פאַרוואַן אפילו, איז דער איד געבליבען פלוצלונג אינמיטען דער פרעמדער גאַס. צוערשט — אין די ערשטע פופציג יאָהר — איז עס

איהם אפילי געפעלען, אָדער אַזוי האָט ער געגלויבט, אַז עס געפעלט איהם. אָבער דער סוף איז דער, אַז אַט שטעהט ער היינט פאַר דער וועלט און זוכט דעם. איזאָלאַטאָר: אַ לאַנד.

און אַפילו וועגען דער קורצער צייט. ווען ער האָט נאָך געגלויבט, אַז „עס געפעהלט איהם" דערטרונקען צו ווערען אין דעם ליאַרעם און דעם רייכטום און דער שענקייט פון אַ פרעמדער סביבה, — איז אויך נאָך אַ גרויסע פראַגע, צי דאָס איז באמת געווען „אַסימילאַציע". ביי פעלקער, וואָס זענען לאַנג געווען אונטערדריקט, הויבט זיך אָן די נאַציאָנאַלע בעוועגונג שטענדיג מיט אַ פעריאָד פון „אַסימילאַציע". זיעבציג יאָהר צוריק זענען אַלע בעאָבאַכטער געווען איבערצייגט, אַז די טשעכען ווערען „פערדייטשט"; און ערשט מיט אַ יאָהר דרייסיג צוריק פלעגען צעהנדליגער טויזענדער אינדוסען אויסלאַכען זיך וועגען „אייגענער נאַציאָנאַלער קולטור" און זינגען נאָר ענגלישע ליעדער. דער פועל־יוצא איז אָבער געווען גאָר אַן אַנדערער; און איצט זעהט מען, אַן אָביעקטיוו, פון היסטאָרישען שטאַנדפונקט, איז אַזאַ סטאַדיום פון אַסימילאַציע נישט מעהר ווי דער ערשטער שריט פון נאַציאָנאַלער ערוואַכונג. אַ פאָלק האָט לאַנג געלעבט אין קעלער; פלוצלונג שלעפט זיי דאָס לעבען אַרויס אויף דער גאַס, צווינגט זיי צו קעמפען פאַר עקזיסטענץ מיט די נייע כלי־זין פון מאָדערנער קולטור — זיי פערמאָגען אָבער דערווייל נאָך נישט די דאָזיגע כלי־זין, זיי מוזען ערשט לערנען, און לערנען קאָנען זיי נאָר ביי די פרעמדע. וואַרפען זיי זיך לערנען ביי די פרעמדע, מיט התפעלות און מיט התלהבות, און פון דרויסען (אָדער אפילו פון אינעווענינ) זעהט עס אויס, אַז דאָס איז דער אָנפאַנג פון „אַסימילאַציע", און אַז דאָס גאַנצע פאָלק וועט באַלד פערשווינדען. אָבער ווי נאָר דער ערשטער דור האָט זיך אויסגעלערנט בענוצען די נייע לעבענס-מעטאָדען — קומט אַ צווייטער און הויבט אָן צו איבערזעצען די פרעמדע קולטור אויף זיין אייגענעם לשון (לשון פון ליפען און לשון פון האַרץ); און דער סוף איז אַ טשעכאָסלאָוואַקישע רעפובליק, מאָרגען אפשר אַן'אינדישע.

רבותי: ווי די אייגענאַרטיגקייט פון אונזער גלות-עקאָנאָמיק, ווי אונזערע כשרות־מנהגים, ווי דאָס געהעטאָ-אַליין זענען געווען נישט אַנדערש ווי נאָר פערשיעדענע פאָרמען פון אַן'אייביגען „ציוניזם", פונקט אַזוי איז אונזער אַסימילאַציע געווען נישט עפעס אַנדערש, ווי אַן'עטאַפּ פון נאַציאָנאַלער אויפלעבונג, אַ שריט אויפן וועג פון ציון צו ציון.

וואס בעדייט א „קליינער" ציוניזם?

א.

מר. שילס, לארד פאספיעלד, ד"ר מאגנעס און אנדערע געטרייע פריינד פון אידישען פאלק האלטען אצינד אין איין בעהויפטען, אז קיין אידענשטאאט אין ארץ־ישראל האט מען אונז גארנישט פערשפראכען, און אז אידען דארפען גארנישט קיין שטאאט, נאר קאנען זיך בעגעהן מיט בלאט א „היים"; און דאס וועט זיין גענוג און וועט מאכען אידען גליקליך. דאס הייסט „קליין־ציוניזם", צו אונטערשיידען פון „גרויס־ציוניזם", וועלכער פערמאגט נארישע שטאאטס־חלומות. לאמיר זיך אלזא צוקוקען צום קליין־ציוניזם: ווי זעהט ער אויס פנים־אל־פנים, וואס פאר א מין לעבען פערשפרעכט ער אונז? דערביי לעג איך אוועק — אויף א מינוט, נישט אויף אייביג — די פראגע, צי באמת האט מען אונז קיין אידענשטאאט „נישט פערשפראכען" (ווייל איך האלט, אז מ'האט אונז דעם אידענשטאאט יא פערשפראכען, אבער וועגען דעם אנ'אנדערש מאל). לאמיר אויך אבילעגען די פראגע, וואס אייגענטליך קאן זיין דער רעכטליכער אינהאלט פון דעם אויסדרוק „נאציאנאלע היים", אויב עס דארף נישט זיין און דארף נישט ווערען קיין נאציאנאלער שטאאט. לאמיר פשוט אננעמען אויף א מינוט: גוט, גע'פועל'ט; עס וועט זיין א „היים" אהן א שטאאט. גוט, גע'פועל'ט, קליין־ציוניזם. טא־וואס וועלען זיין די פאלגען?

דאסווארט „קליין" איז גארנישט קיין זידעל־ווארט. א זאך מעג זיין קליין און דאך גוט, מ'טאר נישט זאגען: פע, ס'איז קליין, בכלל טאר מען קיין שום זאך נישט אוועקמאכען מיט דער האנד. צו יעדער זאך מוז מען זיך ערשטענס צוקוקען. צוקוקען הייסט פארשטעלען זיך, אז אט עקזיסטירט זי שוין, יענע זאך, אט איז זי שוין געווארען א פאקט, וואס בעשטעהט און האט זיין ווירקונג אויף דאס פראקטישע לעבען. אלזא — וואס פאר א ווירקונג?

כאָטש אַהיים אָהן אַ שטאַאַט איז אַ בעגריף, וואָס קיין שום חכם פּיז היינט איז נישט אימשטאַנד געווען צו ערקלערען, ווי זעהט זי אויס, איין פּרט פון איהר — אַ נעגאַטיווער — איז קלאָר. דער פּרט בעשטעהט אין דעם, אַז דאָס טאָר נישט ווערען קיין אידענשטאַאַט. אַט די בעדינגונג איז די הויפּט-בעדינגונג, די לעבענס-בעדינגונג פון קליין-ציוניזם. קליין-ציוניזם איז אַזאַ איינריכטונג, ביי וועלכער עס מוז נישט, עס טאָר נישט ווערען קיין אידענשטאַאַט, אַפּילו אין דער צוקונפט. עס איז נישט גענוג צו זאָגען, אַז „דערווייל פּערלאַנגען מיר נישט קיין שטאַאַט, אָבער ווייטער וועט זיין, ווי גאָט וועט געבען". ווייל דאָס איז דאָך אייגענטליך די פאָרמול פון גרויס-ציוניזם. קיינער טראַכט נישט וועגען אַ שטאַאַט תיכף ומיד; אַפּילו אַזאַ פּאַנאַטישער אידענשטאַאַטלער ווי, למשל, דער אונטערצייכנעטער, פּער-שטעהט, אַז דערווייל, נאָך אויף לאַנגע יאָהרען, קאָן ארץ-ישראל נישט זיין קיין שטאַאַט. פּאַרוואָס? ווייל אַ שטאַאַט בעדייט אַ מערהייט פון אידען, און מעהרהייט שאַפט מען נאָר פּאַוואָליע, דורך אַ געהעריגע אימיגראַציע. אויב מ'וויל האָבען אַ נ׳ ע ה ר ל י כ ע ן קליין-ציוניזם, בעזונדערס אויב מ'וויל מאַכען שלום מיט די אַראַבער אויפ׳ן גרונד פון קליין-ציוניזם, מוז מען גע-בען פּאָזיטיווע גאַראַנטיעס, אַז אויך אין דער צוקונפט וועט פון אַט דער איינריכטונג נישט אַרויסשפּרינגען קיין אידענשטאַאַט. דאָס הייסט: גאַראַנ-טיעס, אַז די אידישע איינוואַנדערונג וועט נ י ש ט מסוגל זיין צו שאַפען אַ מעהרהייט אַפּילו אין דער ווייטעסטער צוקונפט.

מאַטעמאַטיש איז דאָס זעהר איינפאַך. מ'קאָן גאַנץ גענוי אויסרעכענען, וואָס פאַר אַ צאָהל אימיגראַנטען פיהרט יאָ צו אַ אידישער מעהרהייט, און וואָס פאַר אַ צאָהל פיהרט צו איהם נישט און וועט קיינמאָל צו איהם נישט פיהרען. צו דעם בעריכט פון דער אונטערזוכונגס-קאָמיסיע איז צוגעלעגט אַזאַ רעכנונג, אַפּילו אַנ'אָפּיציעלע — צוזאַמענגעשטעלט פון מר. מילס, וועל-כער איז נישט נאָר אַ וויכטיגער בעאַמטער אין ארץ-ישראל, אָבער אויך אַ מאַ-טעמאַטיקער לויט זיין בילדונג. ער האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ דיאַגראַם, לויט וועלכען מען זעהט, אַז אויב עס וועט זיין אַנ'אימיגראַציע פון 20,000 אַ יאָהר, וועלען מיר האָבען אַ מעהרהייט אַרום דעם יאָהר 1950; אויב אַנ'אימיגראַציע פון 15,000, וועט די אידישע מעהרהייט קומען אין 1960; און אויב אַנ'אימיגראַציע פון 10,000 אַ יאָהר, וועט אויף אייביגע צייטען נ י ש ט ווערען קיין אידישע מעהרהייט. דרך אַגב, איך זאָג נישט, אַז מ'קאָן זיך פּערלאָזען אויף מילס'ס חשבונות: זיי פּערמאָגען אַ סך טעות'ן, און בכלל האָט ער זיי געמאַכט אין 1920, יאַלזאַ היינט טויגען זיי נישט. איך ציטיר זיי נאָר, כדי צו דערווייזען, אַז מ'קאָן דאָס אויסרעכענען. און ע ה ר ל י-כ ע ר קליין-ציוניזם בעשטעהט אין דעם, אַז די רעגירונג מוז די אַראַ-בער גאַראַנטירען, אַז זי, די רעגירונג וועט קיינמאָל נישט ערלויבען אַזאַ צאָהל אימיגראַנטען, וועלכע קאָן יאָ ברענגען צו אַמעהרהייט.

דאָס איז אָבער נאָך נישט אַלץ. קיין אידישע מעהרהייט ווילען די אַראַבער אַוודאי נישט, אָבער דאָס הייסט נישט, אַז 49 פּראָצענט אידען אין

לאַנד וועלן זיי יאָ דערלאָזן. עס איז קלאָר, אַז בכלל ווילן זיי נישט האָבן קיין שטאַרקן אידישן פאַקטאָר אין לאַנד, און פון זייער שטאַנדפּונקט איז דאָס גאַנץ נאַטירליך. זיי וועלן אַלזאָ פערלאַנגען פון דער רעגירונג אַ פערזיכערונג, אַז נישט נאָר מען וועט אידען נישט ערלויבען צו ווערען אַ רוב, נאָר מ'וועט זיי אויך נישט ערלויבען צו ווערען אַ צו-שטאַרקער מיעוט. אַנדערש וועלן זיי נישט מאַכען קיין שלום, און אָהן שלום מיט אַראַבער איז דער קליין-ציוניזם אפילו פאַר ד״ר מאַגנעס אויך נישט ווערט קיין זופּ יויך.

דערצו נאָך מוז דאָס זיין אַ גאַראַנטיע, וואָס האָט גאָרנישט צו טהון מיט דער בעריהמטער „אויפנאַהמספעהיגקייט" פון ארץ-ישראל. אַמעריקאַנער זאָגען גאָרנישט, אַז זייער לאַנד איז נישט „אויפנאַהמספעהיג": להבך, זיי האַלטען, אַז אַמעריקא קאָן נאָך אַריינעהמען מיליאָנען און מיליאָנען — אָבער קיין איטאַליענישע און קיין אידישע מיליאָנען ווילען זיי נישט. עס איז אַ פראַגע פון נאַציאָנאַליזם אָדער „ראַסיזם", נישט פון עקאָנאָמישע מעגליכקייטען. ווען ד״ר מאַגנעס וועט האַלטען ביי מאַכען דעם שלום-אָבמאַך מיט די אַראַבער, וועלען זיי פון איהם פערלאַנגען אַ פערפליכטונג, נאַטירליך אין נאָמען פון גאַנצען פאָלק ישראל, אַז דער מאַקסימום פון אידישער אימיגראַציע מוז בלייבען קודש אויף אייביג, אויב אפילו מ'וועט מאָרגען דערוויזען, אַז אין ארץ-ישראל איז דאָ פּלאַץ פאַר דריי אָדער פיער מיליאָנען איינוואוינער. די „אויפנאַהמספעהיגקייט" וועט יאָ שפּיעלען אַ ראָליע אין דעם זין, אַז אַמאָל וועט מען נישט קאָנען אַריינלאָזען דעם גאַנצען „מאַקסימום" און מ'וועט זיך מוזען בעגנוגענען מיט אַ העלפט; אָבער איבערשטייגען דעם מאַקסימום טאָר מען נישט — אַנדערש איז דאָך ווידער דאָ די סכנה פון אַ אידישער מעהרהייט, אַלזאָ, נישטאָ קיין שלום און נישטאָ קיין קליין-ציוניזם.

ב.

דאָס הייסט, ערשטענס, אַז ארץ-ישראל וואָלט פערלוירען איהר גאַנצע בעדייטונג אַלס אַ לאַנד פון (אפילו צוקונפטיגער) אידישער אימיגראַציע. לויט מר. מילס'ענס חשבון (ער איז נישט גענוי, אָבער אַלס ביישפּיעל קאָן ער דיענען; אויף יעדען פאַל, זענען זיינע ציפערען נישט אַזוי וויט פון די ריכטיגע) מוז דער מאַקסימום זיין נישט מעהר ווי צעהן טויזענד א יאָהר (און אפילו דאָס, לויט זיין רעכנונג מאַכט פון זיי אַ געפעהרליך שטאַרקען מיעוט — אַ דריטעל פון דער בעפעלקערונג אין יאָהר 1980). 10.000 אימיגראַנטען אַ יאָהר איז אַלזאָ דאָס העכסטע, וואָס מ'קאָן האָפען ביי קליין-ציוניזם.

עקאָנאָמיש, אַלס אַ פערלייכטערונג פאַר אידען, איז דאָס גאָרנישט. אונזער פאָטענציעלער בעזערוואַר פון אויסוואַנדערונג, דאָס הייסט די אי-

דישע בעפעלקערונג פון דעם שטח פון אַקטיווען עקאָנאָמישען אַנטיסעמי־
טיזם, פערמאָגט זיעבען אָדער אַכט מיליאָנען אידען. אַלע קאָן מען זיי,
נאַטירליך, נישט עוואַקואירען, און מסתמא איז דאָס (רעדענדיג פון רייך
עקאָנאָמישען שטאַנדפונקט) גאָר נישט נויטווענדיג. וועגען איינער פון אַט
די מדינות האָט אַ גוטער קענער פון דער דאָרטיגער לאַגע געזאָגט: „אין
אונזער לאַנד זענען דאָ איין מיליאָן איבעריגע אידען". דאָס הייסט — פאַר
יענער מדינה — אַ דריטעל. אין אַנדערע מדינות איז אפשר נישט אַזוי
שלעכט, אָבער עס זענען דאָ געגענדען, וואו עס איז נאָך ערגער. מיר וועל־
לען נישט זיין ווייט פון אמת, אויב מיר וועלען אָננעמען, אַז בסך הכל
זענען איין ד ר י ט ע ל פון אידען אין יענעם טראַגישען שטח „איבעריג" —
אַלזאָ נאָהענט צו דריי מיליאָנען. אויב מ'קאָן זיי עוואַקואירען אין פערלויף
פון אַן'אָנזעהבאַרער צייט, קאָן מען ראַטעווען אי זיי, אי אפשר די אַנדערע
צוויי דריטעל; אַז נישט — וועט זיין זעהר שלעכט, צום סוף זאָגאַר קאַ־
טאַסטראָפאַל שלעכט. אָט אין דעם בעשטעהט דאָס אידישע עמיגראַציאָנס־
פראָבלעם. 10.000 עמיגראַנטען אַ יאָהר איז דאָ נישט קיין פערלייכטערונג.
און דאָס הייסט, אַז אַ זאַ ארץ־ישראל פערדיענט בכלל נישט קיין
בעזונדערע אָנשטרענגונג מצד דעם אידישען פאָלק, קיין אידענשטאַאַט וועט
עס נישט ווערען, אַלזאָ עס וועט ווערען אַן'אַראַבישער שטאַאַט; און פער־
לייכטערען די „אידען־נויט" קאָן עס אויך נישט. אויב אַזוי, זענען דאָך גע־
רעכט די אַסימילאַנטען, וועלכע האָבען שטענדיג גע'טענה'ט, אַז בעזעצען
אידען אויף לאַנד אין רוסלאַנד אָדער אינדוסטריאַליזירען אידען אין פוילען
איז פונקט אַזוי וויכטיג, ווי קאָלאָניזירען ארץ־ישראל: נישט נאָר איז דאָס
„אויך אַן'אַרבייט", אָבער עס איז פונקט אַזאַ וויכטיגע און גאולה'דיגע אויס־
גאַבע, ווי דער אויפבוי פון ארץ־ישראל, אין ארץ־ישראל פערלירט די בע־
רעכטיגונג אויף צו קאָנצענטרירען די אידישע נאַציאָנאַלע אָנשטרענגונג.
אָבער נישט דאָס איז די וויכטיגסטע פון די פאָלגען פון קליין־ציו־
ניזם. די וויכטיגסטע פון די פאָלגען איז, אַז ביי קליין־ציוניזם מוז ארץ־ישראל
אונאויסמיידליך ווערען דאָס הויפט־לאַנד פון דעם אַקטיווען און ביטערען
אַנטיסעמיטיזם. דאָס איז נישט קיין פראַזע — דאָס איז אַ לאָגישע אונפער־
מיידליכקייט.

ב.

שטעלט זיך פאָר ארץ־ישראל ביי אַ קליין־ציוניסטישער איינריכטונג
אָבער שטעלט זיך דאָס פאָר דוקא אַזוי, ווי די אָנהענגער פון קליין־ציוניזם
שטעלען זיך פאָר, דאָס הייסט אָפּטימיסטיש. זיי גלויבען דאָך, אַז דעמאָלט
וועט ערשט זיין גו:ט שלום אין לאַנד. אידען לעבט זיך גוט; ביי די
אַראַבער זענען זיי ווילקאָמענע געסט, שותפים, אַפילו אָנפיהרער אין יעדען
געזעלשאַפטליכען אָדער קולטורעלען אָדער ווירטשאַפטליכען ענין; מיט

אַנדערע ווערטער — עקאָנאָמיש לעבען דאָן די אידען אין ארץ־ישראל נישט נאָר פון זייערע אייגענער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט, ווי דאָס געשעהט מעהרסטענס היינט, נאָר פון דעם גאַנצען ווירטשאַפטליכען אָרגאַניזם פון לאַנד. אויף פּראָסט אידיש הייסט עס: מ׳פערדיענט געלד, דערביי אָבער לעבט מען גאַנץ „נאַציאָנאַל״: מ׳רעדט העברעאיש, מ׳האָט העברעאישע גימנאַזיעס און די אוניווערזיטעט, און דער שטאַאַט בעציהט זיך צו לשון־קודש און צו העברעאישע קולטור, ווי צו אַן׳אייגען קינד, נישט אַ שטיף־קינד ווי היינט. ווייטער, דאָס לאַנד ווערט בכלל רייכער: די אָנהענגער פון קליין־ציוניזם זעהען דאָך די גאַנצע „מיסיע״ אונזערע אין דעם, אַז אידען זאָלען העלפען מאַכען פון ארץ־ישראל דאָס פיהרענדע לאַנד פון גאַנץ מזרח. טאָ לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אַז עס וועט טאַקי ווערען אַזוי: אַ רייך לאַנד און גליקליכע אידען, וואָס לעבען בשלום אַ ברייט נאַציאָנאַל לעבען, אַזוי ברייט נאַציאָנאַל און אַזוי גליקליך, ווי אין קיין שום אַנדער לאַנד נישט; און דערצו הייסט עס נאָך די „נאַציאָנאַלע היים״ ווי וועט זיין די בעציהונג צו אַזאַ גן־עדן מצד די איבעריגע אידען — די, וואָס לעבען נישט אין גן־עדן, נאָר פערקעהרט?

קלאָר: די בעציהונג וועט זיין אַ זעהר איינפאַכע — זיי וועלען בע־טען און פאָדערען, אַז מ׳זאָל זיי אויך אַריינלאָזען אין גן־עדן. פערשטעהט זיך, נישט אַלע אויף איין מאָל, אָבער פּלאַץ זאָל מען פאַר זיי יאָ פאָר־בערייטען. מיט אַנדערע ווערטער: וואָס בעסער ס׳וועט געלינגען די קליין־ציוניסטישע איינריכטונג, אַלץ שטאַרקער וועט ווערען דער דראַנג פון גלות קיין ארץ־ישראל. היינט ציהט ארץ־ישראל דעם אידען ווי אַ האָפנונג, ווי כמעט אַ גייסטיגע זאַך; קיין עקאָנאָמישע גליקען פערשפּרעכט זי איהם נישט, קיין פּאָליטישען נחת אויך נישט; להפך, ער ווייס, אַז עס וועט אים מסתמא קאָסטען קרבנות. און דאָך — וואָלט מען נאָר געעפענט די טהירען, וואָלט עס זיך געשיט מיט אידען. אָבער אויב ארץ־ישראל וועט טאַקי יאָ ווערען אַ גליקליכע היים, און דערצו נאָך אַ רייך לאַנד (ד. ה. אַ לאַנד, וואָס קאָן איינגעהמען נאָך אימיגראַנטען), וועט דאָך נאַטירליך וואַקסען די צאָהל פון יענע אידען, וואָס וועלען זיך בעטען אַריינצוקומען. אויף יעדען קאַנדידאַט פון היינט וועלען זיין פינף קאַנדידאַטען דעמאָלט, און מסתמא נאָך מעהר. דער געשריי: „לאָזט אונז אַריין אין דער אידישער נאַציאָנאַל־היים!״ וועט ערשט דעמאָלט בעקומען זיין גאַנצען אימפּעט און כח.

און דווקא דעמאָלט וועלען נישט מיר און נישט די רעגירונג האָבען קיין רעכט זיי אַריינצולאָזען. אי מיר, אי די רעגירונג האָבען זיך דאָך (לויט דער לאָגיק פון קליין־ציוניסטישען געדאַנק) פערפליכטעט, אַז די אי־מיגראַציע וועט נישט איבערשטייגען דעם צוגעשטימטען מאַקסימום. הונדער־טער טויזענדער וועלען זיך בעטען, דערצו מסתמא פערהונגערטע און גע־שלאָגענע הונדערטער טויזענדער; אָבער, ווי רייך דאָס לאַנד זאָל נישט ווערען, וויפיעל מעגליכקייטען פאַר מעהר איינוואַנדערונג עס זאָל נישט זיין, איבער דעם מאַקסימום טאָר מען נישט איבערשטייגען.

וואָס געשעהט, בשעת אַ מאַסע אימיגראַנטען רייסט זיך צו פאָהרען אין אַ לאַנד, און דאָס לאַנד וויל זי נישט האָבען. די גאַנצע פּאָליציי-מאַכט פון יענעם לאַנד ווערט אָנגעווענדעט, כדי נישט אַריינצולאָזען דעם נישט-געוואונשטען אימיגראַנט. ער שאַפט זיך פאַלשע וויזעס און די פּאָליציי ענטדעקט די פאַלשעריי און טרייבט איהם אַרויס. ער זאָגט, אַז ער איז נישט מעהר ווי אַ טוריסט און קומט נאָר אויף דריי חדשים אַ קוק טהון אויף די קברי-אָבות: דער קאָנסול מוז אָבער מאַכען אַן אויספאָרשונג, צי דאָס איז נישט אַ ליגען — צי אָט דער ייד וויל זיך נישט אַריינשמוגלען אויף צו פערבלייבען. כאַפּט מען אַזאַ פערבליבענעם טוריסט אין לאַנד גופא, מוז מען איהם אַרויסטרייבען. דאָס גאַנצע פערוואַלטונגס-סיסטעם פון אַזאַ לאַנד ווערט דורכגעדרונגען מיט איין הויפּט-געדאַנק: נישט אַריינלאָזען קיין איבעריגע אימיגראַנטען. אין אונזער פאַל וועט עס קלינגען פשוט'ער: נישט אַריינלאָזען קיין איבעריגע אידען.

דער גורל פון ארץ-ישראל קאָן נאָר זיין איינער פון די צוויי: אָדער אַ לאַנד פון פרייער אידישער אימיגראַציע, אָדער אַ לאַנד, וואו אַלע מיטלען ווערען אָנגעווענדעט, כדי אָבצוהיטען די גרענעץ נעגען אידען. אין אַנדערע ווערטער — אַ לאַנד פון אויסגעשפּראָכענעם אַנטיסעמיטיזם.

ד.

כ'וואָלט נישט געוואָלט דערלעבען צו זיין איינער פון יענע גליקליכע אידען, וואָס וועלען לעבען אין אַזאַ גן-עדן. יעדער פון זיי וועט זיך מוזען פיהלען, ווי אַ פערבּרעכער. וואָס גליקליכער, וואָס בעסער, וואָס רייכער ער אַליין און אָט גאַנצע לאַנד בכלל, אַלץ ערגער דער פערברעכער. ווי אַ מענש, וואָס זיצט אויף אַ פעלז אינמיטען אַ צובייזערטען ים; זיינע ברידער ווערען דערטרונקען פאַר זיינע אויגען, און אויפ'ן פעלז איז נאָך דאָ פּלאַץ, און ער זעהט, ווי מען שטופּט זיי אָוועק אין וואַסער אַריין, און ער טאָר זיך נישט אַריינמישען. און דערביי איז ער אַליין אַ גליקליכער, לעבט בשלום מיט יענע, וואָס שטופּען זיינע ברידער צוריק אין וואַסער אַריין, און לעבט זיך „אַ ריין נאַציאָנאַל" לעבען. — מיטען פולען הארצען זאָג איך: נישט דערלעבען זאָלען אונזערע שונאים, אַז עס זאָל אַמאָל געבוירען ווערען אַזאַ אידישער דור, וואָס וועט דאָס אויסהאַלטען; און טויזענד מאָל שענער איז פערוויסט צו ווערען אין ביטערסטען גלות, איידער לעבען אַזאַ „נאַציאָנאַל לעבען".

די אָנהענגער פון קליין-ציוניזם שטעלען זיך פאָר, אַז לויט זייער סיסטעם וועלען אידען שפּיעלען אַ וויכטיגע ראָליע אויף אַלע געביעטען פון ארץ-ישראל'דיגען שטאַאַטס-לעבען. דאָס הייסט: אַנשטאָט ווייניגע אידישע פּאָליציסטען ווי איצינד, וועלען דעמאָלט זיין אַסך אידישע פּאָליציי-לייט. די פּאָספּאָרט-בעאַמטע אין יפו און אין חיפה וועלען אויך זיין אין אַ גרוי-

סען טייל אידען. אפילו די גרענעץ-וואך אויפ'ן ירדן, ביי מתולה און ביי אל־אריש! און זיי אלע וועלען זיך מוזען עהרליך בעטייליגען אין אוועקטרייבען איבעריגע אידען און אין כאפען און ארויסטרייבען אריינגעשמוגעלטע אידען. היינט האבען מיר איין הייםסאנ'ען — דעמאלט וועט יעדער ארץ־ישראל-ייד וויסען, אז זיין זוהן, זיין טאטע, זיין איידעם, זיין ברודער איז א הייםסאן; און דער גאנצער ישוב וועט זיך פיהלען, ווי א ישוב פון הייםסאנ'ס קרובים. א פיינע אונטערלאגע פאר א נאציאנאלער קולטור, וואס אזעלכע אידען קאנען שאפען, צו פארקונדען די גרויסקייט פון אידישען גייסט צווישען די פעלקער.

מ'וועט פרעגען: צו וואס דערצעהלט איהר דאס? געגען וועמען איז דאס געריכטעט? ווער אייגענטליך וויל אזא קליין-ציוניזם, אחוץ יענעם טוץ בטלנים ארום דער נישט-עקזיסטירענדער „אוניווערזיטעט?" — איהר האט א טעות, רבותי. אלע יענע ווילען דאס — דוקא דאס. — וועלכע זענען שוין היינט גרייט, ווי נאר מ'וועט אונז צוריקגעבען עטליכע הונדערט סערטיפיקאטען, צו ערקלערען „דיינו" און אבצושטעלען דעם קאמף געגען דער חברון-רעגירונג און דעם חברון-רעזשים, וואס אונזער חשוב'ער פריינד און פעטער סעמיועל איז געווען דער ערשטער איינצופיהרען אין ארץ־ישראל. ווארום קיין „קליין-ציוניזם" איז אייגענטליך נישטא. עס איז דא אדער א שטרעבונג צו שאפען א אידישען שטאאט (א גרויסע אידישע אימיגראציע פיהרט צו א אידישען שטאאט, ס'איז נאריש דאס אבצולייקענען), אדער ארץ־ישראל מוז ווערען א לאנד פון ווילדען אנטיסעמיטיזם כלפי־חוץ און פון אידישע מעררעטער כלפי־פנים.

אין א צייט פון „סטאפ אימיגריישאן"

א.

שוין עטלעכע חדשים מערקט מען אַ געהרונג אין די קרייזען פון יענעם טייל יוגענד, וואָס מ'רופט איהם ביי אונז „חלוצים": מעהר גענוי, אין דער יוגענד, וואָס פאַרבערייט זיך אין די גלות-לענדער צו זיין שפּע-טער חלוצים אין ארץ-ישראל. אַלע זיי האָט דאָס לעבען געגעבען אַ שווע-רען קלאַפּ איבער'ן קאָפּ: די עליה איז אָבגעשטעלט געוואָרען, ארץ-ישראל איז פאַרשלאָסען, און מ'ווייסט נישט, אויף ווי לאַנג; קוקענדיג אויף דעם, וואָס טהוט זיך, בעקומט מען דעם איינדרוק, אַז נישט אַזוי באַלד וועט זיך די לאַגע אין אָט דער הינזיכט אויסבעסערען. און די יוגנטלייט הויבען אָן צו פרעגען: וואו איז דער זין פון מיין „הכשרה" אַרבייט: אַ גאַנץ בע-רעכטיגטע פראַגע. אמת, אויך פריהער פלעגט נישט יעדער איינצעלנער, וואָס האָט זיך „פאַרבערייטעט", טאַקי געהאַט די מעגליכקייט צו פאָהרען קיין ארץ-ישראל; אָבער יעדער האָט געקענט האָפען, און דאָס האָט איהם בעגעבען דעם מוט. היינט זעהט ער פשוט נישט קיין האָפנונג. עס איז אַ שווערע גייסטיגע לאַגע, און מ'טאָר נישט זיין בלינד: זי קען אונז ברענגען צו אַ געפעהרליכען מאָראַלישען קריזיס און אָוועקנעהמען ביי אונז אייניגע, און אפשר פיעלע, פון אונזערע יוגענדליכע כחות.

זייענדיג אין פּוילען, האָב איך געהאַט עטליכע אונטערדעדונגען מיט אַזעלכע יונגעלייט, וואָס זיי האָבען — ווי איינער פון זיי האָט זיך אויס-געדרוקט — „פלוצלינג" פערלאָרען דעם הכשר אויף הכשרה". אַלע האָבען אָנגעוויזען אויף דער סכנה, וואָס אפשר אין אַ קורצער צייט אַרום וועלען מיר זיך מוזען רעכנען מיט אַ שטאַרקער ירידה אין דער חלוציאַנישער בעגייסטערונג פאַר ארץ-ישראל, אפשר נאָך ערגער: וואָס אַ טייל חלוציאַ-נישע יוגענד וועט פשוט „עמיגרירען" פון ציוניזם אין אַנדערע בעווע-גונגען.

— די היינטיגע יוגענד איז אַקטיוויסטיש געשטימט, — האָבען זיי גע-זאָגט, — זי וויל טהון, האַרעווען, שאַפען. בויען אַ לאַנד הייסט ביי זיי: גענה און בוי. אויב מען מוז זיך דערצו פּאָרבערייטען, גוט; זי איז גרייט צו לערנען, אַ יאָהר, צוויי יאָהר, דריי יאָהרען, אָבער זי מוז האָבען די זיכערקייט, אַז זי וועט דערגרייכען צום בוי-פּלאַץ בעגלא ובזמן קריב, בשעת זי איז נאָך יונג. וואַרטען און וואַרטען און פערלאָזען זיך אויף משיח׳ס צייטען — דאָס קען זי נישט. בפרט, אַז עס קלינגען אויף דער נעכסטער עק גאַס אַנדערע אויפרופען מיט אַנדערע לאָזונגען, צו בויען (אָדער צו-שטערען — ס׳קלינגט דאָך שטענדיג, ווי בויען) אָט דאָ אויפ׳ן אָרט וואו מ׳דאַרף נישט קיין ענגלישע וויזע...

נישט זייענדיג קיין בעל-הבית נישט איבער ארץ-ישראל און נישט איבער דער ציוניסטישער פּאָליטיק, קען מען נאַטירליך נישט פערשפּרעכען, אַז די עליה וועט באַלד ווידער אויפלעבען. זייענדיג אָבער אַ ציוניסט, האָט מען דאָס רעכט צו רעדען מיט דער ציוניסטישער יוגענד קלאָרע דבורים און זאָגען צו איהר:

— טייערע יוגענד, מאַך זיך נישט פאַר קיין גנביך.

ב.

„אַללעס איסט שאָן דאַגעוועזען“, פלעגט זאָגען דער אַלטער רבי עקיבא אין דער בעקאַנטער דייטשער פּיעסע „אוריאַל אַקאָסטאַ“, אָט די טראַגעדיע, וואָס אויף איר בעקלאָגט זיך די היינטיגע ציוניסטישע יוגענד, איז שוין אויך זעהר אַלט.

קורץ פאַר וולאַדימיר טיאָמקינ׳ס טויט, האָב איך איהם בעריכטעט וועגען אַ בריעף פון איינעם פון די באַלטישע לענדער: אין בריעף איז געשילדערט געוואָרען אָט די דאָזיגע שטימונג ביי דער יוגענד. ער האָט זיך פערטראַכט אַ מינוט און האָט געזאָגט:

— פּונקט דאָסזעלבע, ווי ביי אונז אין אָנהויב פון די נײַנציגער יאָהרען, נאָך דעם טערקישען פערבאָט. נאָר איין אונטערשיעד: דאַמאָלס האָט עס זיך געהאַנדעלט וועגען הונדערטער יונגעלייט, היינט וועגען טוי-זענדער; אָבער די ענטטוישונג איז געוועזען די זעלבע. מ׳האָט זיך געגרייט צו פאָהרען קיין ארץ-ישראל — און פּלוצלינג האָט זיך פערשלאָסען די טהיר. ביטער? אַוודאי ביטער איז דאָס געוועזען. די יוגענד אין יענעם דור איז געוועזען פּונקט אַזוי אַקטיוויסטיש, ווי די היינטיגע, כאָטש מ׳האָט עס אַנדערש אָנגערופען. אָבער אַוועקגעטריבען פון ציוניזם האָט די ענטטוישונג נאָר יענע, וואָס זיי זענען בכלל נישט אַ סך ווערט געווען. די, וואָס זענען געוועזען עפּעס ווערט, זענען געבליבען. קוקט זיך אַרום אויף אַלע ציוניסטי-שע טהוער פון מיין דור, אין רוסלאַנד און פּוילען און גאַליציען, אי אויף יענע, וואָס האָבען אַ וועלט-באַקאַנטען נאָמען, אי אויף די באַשיידענסטע לאָ-

קאַל-אַרבײַטער: כּמעט אַלע זענען דאָס „ענטטוישטע חלוצים" מענשען, וואָס האָבען גערעכענט נאָכצופאָלגען די „ביל"ו"-לײַט און זענען געבליבען אין מיטען וועג — אָבער דאָך געבליבען, ווי איהר זעהט, אין די ערשטע רײַען פון דער ציוניסטישער בעוועגונג... עפּעס געפעלט עס מיר נישט, וואָס הײַנטיגע טעג איז עס אַזוי גרינג געוואָרען — צו סטראַשען פאָלק ישראל מיט אַוועקגעהן: קאַלט? הײס? „סקוטשנע"? אַנ'עק, ברוגז, כ'געה און ווער גאָר אַ רויטער.

מיר געפעלט עס אויך נישט. איך האַלט גאָר נישט, אַז עס זאָל זײַן דער חוב פון יעדען יונגעמאַן צו זײַן אַ חלוץ אָדער אַ ציוניסט אָדער אַפילו נאָר אַ פּאַטריאָט אַ אידישער — איך האַלט בכלל נישט וועגען „חובות", זײַ וואָס דו ווילסט, קײנער טאָר צו דיר קײן טענה נישט האָבען. אָבער אויב שוין יאָ אַ ציוניסט, טאָ למען השם — נישט אויף בעדינגונגען. בפרט נישט אויף אַזעלכע בעדינגונגען, וואָס זײ זענען פון אונז גאָר נישט אָבהענגיג. די ענגלישע אַדמיניסטראַציע פערשליסט דעם טויער פון ציון — ס'איז דאָך אַ קלאַפּ פון דרויסען, אַ נאַציאָנאַלע נידערלאַגע: אין אַזאַ פאַל, בײ אַנדערע פעלקער, ערוואַרטעט מען פון דער יוגענד, להיפך, אַ צוזאַמענשלוס, אַ פערהאַרטונג פון פּאַטריאָטישען רצון, אַנ'אויסברוך פון ענטוזיאַסטישער געטרײשאַפט, אַנ'ערקלערונג: הײַנט פעסטער נאָך ווי פריער, בלײבען מיר אין די רײהען! פאַרוואָס איז דאָס בײ אונז פערקעהרט? און ווײטער: אויב אַפילו נישט דער ענגלענדער — אויב מיר אַלײן וואָלטען טאַקי שולדיג געווען אין דעם קריזיס, וועלכער וואָלט געבראַכט טאַקי צו אַנ'אָביעקטיווער נויטווענדיגקײט אָבצושטעלען די עליה אויף עטליכע יאָהרען, — טאָ אַפילו אין אַזאַ פאַל זעה איך נאָך נישט דעם גרונד, פאַרוואָס די יוגענד זאָל האָבען אַ טענה צום באַרג ציון און וואַרפען איהם דעם גט פאַר די פיס. אויפבויען אַ לאַנד אין צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט איז בכלל שווער, אומפערגלײכבאַר שווערער ווי אין די פריהערדיגע צײטען, קודם כל ווײל די שיפען געהען הײַנט אַזוי שנעל און ס'איז אַזוי גרינג אַוועקצולויפען און ווערען אויס פּיאָנער; און פון אַלע לענדער איז ארץ-ישראל דאָס שווערסטע; און פון אַלע פעלקער איז דאָס פאָלק ישראל, מיט זײַנע אַכציג דורות אינטעליגענץ, דאָס אַמווענגיסטענס צוגעפּאַסטע צו די פּרימיטיווע לעבענס-בעדינגונגען פון קאָלאָניזאַציע: טאָ וואָלט דאָס געווען אַזאַ אונערהערטע עולה, אויב מיר וואָלטען טאַקי אַלײן דורכגעפאַלען אין דעם ערשטען פערזוך? אַזאַ עולה, אַז ס'זאָל אונז דערפאַר נאָך קומען אַ צווײטע שטראָף, די מאַסען-„ענטטוישונג" פון דער יוגענד? „עפּעס געפעלט מיר דאָ נישט"...

מײַן דור איז נישט דער בילו"דור: מײַן ציוניסטישע יוגענד-צײַט האָט זיך אָנגעהויבען מיט הערצעל'ס רוף אָדער באַלד נאָכדעם. בײ אונז איז פון אָנפאַנג אָן קלאָר געוואָרען, אַז מ'וועט מוזען וואַרטען. דערצו האָט דער גלות אין יענע יאָהרען אויסגעזעהן נאָך מיאוס'ער ווי הײַנט: פון 1897 ביז 1905 איז בכלל נישט געווען קײן פונק פון האָפנונג צו שאַפען וואָס נישט איז נאַציאָנאַלעס אָדער האַלב-נאַציאָנאַלעס אין דעמאָלסדי-

גען רוסלאנד. ס'האט זיך אפילו נישט גע'חלומ'ט, למשל, וועגען העברעאישע גימנאזיעס, אדער וועגען א „נאציאנאל-ראט" אין ווארשא אדער אין קאוונא. מ'וועט אפשר זאגען, אז אט די גימנאזיעס און נאציאנאל-ראטען זענען בלויז א זעלבסט-אבנארעכטס: גוט, אבער דאמאלס איז אפילו נישט געווען מיט וואס זיך אליין אבצונארען. ביז 1905 זענען מיר געווען ריינע, אונגעמישטע גלות-פערנייגער, האבען פשוט געהאלטען, אז אונזער לעבען דא איז נישט קיין לעבען און קאן קיין לעבען נישט זיין; און דערביי געוואוסט (אדער געדאכט), אז ארץ-ישראל קאן אונז דערווייל נישט ערריינגעהמען; און דאך געווארען ציוניסטען און געבליבען ציוניסטען, און קיינמאל נישט געטראכט וועגען שטעלען דעם רבונו של עולם בעדינגונגען — אויב דו שיקסט אונז א טשארטער ביז איבעראיאהר שבועות, איז גוט, אבער אויב נישט, טא זיי געזונד, מיר געהען אריבער צו פ. פ. ס...

די גרעסטע בראווקייט פון א סאלדאט, בעשטעהט נישט אין דעם, וואס ער קאן זיך גוט שלאגען מיט'ן שונא. היינטיגע טעג, ווען ס'איז פונקט אזוי געפעהרליך אוועקצוקריכען פון פראנט, ווי קריכען פארווערטס, איז גישטא קיין ברירה, און אלע זענען בראוו בשעת דער אטאקע. אבער דעם גוטען סאלדאט דערקענט מען אין דעם, וואס ער קאן גוט ווארטען. אט דאס זיצען וואכענלאנג אין קאלט, קויטיגע לעכער, נישט טארענדיג פערוויכערן א פאפיראס אדער ארויסקוקען אויפ'ן הימעל, — אט דאס איז דאס שווערסטע, און אין דעם דערזעהט מען דעם אמת'ען ווערט און „מעטאל" פון א מענשען-מאטעריאל. אויב ס'איז טאקי א פאקט, אז א גרויסער טייל פון אונזער היינטיגער יוגענד קאן דאס נישט אויסהאלטען און מוז האבען תיכף ומיד א ביהנע צו בעווייזען זיין גבורה, און אויב נישט, אנגאזשירט ער זיך אין אנדערען טעאטער, טא איז דאך קלאר און פשוט: אט דער טייל יוגענד בעשטעהט פון שלעכטען און וואלוועלען מענשען-מאטעריאל.

2.

ווי אלע, בין אין א גרויסער אנהענגער פון יוגענד; און ס'איז דא אין איר א חלק, מיט וועלכען איך בין בעזונדערס בעפריינדעט און אויף וועלכען איך פערזענליך בוי די גרעסטע מיינע האפנונגען. אבער אפילו אט דער חלק יוגענד קאן נישט פערלאנגען, אז איך זאל רעדען חניפות, און איך זאג אהן חניפות: מענשען, וואס אויף אנ'אויסערע קאטאסטראפע פון זייער אומה ענטפערען זיי מיט א צווייטער קאטאסטראפע פון אינוועניג, מיט אנטלויפען אין א פרעהליכער גאס אדער אפילו נאר מיט א „שטימונג" צו פערקוקען זיך אויף פרעהליכערע גאסען, — אזעלכע מענשען זענען נישט ווערט צו טראגען דעם טיטעל „יוגענד". אנ'אמת'ע יוגענד האט נאר איין ענטווארט אויף קאטאסטראפען און ענטטוישונגען: דוקא! דער גאנצער וועלט

אויף צו להכעיס! „טראָץ אַללעדעם“, ווי דער דייטש זאָגט — אָדער ווי עס זאָגט דער רוס: „וואַ טשטאָ בי טאָ ניסטאַלאָ!“

איין גרויסען חסרון מערקט מען ביי עטליכע עלעמענטען פון אונזער היינטיגער יוגענד: אַ בן־יחיד׳שע זעלבסט־אָבשעצונג. צום טייל איז אין דעם שולדיג דאָס לעבען. דער צערפאַל פון רוסישען אידענטום און די וואַליוטא־קאַטאַסטראָפען אין מזרח־אייראָפּאַ האָבען אויף לאַנג פערמאַכט די טהירען פון ארץ־ישראל פאַר דעם עלטערען דור אידען, פאַר דעם טאַטען מיט אַ ווייב און אַ פּאָר יונגע קינדער; און דעריבער איז דאָס חלוציאַנישע עלעמענט געבליבען אַלס איינציגער קאָלאָניזאַציאָנס־מאַטעריאַל. אָנשטאָט צו זיין אַ טייל און פיהלען זיך ווי אַ טייל, האָט דאָס לעבען זיי געצוואונגען אָנצונעהמען די ראָליע פון די איין־און־איינציגע רעטער פון ציון. ס׳האָט שרעקליך געשאַדט דער אויפבוי־אַרבייט; אין דעם אָבער זענען זיי נישט שולדיג — זיי האָבען כשר געאַרבייט, און דערפאַר קומט זיי אַן אייביגער נאַציאָנאַלער הידד, וועלכען איך וויל ביי זיי גאָרנישט צונעהמען. אָבער פון דעם האָט זיך ביי זיי ענטוויקעלט אַ פערדרעהטע, אַן איינזייטיגע געזעלשאַפטליכע פערספעקטיווע, און היינט — ביי אייניגע פון זיי — דריקט זי זיך אויס אין אַתּה־בחרתנו־שע שטימונגען און מליצות. מיט אַ חודש צוריק בין איך געווען אויף אַ „תרבות־קאָנפערענץ אין ווארשאָ און האָב דאָרטען געהערט, ווי זיי רעדען: „איהר פערשטעהט דאָך אַליין, אַז די איינציגע האָפנונג פון ציון זענען מיר, די אַרבעטענדע יוגענד...“

אין זיך אַליין גענומען, איז אָט די איבערשעצונג אפשר גאָר נישט אַזוי שעדליך. ס׳איז גוט, ווען אַ מענש האָט אַ גרויסע מיינונג וועגען דעם ווערט פון זיין בערוף אָדער פון זיין דור אָדער פון זיין שטעדטעל. עס איז גוט, אַז דער סוחר זאָל שטאַרק האַלטען פון דער ראָליע, וואָס האַנדעל שפּילט אין ווירטשאַפטליכען לעבען פון דער וועלט, און אַז דער זשורנאַליסט זאָל גלויבען אין די גוואַלדיגע וויכטיגקייט פון זיין בלעטעל. אין אַן אַלטען ראָמאַן, „עליקסיר פון ליבע“ הייסט ער (פון ע. ט. א. האָפמאַן, אויב איך האָב נישט קיין טעות), איז דאָ אַן עפּיזאָדישע געשטאַלט פון אַ פריזירער, וועלכער האַלט, אַז דאָס גאַנצע לעבען און דער גאַנצער גורל פון אַ מענשען איז אין די הענד פון זיין פאַריקמאַכער. „אויב איך וועל איינאָרדנען אייערע האָר אַזוי, אַז איהר וועט אויסזעהען דרייסט און חוצפּה׳דיג, וועט איהר תיכף האָבען אַ דועל און מ׳וועט אייך מאַכען פאַר אַ קאַליקע; אָבער אויב איך פערגלעט אייערע „קוטשמעס“ אויף אַ זיסען און עדעלען אופן, וועט זיך אין אייך פערליבען דעם בירגערמייסטערס טאָכטער, און איהר וועט חתונה האָבען מיט אַ גרויסען נדן...“ ער האָט זיך איבערשעצט — אָבער דוקא דערפאַר איז ער מסתמא געווען טאַקי אַ גוטער פאַכמאַן. אַתּה־בחרתנו איז שטענדיג אַ טעות, און דאָך נישט קיין שלעכטע סגולה אויף צו מאַכען מענשען זעלבסטבעוואוסט און ווירדיג און פערליבט אין זייער פאַך.

אָבער איין זאַך איז אַתּה־בחרתנו שטימונג — און גאָר אַן אַנדער זאַך

איז אַ שטימונג פון אַ בן־יחיד. ס׳איז אַנ׳ענטאַרטונג פון דער ערשטער, און דערצו אַ נישט קיין שענע. פון איר וואַקסט נישט זעלבסטבעוואוסטזיין, נישט ווירדע — פון איר וואַקסען קאַפּריזען, אַ נייגונג צו פאָדערן דאָס טעלערל פון הימעל, און אויב נישט — וועל איך טופּען מיט די פיס און אַוועקגעהן צו אַנ׳אַנדער מאַמע.

כ׳האָב אַמאָל געזאָגט אין אַ רעדע צו יונגעלייט: „אַ יוגענד — אַנ׳אמת׳ע יוגענד, וואָס איז ווערט דעם שטאָלצען נאָמען, — האָט צוויי פונקציעס אין געזעלשאַפטליכען לעבען. די ערשטע פון זיי וועל איך פערגלייכען צו אַ שוואונג־ראָד אין אַ מאַשין. עס טרעפט אַ מאָמענט, ווען די טיילען פון אַ מאַשין געפינען זיך צופעליג אין אַזאַ גלייכגעוויכט, אַז זי קאָן זיך פון אָרט נישט ריהרען: דאָס רופט מען „דער טויטער פונקט“. דערצו האָט די מאַשין אַ בעזונדערען ראָד, וואָס הייסט „שוואונג־ראָד“: מען גיט איהם אַ שטופּ מיט דער האַנד, און זיין שוואונג רייסט מיט זיך אַוועק די אַנדערע רעדער, און דער טויטער פונקט איז בעזיגט, און די מאַשין געהט. אויך אין לעבען פון אַ געזעלשאַפט טרעפען אַזעלכע טויטע מאָמענטען, ווען דאָס פאָלק אי וויל עטוואָס אי האָט פאַר דעם מורא, און צווישען רצון און פּחד ווערט געשאַפען אַזאַ גלייכגעוויכט, אַז מ׳ריהרט זיך נישט פון אָרט. און דאָס שוואונג־ראָד פון דער מענשהייט הייסט יוגענד: אין אַזעלכע־צייטען איז דאָס איר מיסיאָן, אַוועקצורייסען מיט זיך דעם גאַנצען פאָלקס־מעכאַניזם... — די צווייטע פונקציע פון דער יוגענד וועל איך פערגלייכען צו אַ קאָמפּאַס. נישט דער קאָמפּאַס פיהרט דאָס שיף: דער פיהרער איז דער קאַפּיטאַן, אַ מענש פון קענטניש און נסיון. אָבער אין דעם קאָמפּאַס איז דאָ אַ קליין שטיקעלע אייזען, וואָס עס האָט אַ בעזונדערע סגולה — עס פיהלט, אייביג און געטריי, וואו ס׳ברענט אויפ׳ן הימעל דער העכסטער פון אַלע שטערן. אָט דאָס איז יוגענד. פיהרען קאָן זי נישט און טאָר נישט. אָבער וועה צו אַ שיף, וואָס זיין קאַפּיטאַן וויל זיך נישט רעכענען מיט דער שטילער עצה פון קאָמפּאַס; און הונדערט מאָל וועה צו אַ שיף, וואָס זיין קאָמפּאַס האָט פאַרלוירען דעם מאַגנעטיזם און קאָן שוין נישט אָנווייזען דעם שטערן.

איך זאָג זיך נישט אָב פון אָט די ווערטער. אָבער נישט דערצו דאַרף מען אַ שוואונג־ראָד, כדי עס זאָל אונז „הינרייסען“ צו יאוש און ליקווידאַציע, פּשוט דערפאַר, ווייל עס האָט זיך עפּעס קאַליע געמאַכט אָדער איבערגעבראָכען אין דער מאַשין; און נישט אין דעם בעשטעהט די מיסיאָן פון אַ קאָמפּאַס, אַז ער זאָל זיך פערוואַנדלען אין אַ גראַמאָפאָן און אַרויסרופען: דאָס שיף איז פערפאַלען — לויפט אַוועק, מייזלעך!

ד.

פון דער טראַגעדיע גופא מאַך איך נישט קיין שפּאַס: ס'איז אַוודאי ביטער, וואָס דער טויער האָט זיך פאַרמאַכט און די גאַנצע הכשרה-אַרבייט זעהט אויס ווי פאַרלוירען. אָבער דערויף זענען פאַרהאַן נאָר צוויי אַנט־וואָרטען. ערשטענס: העלפט יענע, וואָס ווילען בעניייען די ציוניסטישע ריכטונג— אַזוי בעניייען, אַז די טהיר זאָל זיך ווידער עפענען. און צווייטענס: געהט ווייטער פאָרווערטס מיט אייער הכשרה-אַרבייט, מיט פאָרבערייטען זיך צו זיין פּיאָנערען פון קאָלאָניזאַציע — אויב אפילו מ'קען אייך נישט פערשפּרע־כען, אַז דאָס וועט זיין בעגלא ובזמן קריב. ארץ-ישראל בעדאַרף נישט נאָר צוואַנציג-יעהריגע פּיאָנערען: פינפאונצוואַנציג יעהריגע אויך, און דרייסיג־יעהריגע אַדרבה ואַדרבא. און אויב אַ אידעאַל איז ביי אייך נישט ווערט, מ'זאָל פאַר איהם וואַרטען און האָרעווען ווי יעקב אָבינו פאַר דער מאַמע רחל — איז, אויב אַזוי, טאָ געהט געזונטערהייט און רעדט נישט וועגען אידעאַלען.

און נאָך עטוואָס מוז איך זאָגען, וואָס וועט אפשר קלינגען נאָך ווע־ניגער אנגענעהם און נאָך מעהר אונפּאָפּולער: ארץ־ישראל בעדאַרף נישט נאָר ענטוזיאַזם — ארץ־ישראל בעדאַרף אויך קאַפּיטאַל. וואו שטעהט דאָס אַזוי הייליג געשריבען, אַז אַ פּיאָנער קען נאָר זיין יענער, וואָס אויף זיין קאָלאָניזירונג וועט מען שטענדיג מוזען קלייבען געלד אין אַמעריקא? איז דאָס נישט די שענסטע פון אַלע ציוניסטישע, פון אַלע חלוציאָנישע אַמבי־ציעס, צו ברענגען קיין ארץ־ישראל נישט נאָר מיינע אייגענע הענד, נאָר אויך מיין אייגענעם קרן־היסוד?

איך קען די אַנטוואָרט: „פע”. פערדינען געלד? שפּאָרען גראָשענס, ווי אַ בורזשויק? וואו בלייבט דערביי די גאַנצע ראָמאַנטיק פון הייליגער אביונות, פון ריינעם גייסט און אַזוי ווייטער? — וואו זי בלייבט, ווייס איך נישט און האָב נישט קיין דאַגה דוקא צו וויסען. אָט די בעריהמטע ראָמאַנטיק פון בטלנים, פונם נוצלאָזען טיפּ, וואָס האָט נישט גע־קאָנט קיין צורת-מטבע, איז געווען איינע פון די ערנסטע קרענק פון אַלטען געטאָ און איז מסתמא אַ היבש ביסעל פאַראַנטוואָרטליך ביז היינט פאַר אונזער עקאָנאָמישען עלענד אין מזרח-אייראָפּאַ. אַ ראָמאַנטיקער, אויב ער וויל אויספיהרען זיין ראָמאַנטיזם אין לעבען, מוז זיין רעאַליסטיש אין זיינע מיטלען. און עס איז צעהן טויזענד מאָל מעהר ראָמאַנטיש, צו שפּאָרען גראָשענס און דאַן בויען אַ לאַנד מיט אייגענע מיטלען, ווי שטיצען זיך אויף דער קלאַפּענדער פּושקע.

אַנדערע וועלען ברענגען אַן'אַנדערען תירוץ: שווער, אונמעגליך... נאָך אַמאָל „נעביך”. מערקווירדיג! אין מיינע סטודענטען-יאָהרען האָב איך געזעהען הינדערטער יונגעלייט און יונגע מיידלעך, אין בערן, אין היידעל־בערג, אין פּאַריז: געשטאַמט האָבען זיי פון אָרימע אידישע הייזער אין פּוילען אָדער וואָהלין, אָבער אַזוי שטאַרק איז ביי זיי געווען דער רצון צו

ווערען דאָקטוירים און אינזשיניערען, אַז זיי פלעגען אָבאַרבייטען צוויי יאָהר כדי צו פערדיענען געלד אויף איין יאָהר שטודיום: דאַן ווידער געאַרבייט און ווייטער שטודירט, און אַזוי ביז׳ן סוף. און היינט זעה איך דאָסזעלבע, טאַקי דאָ אין פּאַריז. ערשט עהערנעכטען איז ביי מיר געוועזען אַ ספרדישער בחור׳ל — ער האָט אָבגעדיענט צוויי יאָהר אין מאַרסעל, געטראָגען זעק, געדרעהט מאַשינען, געקעהרט מיסט אין די גאַסען, געלעבט אין אַ לאָך און געזאַמעלט גענוג אויף איין יאָהר אוניווערזיטעט. און וויפיעל זעה איך דאָ אַנדערע, וואָס לערנען זיך בייטאָג און טראָגען טשעמאָדאַנעס אויף דער אייזענבאַהן אין אָווענד, און האַלטען זיך גאָרנישט פאַר קיין גבורים און נישט פאַר קיין נעביך?

מערקווידיג: פאַר אַ דיפּלאָם מעג מען, פאַר אַ לאַנד — „פּע"...

ה.

די העלפט פון אומגליק בעשטעהט אפשר אין דעם, וואָס מ׳שפּיעלט זיך ביי אונז צו פיעל מיט דער (שוין פריהער דערמאָהנטער) פאַלשער מליצה וועגען „חוב צו זיין פאָלק". אויב אַ מענש, יונג אָדער אַלט, רעדט זיך איין, אַז אין דעם, וואָס ער טהוט, האָרעוועט ער נישט פאַר זיך, נאָר ער צאָהלט גאָר עפּעס אַ חוב צו פאָלק ישראל, — טאָ אין אָט דער אילוזיע אַליין שטעקט שוין די גאַנצע סכנה פון בן־יחיד׳שע קאַפּריזען. היינטיגע טעג, ווי אַלע ווייסען, איז בכלל אַ מענש, וואָס צאָהלט זיינע חובות, אַ זעלטענהייט און דערפאַר אַ גרויסער יחסן, און דער קרעדיטאָר מוז צו איהם שמייכלען מיט זיין זיסעסטען שמייכעל — אַ נישט ווערט ער ברוגז...

איך שלאָג פאָר גאָר אַנ׳אַנדערע פילאָזאָפיע וועגען דער בעציהונג צווישען אַ פּרט און זיין פאָלק: זי בעשטעהט פשוט אין דעם, וואָס די גאַנצע מעשה וועגען „חוב" איז אַ מיטאָס. מ׳קען נישט בעווייזען, אַז אַ מענש זאָל האָבען אַ פליכט צו זיין אומה. אַ מאָראַלישע פליכט קען נאָר זיין אַ רעזולטאַט פון אַ פרייען קאָנטראַקט. דעם מענשען פרעגט מען נישט, צי ער וויל אַריינגעוואָרפען ווערען אין אָט די גאָט׳ס און דעם טייוועל׳ס וועלט אַלס אַ פראַנצויז אָדער אַ נעגער אָדער אַ איד. פון וואַנען זאָל זיך דאָ נעהמען דער חוב? לעכערליך. רבותי, דאָס פאָלק האָט אויף אייך נישט קיין שום רעכט, האָט צו אייך נישט קיין שום טענות: און אויב עס געפעלט אייך צו אַרבייטען אַ פאָלקס־אַרבייט, איז דאָס אייער פרייער וואַהל, פונקט אַזוי ווי ווען איהר וואָלט אויסגעקליבען צו ווערען אַ סקולפּטאָר אָדער אַ פּיאַניסט; זיך צוליעב טהוט איהר דאָס, נישט דעם פאָלק צוליעב, און ווי דאָס פאָלק צו אייך האָט איהר צו דעם פאָלק נישט קיין טענה. ס׳איז גאָר אַנ׳אויסדרוק פון אייער נשמה, ווי דאָס שאַפען פון אַ קינסטלער: אויב ס׳איז דאָ אין דעם אַנ׳עלעמענט פון „פליכט", איז דאָס דעם קינסטלער׳ס פליכט צו זיך אַליין, נישט צו אַ געזעלשאַפט. קענט איהר

אויסהאַלטען ביז׳ן סוף? גוט. קענט איהר נישט, זענט איהר מיעד, איז אייך
נמאס, אָדער האָט איהר אפשר ענטדעקט, אַז איהר האָט בכלל געהאַט אַ
טעות אין דער אויסוואַהל — אַז ס׳ליגט גאָר נישט אין אייער נאַטור צו
זיין אַ פידלער, און דער אמת׳ער לוסט אייערער איז צו ווערען אַנ׳אַסטראָנאָם?
ווידער גוט. מ׳ווינשט אייך פיעל הצלחה אין אויספאָרשען דעם פרעמדען
הימעל; און דאָס פאָלק ישראל וועט זיך שוין בעגעהן אָהן אייך.

איך זאָג דאָס נישט, כדי צו בעליידיגען אָדער אָבצושטויסען, נאָר
ווייל איך גלויב אין אָט דער אָנשויאונג. קיינער פון אונז קען נישט גאַ-
ראַנטירען, אַז ער וועט אייביג בלייבען אויף דעם זעלבען פּאָסטען. אַפילו
ביי דער בעסטער געטריישאַפט פון דיין זייט, קען עס זיך מאָרגען אויס-
ווייזען, אַז בכלל טויגסטו נישט פאַר דיין פּאָסטען, אַז דאָס פאָלק דאַרף
דיך גאָר נישט, קאָן נישט אָננעהמען דיינע עצות, נישט אויסנוצען דיין גע-
טריישאַפט. דאַן וועט דיין האַנדלונג נאָר פון דעם אָבהענגען, צי דו ביסט
שטאָלץ — בעסער געזאָגט: פון דעם, צי דיין שטאָלץ איז פון אַ העכערן
אָדער פון אַ וועלוועלען סאָרט. איז דיין שטאָלץ אַ ביליגער (און דאָס איז
אויך אַ גאַנץ עהרליכער סאָרט), וועסטו אָבווישען די ליפּען און געהן זוכען
אַ נייעם דיענסט. איז אָבער דיין שטאָלץ אַנ׳אַבסאָלוטער, אַ זעלבסט-בע-
פרידיגענדער, אַ שטאָלץ, וואָס דאַרף נישט קיין אָנערקענונג פון יענעם, אַ
שטאָלץ, וואָס בעשטעהט נאָר אין אויסדריקען און ווייטער אויסדריקען דיין
איינגעבוירענעם האַרץ-ניגון, דאַן וועסטו בלייבען אויף דיין אָרט און האַקען
ווייטער, נישט קוקענדיג אויף דעם, צי מ׳הערט דיך אָדער נישט, צי די
טויערען זענען אָפען אָדער פערמאַכט, ביז עס וועלען זיך אָדער עפענען
אַ די טויערען אי די אויערען, אָדער ביז דו פערשווינדסט — אַ שטאָלצער.

וועגן אוואַנטוריזם

א.

רייך איז די אידישע שפּראַך; אַמאָל אַפילו צו רייך. אַ מאָל מאַכט זי פון איין פּרעמדוואָרט צוויי ווערטער מיט דריי פערשידענע בעדייטונגען: געהגעפין די ריכטיגע בעדייטונג, וואָס זי האָסט אין זינען. למשל — אַבענטויער און אוואַנטורע. „אוואַנטורע" זאָגט מען אין פּוילען, און עס באַדייט אַ סקאַנדאַל, פּשוט אַנ׳עפּענטליכע פּאַטשעריי; „אַבענטויער" האָב איך אויך געהערט, און דווקא אין בערדיטשעוו. וועלכעס פון די צוויי פּאַסט צו מיין היינטיגער כּוונה? די כּוונה איז אַ פּאָזיטיווע: אַ דרשה לכבוד „אוואַנטוריזם", אַ פאַרטיידיקונג פון אַ זאַך, וואָס אַלע ערנסטע מענטשן האָבן זי פיינד, וואָס נאָר אינגלעך חלומ׳ען וועגן איהר, וואָס ביישפּיעלען פון איהר מוז מען זוכען אין די ראָמאַנען פון זשול ווערן אָדער אַלעקסאַנדער דיומאַ דעם עלטערן; וואָס פריהער פלעגט מען דאָס זעהן אין קינאָ, אָבער זינט דער קינאָ האָט ליידער אָנגעפאַנגען צו רעדען, איז דאָס פערשוואונדען אַפילו פון עקראַן.

בלייבט נאָר איינס – צו בעשרייבען די סימנים פון דער זאַך, וואָס מ׳ווייס נישט דעם ריכטיגען נאָמען איהרען. די סימנים זענען: ערשטענס — איז דאָס אַ פּעולה פון איינצעלנע מענשען, אָם בעסטען פון איין איינצעלנעם מענש אויף זיין אייגענעם רעכנונג און אחריות; מאַסענווייז קאָן מען זי נישט אָרגאַניזירען, אָדער לכל־הפּחות נישט אָפט. צווייטענס — איז דאָס אַ ריזיקירטע פּעולה, וואָס האָט מעהר שאַנסען אויף דורכפאַל, ווי אויף ערפאָלג, „רחוק משכר וקרוב להפסד", און דריבער האַלטען אַלע ערנסטע לייט, אַז דאָס איז שטענדיג אַ נאַרישקייט און אַ לייכטזין. און איך וויל זי פערטיידיגען.

שאַנסען אויף ערפאָלג... די ערנסטע לייט מיינען, אַז זייער שיטה, די קאַלקולירטע, די רוהיגע, די „שטאַאַטסמענישע", האָט יאָ „שאַנסען", וואָס

זאָגט דער נסיון? אַ גזלן איז דער נסיון, אַ שייגעץ און אַ חצוף, און ער לאַכט זיך אויס פון שטאַאַטסמענישע קאַלקולאַציעס נישט זעלטענער ווי פון אַוואַנטוריסטישען לייכטזין. אַ ביישפּיעל האָבען מיר אין דער געשיכטע פון די לעצטע עטליכע יאָהר ציוניזם: „שטאַאַטסמעניש", נישט ריזיקירט, קיין שום זכר פון עפּעס אַנ'אַבענטויערליכקייט... און דער פּועל־יוצא הייסט פּאַס־פיעלד'ס ווייסבוך. פון דער אַנדערער זייט געדענקען מיר אָבער אַ צייט, ווען אַלע ערנסטע לייט פלעגען רופען הערצל'ען אַוואַנטוריסט; און נאָך לאַנג פאַר הערצל'ס צייטען פלעגט מען מיט דעמזעלבען טיטעל מכבד זיין אַנדערע — למשל גאַריבאַלדי, וואַשינגטאָן, קאָלומבוס. נישטאָ קיין צווייפעל, אַז יענער איד, וואָס האָט געסטראַשעט צו מסר'ן משה רבנו וועגען דעם דער'הרג'עטען פּאָליציי־קאָמיסאַר אין לאַנד מצרים, האָט איהם אויך געזאָגט אויף עגיפּטישען לשון: „דו, אַוואַנטוריסט!" זעהר, זעהר שווער איז דאָס פעסטצושטעלען, וואו עס פאַנגט־אָן די אַוואַנטורע און וואו עס ענדיגט זיך די שטאַאַטסמענישע קאַלקולאַציע. שילער האָט געזאָגט: „ענטוואָרפען בלאָס — איזט'ס איין געמיינער פרעפעל; פאָללפיהרט — איזט'ס איין אונשטערבליך אונטערנעהמען". אַנ'אַנדער אויסלענדישער דענקער, אַ ציניקער (אָבער אויך נישט קיין נאַר), האָט דעמזעלבען געדאַנק אויסגעדריקט אויף אַזאַ אופן: יעדער אָנפאַנג גילט אַלס אַנ'אַוואַנטורע — ביז צו דער מינוט פון זיין ערפאָלג.

אַזוי שטאַרק פערשוואומען, אַזוי אונקלאָר זענען די גרעניצען פון דעם בעגריף, אַז איך קאָן זיך גאָרנישט פערפליכטען איהם שטענדיג צו פערטיידיגען. להפך, איך מוז מיר רעזערווירען דאָס רעכט, ווען עס וועט זיין פּאַסיג, צו זידלען אַ מענשען (פּונקט ווי יענער עגיפּטישער אַסימילאַנט משה רבנו'ן): דו אַוואַנטוריסט! איך האָב עס שוין עטליכע מאָל געטהון, וועל עס מסתמא נאָך פיעל מאָל טהון. עס הענגט אָב פון אַלערליי אומשטענדען — פון דער אַטמאָספערע, פון דעם מאָמענט, פון דער „קאָניונקטור", — און פון דער אַרט „אַוואַנטורע", וועגען וועלכער עס האַנדעלט זיך. אַמאָל מעג אַוואַנטוריזם זיין שלעכט און אַמאָל גוט. אין היינטיגען מאָמענט, ביי היינטיגע אומשטענדען האַלט איך, אַז מ'מוז דעם אַוואַנטוריזם פערטיידיגען — ערשטענס צוליעב דעם, ווייל ער איז אַצינד אונפערמיידליך. עס וועט אונז נישט העלפען, ווען מיר וועלען אַלע אַפילו שרייען: שאַ! יעדער פערשטעהט אינוועניג, אַז קיין „שאַ" וועט ביי אונז נישט זיין — דווקא ווייל מיר אידען זענען דאָך נאָך נישט קיין פגר, נאָר אַ לעבעדיג פאָלק, און ציוניזם איז אויך נאָך נישט געשטאָרבען, נאָר להפך — געוואָרען פערביסענער, גאָט זיין דאַנק, פערביסענער און פער'עקשנ'טער ווי ווען־עס איז אין פריהערדיגע צייטען. טאָ מוז מען אריינקוקען זיך גוט און גוט בעטראַכטען, צי איז דאָס נישט אפשר געזונדטער — טאַקי צו סאַנקציאָנירען דעם אַוואַנטוריזם, ווי אַ גאַנץ נאָרמאַלע ערשיינונג פאַר אונזערע אומשטענדען.

לאָמיר נעהמען די פראַגע וועגען עליה קיין ארץ-ישראל. זי איז פערבאָטען *). וואָס דאָס בעדייט פאַר אונזער פאָלקס-היגיענע, — דאָס פערשטעהען שוין היינט פיעלע, און די, וואָס האָבען עס נאָך נישט איינגאַנצען פערשטאַנען, וועלען עס באַלד און אונאַנגענעהם איינזעהען. „פאָלקס-היגיענע", זאָג איך, ווייל עס האַנדעלט זיך באמת וועגען דער גייסטיגער געזונדהייט פון אונזער גאַנצער יוגענד. צעהנדליגע טויזענדער פון די בעסטע פון אַ דור האָבען זיך יאָהרענלאַנג פסיכאָלאָגיש „איינגעשטעלט" אויף עליה; טויזענדער פון די בעסטע פון בעסטע האָבען זיך צו איהר, אפילו פאַקטיש פאָרבערייטעט, האָבען איבערגעקעהרט דעם גאַנג פון זייער ערציהונג, זענען אוועקגעגאַנגען פון שולען און געשולטע „קאַריערען", צעקריעגט זיך מיט די עלטערן. כל-זמן עס איז נאָך געווען מעגליך אַנ'עליה כאָטש פון אַ פאָר טויזענד אַ יאָהר, האָט עס ווי-עס-איז נאָך געטרייסט און בערוהיגט אויך די איבעריגע, געגעבען זיי כאָטש אַ שיין פון האָפנונג. וואָס וועט זיין אַצינד? וועט עס שוין נישט „טרייסטען", אויב אפילו מ'וועט הייאָהר אָדער אין נעכסטען יאָהר געבען אַזש עטליכע טויזענד „סערטיפיקאַטען" — ווייל איצט איז שוין קלאָר געוואָרען, אַז קיין גרויסע עליה וועלען די בעהערשער פון ארץ-ישראל נישט בעוויליגען, און ניינציג פראָצענט פון די אַלע, וואָס האָבען זיך געגרייט צו בעטייליגען זיך אין „בנין", האָבען בכלל נישט קיין שאַטען פון האָפנונג (כל זמן עס בלייבען אין ארץ-ישראל די זעלבע בעהערשער) צוצוריהרען זיך מיט זייערע אייגענע הענד צו „בנין". בלינד מוז מען זיין, כדי נישט איינצוזעהען, וואוהין עס פיהרט אַזאַ צושטאַנד פון איבערגעבראָכענער שטרעבונג, פון אונטערדריקטער מאַסען-ענערגיע.

ווי געפינט מען אַנ'אמת'ען אויסוועג, אַ פּאָליטישען אויסוועג פון אַזאַ לאַגע, — דאָס איז אַ זייטיגער ענין, וועגען וועלכען איך רעד דאָ היינט נישט. (איך האָב שוין גערעדט, און נישט איך אַליין — אַלע רעדען וועגען אָט דער פראַגע, און אַלע אין איין און דעמזעלבען זין). היינט אינטערעסירט מיך אַנ'אַנדערע זייט פון דעם דאָזיגען פראָבלעם: אָט זיצט פאַר אייך אַ יונגערמאַן צי אַ מיידעל, אפשר אַ זוהן צי אַ טאָכטער אייערע, און ער אָדער זי פרעגט: וואָס זאָל איך טהון? נישט „מיר" אַלע, ניין, אָבער „איך" אַליין? זאָל איך זיך אונטערוואַרפען דעם ענגלישען פערבאָט? אָנבויגען דעם קאָפּ און זאָגען: גוט, איך וועל זיין געהאָרכזאַם, כל-זמן מען גיט מיר נישט קיין געזעצליכע ערלויבניש, וועל איך זיין אַ גוט קינד און זיצען אין דער היים און אפשר העלפען דיר, טאַטע, פערקויפען בולבעס אין קלייט? עס איז אָבער אַ געפאַהר, טאַטע, אַז איך וועל דאָס נישט

*) געשריבען אין פעברואר 1932; פאַסט אפשר נישט צו דעצעמבער 1933 — אָבער מע מעג נאָך ווידער פאַסען צו נעכסטען דעצעמבער..

אויסהאַלטען, וועל זיך פערבלאָנדזשען עפּעס אויף אַנדערע וועגען, וואָס פיהרען נישט קיין ציון און בכלל נישט צו קיין גוטס... טאָ זאָל איך אפשר פּרובירען גאָר אַן׳אַנדער סיסטעם — דאָס אַוואַנטוריסטישע סיסטעם? וואו שטעהט עס געשריבען, אַז איינוואַנדערען אין אַ לאַנד מעג מען נאָר מיט אַ וויזע? האָסט דו מיר אַליין נישט דערצעהלט וועגען אַלטע צייטען, בשעת מ׳פלעגט „גנב׳ענען״ אַ גרענעץ?

לאָמיר זיין זעהר פאָרזיכטיג, איידער מיר געבען דערויף אַן׳אַנטוואָרט. עס איז זעהר לייכט צו ערקלערען דעם יונגענמאַן, ווי צוויי מאָל צוויי, אַז עס איז פיעל שווערער צו „גנב׳ענען די גרענעץ״ אין דעם דאָזיגען פאַל, ווי עס איז געווען אין אַלטען רוסלאַנד. ארץ־ישראל האָט שווערע גרעניצען: דער ים פון איין זייט, דער סועץ־קאַנאַל פון דער צווייטער, אַ פיינדליכע אַראַבישע בעפעלקערונג פון דער דריטער און פיערטער, און אַזוי ווייטער דאָס ווייסען מיר אַלע — אַפילו דער יונגערמאַן, וואָס פרעגט. לאָמיר אָבער זיין פאָרזיכטיג מיט אָט דער צוויי־מאָל־צוויי־קאַלקולאַציע. דאָס געפעהרליכסטע איז אפשר די סכנה, אַז די קאַלקולאַציע וועט איהם טאַקי איבערצייגען: ווייל דאַן וועט דאָך ביי איהם פערשווינדען אפילו די לעצטע פאַנטאַזיע, דער לעצטער פערזענליכער טרוים, און עס וועט איינטרעטען יענע אַלטערנאַטיוו, וואָס ער האָט דיר אַליין אָנגעוויזען מיט׳ן פינגער — „אַנדערע וועגען, וואָס פיהרען נישט קיין ציון און בכלל נישט צו קיין גוטס״.

און איבערטרייבט אויך נישט די פעסטקייט פון דער קאַלקולאַציע. די גרענעצען פון ארץ־ישראל קען איך גוט, שווער זענען זיי יאָ, אָבער נישט יעדע זאַך, וואָס איז שווער, איז אויך אונמעגליך. איך וויל זיך דאָ נישט אַריינלאָזען אין פרטים — אָבער אָט די „אַוואַנטורע״ איז נישט ערגער ווי פיעלע אַנדערע אַוואַנטורעס, זי האָט אַ שאַנסען אויף אַ דורכפאַל, אַ שאַנסען אויף ערפאָלג. איין זאַך איז קלאָר: אַ פאָלק, בעזונדערס אַ יוגענד פון אַ פאָלק, טאָר דאָך באמת נישט אָנבויגען דעם קאָפּ און זאָגען מיט אַ זיפץ: אַזוי ווי די פאָליציי האָט אונז פערבאָטען אונזער גאולה, וועלען מיר זיך טאַקע אַלע אָבזאָגען פון דער גאולה און זיצען געהאָרכזאַם אין דער היים. עס איז קלאָר, אַז מיר וועלען ווייטער קעמפען פאַר דער גאולה. און וואו שטעהט עס געשריבען, פון וואַנען איז דאָס געדרונגען, אַז צווישען די אַלע אַנדערע מיטלען פון קאַמף איז „אַוואַנטוריזם״ נישט אויך אַ מיטעל? די געשיכטע לערנט גאָר אַנדערש. די געשיכטע זאָגט, אַז אָפט איז אַפילו אַ דורכגעפאַלענע אַוואַנטורע אויך אַ מיטעל פון קאַמף. בפרט, אויב עס איז אַן׳אַוואַנטורע נישט פון איין איינצעלנעם, נאָר פון פיעלע איינצעלנע. עס וואָלט געווען גאָר נישט אַזוי שלעכט, אויב די ענגלענדער וואָלטען געצוואונגען געווען יעדען פריהמאָרגען צו כאַפּען אידישע יונגעלייט און אַריינזעצען זיי אין תפיסות און אַרויסשיקען פון ארץ־ישראל, און מאָרגען ווידער און איבערמאָרגען ווייטער. עס וואָלט אפשר גאָר נישט געווען אַזוי געפעהרליך, אויב די ענגלענדער וואָלטען

חלוצים ענטדעקט ביי אונז א גאנצע ארגאניזאציע „קאנטראבאנדיסטען", וואס פיהרען אריין אונלעגאלע אידען אין די אידישע נאציאנאלע היים, און גע־מאכט א גרויסען פראצעס געגען אט די פערברעכער: ווער ווייס, אפשר וואלט פון איהם געווארען א שטיקעל וועלט־פראצעס געגען ענגלאנד אליין?

אזוי ווי איך בין שוין לאנג נישט יונג, טאר איך אין אזא זאך נישט געבען קיין דירעקטע עצה. וואלט איך אבער געווען יונג, וואלט איך מיך אויסגעלאכט פון זייערע וואס און זייערע פערבאטען. אונמעגליך? דערצעהלט דאס דער באבע, נישט מיר. שווער — יא; זעהר שווער — יא; אבער אין דעם בעשטעהט די אוואנטורע, וואס מ'קריכט אויף הויכע בערג, נישט אויף נידריגע... וואלט איך געווען יונג, וואלט איך אפשר איצט אנ־געפאנגען גאר א נייע שיטה פון פראפאגאנדע, מיט א נייעם סימבאל: א פייפעל, א פשוט בלעכערן פייפעל, וואס קאסט נאר א פאר גראשען. און דאס שלאג־ווארט פון דער פראפאגאנדע וואלט געווען: פייפט אויף זייערע געזעצען און אויף זייערע פערבאטען! ענגלאנד האט פערלוירען דאס רעכט צו פא־דערן, אז מ'זאל זיך צו איהר געזעצגעבונג אין ארץ־ישראל בעציהען מיט דעם מינדעסטען שאטען פון מאראלישען רעספעקט. איהר גאנצע טעטיגקייט אין ארץ־ישראל איז א פערלעצונג פון מוסר און עהרליכקייט; ווי מיר הא־בען אלע פעראכטעט די צאריסטישע געזעצגעבונג, פונקט אזוי מוז עס איצט זיין מיט דער ענגלישער הערשאפט אין אונזער לאנד. ענגלאנד האט די פיזישע געוואלד, זי קאן דארט אויספיהרען, וואס זי וויל; אבער קיין מאראלישען קיום האט זי דארט נישט מצהר. פארביי איז די צייט, ווען מיר האבען דאס געהאלטען פאר א חוב, צו שטיצען די ענגלישע הער־שאפט מיט אונזער מאראלישער סאנקציע, אפילו ווען דאס איז אונז געווען אונאנגענעהם אדער אונבעקוועם. פארביי! היינט איז די ענגלישע הערשאפט אין ארץ־ישראל א נאקעטע עוולה. א פאקט פון ציינישען אונרעכט אהן קיין שום עטישער בערעכטיגונג: יעדע פעולה בעגען איהרע געזעצען איז אצינד אנ'עטיש געבאט; וואו מ'קאן זיי ברעכען, וואו מ'קאן זיי „אנפייפען", זאל מען דאס חלילה נאר נישט פערזוימען...

ג.

...אדער לאמיר נעהמען ארץ־ישראל גופא, און דעם ישוב.

דער ישוב איז אונצופרידען, דער ישוב ערווארט פון דער רעגירונג נישט קיין גוטס און ערווארט פון איהר פיעל שלעכטס. טא וואס הייסט „ערווארטען"? ווייטער „קאאפערירען" מיט דער רעגירונג? ווייטער העלפען מיסטער פרענטש אויסצוארבייטען זיינע „בעריכטען"? אדער אפשר געהן אין „פארלאמענט", וואס מ'וועט דארטען באלד איינריכטען, און זיצען דא ווי א מאכטלאזער מיעוט, מיט'ן זעלבען שענעם פנים, ווי אין דער ירושלים'ער שטאדט־פערוואלטונג? ס'וועלען זיך מסתמא געפינען אויך אזעלכע אידען,

וואָס וועלן איך דערויף מסכים זיין; וואָס זאָל מען אָבער מייען זיין יענע, וועלכע קאָנען אַזאַ צושטאַנד נישט מעהר פערטראָגען? שטעלט זיך פאָר, למשל, אַזאַ לאַגע: די רעגירונג שאַפט דעם „פּאַרלאַמענט". די גרויסע מעהרהייט אידען זענען געגען בעטייליגען זיך אין די וואַהלען, — עס געפינען זיך אָבער טיפּען, וואָס ווילען יאָ וועהלען און דורך דעם שאַפען אַנ'איינדרוק, אַז דער ישוב „קאָאָפּערירט". טאָ וואָס זאָל מען טהון? זיצען אין דער היים און שרייען חי-וקים? דאָ בעט זיך פּשוט די „אַוואַנטורע". אַזאַ בולט'ע, אַזאַ פרעהליכע, אַזאַ לאַרעמדיגע אַוואַנטורע, אַז אין אַלע עקען וועלט זאָל מען געוואוירר ווערען. וואָס פאַר אַ זיוף עס איז דער נייער „דעמאָקראַטישער" אינסטרומענט פאַר אַנטיסעמיטישער געזעצזעבונג.

אָדער אַנ'אַנדערביישפּיל אַ העברעאישער „אוניווערזיטעט" (איך זעה אין די בלעטער, אַז איצט שרייבט שוין ד"ר ווייצמאַן אַליין, אַז מיט זיין שיטה פון „פאָרשונג" האָט ער נעבעך געהאַט אַ טעות. און מ'מוז די אַנ-שטאַלט וואָס גיכער פערוואַנדלען אין אַ הויכשול פאַר סטודענטען). אָן דער שפּיץ שטעהט אַ מענש, וואָס וויסענשאַפטליך האָט ער בכלל נישט קיין איינגענשאַפטען, דערפאַר אָבער פרעדיגט ער עפענטליך געגען ציוניזם. אַ גוט דריטעל פון די פּראָפעסאָרען געהערען צו דערזעלבער אַנטי-ציוניסטישער אמונה. באַלד זאָל דאָרט ערשיינען אויף אַ קאַטעדרע נאָך איינער פון דעמ-זעלבען מין — א הערר האַנס קאָהן, יענער, וואָס האָט נאָכ'ן פּאָגראָם פון 1929 געשריבען, אַז דאָס איז געווען אַ נאַציאָנאַלער אויפשטאַנד פון די אַראַבער, און האָט געזידעלט אין די דייטשע (קריסטליכע) צייטונגען אפילו דעם הויך-קאָמיסאַר טשענסעלאָר, פאַרוואָס ער האָט זיך ערלויבט, אין זיין ערשטען אויפרוף נאָך דעם פּאָגראָם, צו קריטיקירען אונזערע אַראַבישע ברידער. נאַטירליך, אַלזאָ, מוז מען העררן קאָהן געבען אַ קאַטעדרע אויפ'ן הר-הצופים. דערווייל אָבער שענקט מען אַ קאַטעדרע דעם העררן נאָרמאַן בענטוויטש. הערר בענטוויטש איז געווען איינער פון די וויכטיגסטע מענ-שען אין דער רעגירונג דורך די אַלע יאָהרען פון אַנטיציוניסטישער און אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק: קיינמאָל נישט רעזיגנירט, קיינמאָל נישט פּראָ-טעסטירט, להפך — אַליין זיך בעטייליגט אין דער גאַנצער „געזעצגעבונג": אייגענטליך, אַ פּאָליטישער ברודער פון העררן חיימסאָן. נישט קוקענדיג אויף אַזאַ געטריישאַפט, האָבען איהם די ענגלענדער דאָך אַרויסגעשטופּט, קלאָר און אָפען צוליב זיין אידישער אָבשטאַמונג; און נישט קוקענדיג דע-רויף איז ער ווייטער געבליבען צו זיי געטריי. דאָ נישט לאַנג האָט ער אָבגעדרוקט אַ בוך וועגען ארץ-ישראל, אַזאַ בוך, אַז אפילו לעאָנאַרד שטיין, אַליין אַ „געטרייער", האָט עס זעהר קאַלט און אונפריינדליך בע-האַנדעלט אין דער לאָנדאָנער „דזשואיש קראָניקל"; און הערר סאַקער, דער אמת'ער שפּיגעל אין דער משפּחה פון „געמעסיגטע" ציוניסטען, האָט עס פּשוט אויסגעזידעלט אין „מאַנטשעסטער גאַרדיאַן". דערצו וויס מען נאָך גענוי, אַז הערר בענטוויטש טראָגט זיך אַרום מיט אַ פּלאַן, וואָס האָט שוין אַ דירעקטע בעציהונג צו אונזער „אוניווערזיטעט": ער וויל, אַז זי זאָל

טאַקי בלייבען אַ פאָרשונגס-אינסטיטוט, אפשר. אויך אַ שולע פאַר ריין-אי-דישע וויסענשאַפטען; אַנ'אמת'ע אוניווערזיטעט פאַר ארץ-ישראל זאָל אָבער געגרינדעט ווערען דורך די ענגלענדער, פאַר אידען און אַראַבער צוזאַמען, און מיט ענגלישער אונטערריכטס-שפּראַך. טאָ וואָס טהוט די „אוניווערזיטעט"? מ'גיט הערען בענטוויטש אַ קאַטעדרע — די קאַטעדרע פון אינטערנאַציאָנאַלען רעכט: פון דאָרטען זאָל ער פרעדיגען זיינע אַנשויאונגען, אַז דער מאַנדאַט גיט אונז אידען נישט מעהר ווי „מינדערהייטס-רעכט" אין ארץ-ישראל, אַז דער פעלקערבונד טאָר זיך נישט אריינמישען אין דעם, ווי די ענגלענדער פערוואַלטען ארץ-ישראל — דוקא פון הר הצופים זאָל אַט די תורה בעלייכטען די גאַנצע וועלט! און איך פרעג ביי יעדען לעזער: אויב דו וואָלסט געווען יונג, און אין ארץ-ישראל, און אַ סטודענט פון יענער „אוניווערזיטעט" — וואָס וואָלסטו געטהון? רוהיג צוגעקוקט און צוגעהערט, ווי מ'פערוואַנדעלט אַ אידישע אַנשטאַלט אין אַ שלאַנגען-נעסט פאַר סנבלט'ען, פאַר צעשטערער פון דער נאַציאָנאַל-בעוועגונג, — אין אַנ'אַגענטור פון פּאַס-פיעלדס בעהעלפער, — צוגעקוקט און צוגעהערט, ווי אַ גוט קינד, וואָס טראַכט אַפילו נישט פון קיין „אַוואַנטורעס"?

עס זענען נאָך ווייניגע אין ארץ-ישראל, וואָס זענען בערייט צו „אַוואַנטורע", אָבער זייער צאָהל וועט וואַקסען; און דער/אויפטהו זייערער וועט אויך וואַקסען אין כוח און אין וויכטיגקייט. ווייל עס איז דאָך אונמעגליך, אַז אַ גאַנצער ישוב, שליסליך די קווינטעסענץ פון דריי דורות נאַציאָנאַלער בעגייסטערונג, זאָל אייביג צושאָקלען מיט'ן קאָפּ צו די פעולות פון אַ פּאַק אויסלענדער, וואָס זייער איינציגער מיטעל אויף צו בעהערשען ארץ-ישראל בעשטעהט אין דעם, אַז זיי האַלטען נישט קיין עהרענוואָרט. זיי מאַכען אונז דאָס לעבען אין ארץ-ישראל זעהר אונבעקוועם. עס איז דאָך מאַטע-מאַטיש קלאָר, אַז עס וועלען זיך געפינען אידען אין ארץ-ישראל וועלכע וועלען זוכען מיטלען, ווי מ'מאַכט זיי דאָס לעבען אויך אונבעקוועם, און אפשר נאָך אונבעקוועמער ווי דאָס אונזעריגע. צוערשט וועלען דאָס זיין ווייניגע מענשען, און מעהרסטענס גאַר יונגע, און דער ישוב אַליין וועט זיי רופען שקצים און אַוואַנטורסטען; האָט אָבער נישט מורא, מיינע פריינד, אנשי הישוב, — איינער נאָך דעם אַנדערען וועט איהר אַליין אריינגעשלעפּט ווערען אין דיזעלבע מסילה חדשה, איהר וועט נאָך אַליין אויספּרובירען דעם טעם פון די תפיסות אין עכו און מוסקוביאה, פאַר נישט צאָהלען שטייער, אָדער פאַר נישט דולדען קיין פרעמדע פּאָליציי אין תל-אָביב, אָדער טאַקי פאַר אויספייפען אַ גאַסט אַ פּאָגראָמשטשיק, וואָס קומט צו אייך אויף אַ ליעבען בעזוך און אין זיין גייסטיגער קעשענע שטעקט שוין אַ ווייסבוך; אָדער טאַקי פאַר שטערען אייערע אייגענע פערטרעטער ביי די „וואַהלען" צו אַ שונאי-ציון-פּאַרלאַמענט, צי ביי קאַטעדרע-דרשות לכבוד אַ שונאי-ציון-רעזשים!

תפיסה איז נאָך נישט קיין טראַגעדיע — פאַר יענע, וואָס זיצען אין תפיסה. אין אַ תל־אָביב׳ער „פלוג־בלאַט „משואות" האָב איך געלייענט אַ גאַנץ לוסטיגע בעשרייבונג, ווי די ראש־פנה׳ער יונגעלייט, וואָס מ׳האָט פערשיקט קיין עכו פאַר באָיקאָט־אַגיטאַציע געגען דער פאָלקסצעהלונג, האָבען זיך געגרייט צו דעם אַרעסט: פשוט, אַ תענוג צו לייענען, אין אַזאַ צייט פון אַראָבגעלאָזטע קעפ און געהאָרכזאַמע „פראָטעסטען". אַ קלאַפּ אין טיר: „וועט איר זיך אונטערוואַרפען דער פאָלקסצעהלונג?" — „לא מיט אַנ׳אַלף!" — „זענט איהר דאָס די לייט, וואָס האָבען פערשפרייט פראָקלאַמאַציעס געגען דער „פאָלקסצעהלונג?" — „יאָ — און נאָך ווי אַזוי!" עפּעס אַ לעבעדיגער פולס, עפּעס ווי אַ ווינד־צוג פון אמת׳ער יוגענד פיהלט זיך אין דער קורצינקער בעשרייבונג... דאַן האָט מען זיי און זייערע חברים געצוואונגען צו רייניגען די אָבטריטען פון געפענגניש: פלעגען זיי אָנטהון זייערע בעסטע קליידער און ווייסע קעלנער און נעהמען זיך צו דער אַרבייט, און יעדעס שטיק שמוץ, וואָס זיי האָבען אויסגעגראָבען, איז געבליבען אַ פלעק אויף דער אוניפאָרם פון זייערע היטער און זייערע ריכטער. צוויי מיידלעך, שושנה שמעונאָוויטש און רעיה בערמאַן, האָבען זיך אָבגעזאָגט פון אַרבייטען, ווייל דאָס מעג דאָך אויך אינטערפרעטירט ווערען ווי „קאָאָפּעראַציע", און מ׳האָט זיי פערשיקט אַזש קיין בית־לחם... הערט זיך צו דעם קלאַנג פון די שטעדט־נעמען: עכו, בית־לחם — ווי איידעל קלינגען זיי דאָ, אין צוזאַמענהאַנג מיט געפענגעניש און אַפילו שמוץ־אַרבייט, אין פערגלייך מיט דעם פערשעמטען קלאַנג פון די הייליגע ווערטער ירושלים און הר־הצופים, צוזאַמענגעבונדען מיט אַ נעסט פון נאַציאָנאַלען שמד.

תפיסה איז גאָר נישט קיין טראַגעדיע — פאַר יענע, וואָס זיצען אין תפיסה: אַ טראַגעדיע איז דאָס אָפּט פאַר יענע, וואָס זעצען ערליכע לייט אין תפיסה אַריין. ענגלאַנד האָט אַצינד זוכה געווען צו דערגרייכען אָט די סטאַדיע: זי רעגירט אין איהרע בעזיצונגען דורך דעם, וואָס ערליכע מענשען זיצען אין געפענגעניש. זי האָט דערפיהרט דערצו, אַז אין אינדיען שעהמט זיך איצט יעדער אָרענטליכער פּאַטריאָט צו בלייבען אין דער היים: וואָס בין איך, פרעגט ער, אַ פעררעטער, וואָס איך זיץ נאָך נישט אין געפענגעניש? און די טעמפּע גויאישע קעפּ, וואָס שרייבען לייט־אַרטיקלען אין „טיימס" און אין „ניר איסט", לעקען זיך די פינגערלעך און שעפּען נחת: זעהט, ווי „שטאַרק" מיר זענען! וואַרט אָב אַ יאָהר, בלינדע קאָלעגען, וועט איהר זעהען, צי דאָס הייסט זיין „שטאַרק". אין דער היינטיגער וועלט איז דאָס נישט קיין סימן פון מאַכט, נאָר פערקעהרט — אַ סימן פון מאַכט־און ראַט־לאָזיגקייט, ווען אַ ציוויליזירטע נאַציאָן קאָן זיך אַנדערש נישט דערהאַלטען אין איהרע קאָלאָניעס, ווי נאָר מיט דעם, וואָס זי נעהמט די אָנגעזעהענסטע, די פיינסטע קולטורטרעגער פון דעם בעהערשטען פאָלק און וואַרפט זיי אַריין אין קייטען. יעדעס קינד אין ענגלאַנד ווייסט — כאָטש

נישט יעדער דערוואַקסענער צייטונגס-פלאַפלער זאָגט עס אַרויס — אַז גאָנ-דהי'ס איינפלוס איז נאָך שטאַרקער היינט ווי מיט אַ חודש צוריק; אַז יע-דער טאָג, וואָס ער פערברענגט אין געפענגעניש, איז אַ נייע געוואונענע שלאַכט פאַר זיין געדאַנק.

און אַזוי וועט דאָס זיין אין ארץ-ישראל — אויב עס איז אמת, אַז מיר זענען נאָך אַ לעבעדיג פאָלק.

ציון און קאָמוניזם

דאָס איז אַן ענטפער אויף אַ פּריוואַטען בריעף, וועמעס אינהאַלט איז אומגעפעהר אַזוי: „איך וויל אייך שטעלען אַ עהרליכע פראַגע און בעט אייך צו געבען מיר אַ עצה, כאָטש, נאַטירליך, טאָר איך זיך נישט מתחייב זיין צו פאָלגן די עצה. שוין זייט פינף יאָהר אַרבייט איך אין איינעם פון די ציוניסטישע יוגענד-פעראיינען. אָבער אין פערלויף פון לעצטען יאָהר האָט זיך מיין סאָציאַלע וועלט-אָנשויאונג ראַדיקאַל געענדערט. איך גלויב נישט מעהר אין דער בירגערליכער אָרדנונג, און עס עקעלט מיך פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע — זי זעהט אויס עפּעס ווי ביי אונז דער אַלגעמיין-ציוניזם: מען פערלאָזט זיך אויף „עוואָלוציע״, מען טרייבט קליין-סאָציאַליזם און מ׳טרייבט נישט-ווילענדיג פעררעט. אַ סך מעהר אימפּאָנירט מיר שוין דער קאָמוניזם. אָבער צוערשט וואָלט איך וועלען זעהן מיין פאָלק בעפעסטיגט אין ארץ ישראל, אָדער כאָטש ביים אָנפאַנג פון אַזאַ בעפעסטיגונג; און דאַן וואָלט איך זיך קאָנען ווידמען דעם קאַמף פאַר דער נייער אָרדנונג. אָט די אָנשויאונגען האָב איך אַרויסגעזאָגט פאַר מיינע פריינד אין פעראיין, און דאָס האָט געבראַכט צו רייבערייען, וועגען וועלכע ס׳איז נישט כדאי אייך צו דערצעהלען. וואָס פאַר אַן עצה קאָנט איר מיר געבען? האָב איך דאָס רעכט צו בלייבען אין אַ ציוניסטישען פעראיין מיט אַזעלכע איבערצייגונגען? אָדער איך זאָל אַרויסטרעטען? בכלל, וואָס זאָל טהון אַ יונגערמאַן אין מיין לאַגע?״

די פראַגע איז באמת אַן עהרליכע; און, ווי מ׳הערט, איז זי אַ צייכען פון דער צייט. דאָ איז נוצלאָז צו „אויסדרעהען זיך״ מיט האַלבע דבורים. ווער עס האָט אינגאַנצען פערלוירען די ציוניסטישע האָפנונג, איינערליך געוואָרען אויס-ציוניסט, דער זאָל זיך גאָרנישט אָנשטרענגען, גאָר נישט פרעגען קיין קשיות, נאָר אַוועקגעהן וואו עס ציהט איהם זיין האַרץ. קינסטליך קאָן מען קיין ציוניסט נישט „ווערען״ און נישט „בלייבען״. אַ

ציוניסט ווערט געבוירען, אדער יא — אדער נישט. ציוניזם איז א קריסטא־ליזאציע פון שטאלצקייט, פון א סוווערענער זעלבסט־שעצונג, וועלכע קאן פשוט ארגאניש נישט דערלאזען, אז מען זאל האלטען דאס אידישע פראב־לעם פאר ווייניגער וויכטיג ווי אלע אנדערע, גרויס־גיגאנטישע וועלט־פראב־לעמען. פאר דעם, וואס האט אזא געפיהל, איז אפילו וועלט־גאולה א מיאוס׳ער ליגען, כל זמן דאס אידישע פאלק האט נישט קיין אייגען לאנד ווי אלע אנדערע פעלקער. א וועלט, וואו דאס אידישע פאלק פערמאגט נישט קיין אידישען שטאאט, איז א וועלט פון רויבער און גנבים, א שאנד־הויז, וואס האט נישט קיין רעכט צו עקזיסטירען, כאטש מעגען אלע אנדערע פראגען שוין לאנג געלייזט זיין אויף דעם בעסטען אופן. אויב מ׳וועט אונז אפילו דערווייזען, אז צוליב פערווירקליכען ציוניזם מוז מען אונבעדינגט „מעכב זיין" די אלגעמיינע וועלט־באפרייאונג אויף א דור, אדער אויף א יאהרהונ־דערט, אדער אויף עטליכע יאהרהונדערטער, — טא גוט, זאל מען פערהאל־טען, זאל מען „מעכב זיין", זאל די וועלט ווארטען, ווייל מיר זענען אויך א טייל פון דער „וועלט", פונקט אזוי הייליג און וויכטיג ווי אלע אנדע־רע טיילען וואס ווארטען אויף בעפרייאונג. אזא געפיל קאן מען א מענ־שען נישט איינרעדען: אדער ער האט עס, אדער ער האט עס נישט. עס מעגען זיין אזעלכע פאלען, ווען א מענש האט עטליכע יאר דורכאנאנד געגלויבט, אז ער האט עס יא, און האט זיך דעריבער געהאלטען פאר א ציוני; דאס קאן בעזונדערס לייכט געשעהן נאך א „באלפור דעקלאראציע", ווען ציוניזם ווערט פלוצלונג א מאדע, און די גאס שטעלט זיך פאר, אז מ׳וועט איהם פערווירקליכען גיך און ביליג. שפעטער אבער דערזעהט מען די שוועריגקייטען, עס ווערט אויס מאדע, און דער מענש, וואס האט זיך „געהאלטען פאר א ציוני", דערזעהט, אז ער האט געהאט א טעות—אז ער קאן זיך זעליש בעגעהן אויך אהן דער אידישער גאולה, אז עס איז פאר איהם פאלקאם גענוג צו בעפרייען די איבעריגע וועלט. אויב אזוי — געהט געזונטערהייד, און וואס גיכער אלץ בעסער. הערצל האט געזאגט: „עס פערליערען זיך די יעניגע, אן דענען מאן ניכטס פערלירט". עס איז געווען א צייט, ארום די זיבעציגער יאהרען, ווען מענשען פלעגען „אוועקגעהען" מאסענווייז. כמעט יעדער יונגערמאן, וואס איז אריין אין א גוי׳ישע מי־טעלשול, איז שוין געווען א זיכערער קאנדידאט אויף גייסטיגען שמד; און דאס זענען מיר אויך איבערגעקומען. און, ברוך השם, דערלעבט נאכדעם אי דעם ביל"ו, אי הערצלען, אי נארדוי׳ן, אי די לעצטע אויס־שטעלונג אין תל־אביב. לאמיר נאר נישט האבען קיין מורא פאר׳ן „אוועק־געהען". מיר זענען אונענדליך רייכער, ווי מיר אליין שטעלען זיך פאר. איך זאג גאנץ ערנסט צו יעדען ציוניסטישען יוגענד־פעראיין: עפענט וואס ברייטער די ארויסגאנגס־טיהר. איך זאג גאנץ פריינדליך צו יעדען וואס צווייפעלט: קוק זיך אריין אין דיין נשמה, אפשר האסטו געהאט א טעות, אפשר איז ביי דיר אין נשמה דער ציוניזם גאר נישט אזא איין־און־איינציגער זעלבסט־הערשער ווי ער דארף זיין? אויב אזוי, ליבער פריינד, זאלסט דו קיין

איין שעה נישט פערלירען: געה געזונטערהייט, געה און קימער זיך אפילו נישט וועגען אונז — מיר וועלען זיך בעגעהן אָן דיר.

אָבער דער יונגערמאַן, וואָס האָט געשריבען דעם אויבען-ציטירטען בריף, געהערט צו אַנ'אַנדער קאַטעגאָריע; און מ'זאָגט, אַז דוקא ז י י ן פאַל איז אַצינד געוואָרען אַ כאַראַקטעריסטישע טאָג-טעגליכע ערשיינונג. ער האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט אינערליך פון ציוניזם, ער וויל נאָר קאָמבינירן ציוניזם מיט אַ צווייטען אידעאַל; ער זאָגט אַפילו: „צ ו ע ר ש ט וויל איך זעהן דאָס אידישע פאָלק בעפעסטיגט אין ארץ ישראל, אָדער כאָטש אין אָנפאַנג פון דעם, און דאַן...‟ אַזאַ מענשען מוז מען ענטפערען פונקט אַזוי עהרליך ווי ער פרעגט עהרליך: „דאָ איז נישטאָ קיין „צוערשט‟, דאָ איז נאָר פאַרהאַן אָדער אינגאַנצען דאָס, אָדער אינגאַנצען יענץ. דינען קאָן מען נאָר איין אידעאַל; און דינט מען איהם, דאַן בלייבט נישט קיין מעגליכקייט נישט נאָר נישט צו טהון עפּעס פּאָזיטיווס פאַר אַ צווייטען, נאָר נאָך ערגער — מ'מוז דירעקט בעקעמפען דעם צווייטען, ווייל ער שטערט דעם ערשטען.

עס האַנדעלט זיך דאָ נישט וועגען טעאָרעטישע „איבערצייגונגען‟. אַ געבילדעטער מענש האָט געוועהנליך אַלערליי „איבערצייגונגען‟ וועגען אַלערליי וויכטיגע ענינים. ער מעג זיין אַ פּאַציפיסט; ער מעג זיין אַן אַנ-הענגער פון אַנ'אינטערנאַציאָנאַלער שפּראַך; ער מעג זיין אַ פערעהרער פון אַראַבישען פאָלק און ווינשען די אַראַבער אַ פעדעראַציע פון מאַראָקאָ ביז מעסאָפּאָטאַמיען; ער מעג זיין אַ בעוואונדערער פון ענגלאַנד און ווינשען, אַז אינדיען זאָל בלייבען בריטיש, אָדער להפך, אַן אַנגלאָ-פאָב און ווינשען אינדיען, זי זאָל בעפרייט ווערען פון ענגלישען איינפלוס. ער מעג זיין אַ געגנער פון דער בעשטעהענדער סאָציאַלער אָרדנונג און האַלטען דעם סאָציאַליזם פאַר גוט און ריכטיג. ער מעג אַפילו האַלטען, אַז צו פערווירקליכען סאָציאַליזם איז בעסער פּאַסיג די קאָמוניסטישע מעטאָדע, ווי די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע. איהר קאָנט לייכט געפינען זעהר ערנסטע, טיף-דענקענדע מענשען, וועלכע האַלטען אָט די דאָזיגע איבערצייגונגען, נישט נאָר איינע פון זיי, נאָר עטליכע צוזאַמען, און אפשר אויך נאָך אַנדערע דערצו, פילאָזאָפישע צי סאָציאַלע צי רעליגיעזע. אָבער דאָס זענען „איבערצייגונגען‟ נישט „אידעאַלען‟. אַן „אידעאַל‟ הייסט יענע „איבערצייגונג‟ וועלכער מען ד י נ ט; און די פּרואוו בעשטעהט אין דעם, אַז אין יעדען פאַל, ווען עס איז פאַרהאַן אַ קאָנפליקט צווישען דעם אידעאַל און איינעם פון די איבעריגע איבערצייגונגען, פאָלגט מען דעם ערשטען און מ'אָפּפערט אויף די צווייטע.

אין יעדער בעוועגונג ווייסט מען פון אַזעלכע אינערליכע געוויסענס-פּראָבלעמען. בפרט קומט דאָס פאַר זעהר אָפט אין יענע בעוועגונגען, וואָס טראָגען אַ „רעוואָלוציאָנערען‟ כאַראַקטער. זייערע אָנהענגער זענען מעהרסטענס פּרינציפּיעלע געגנער פון בלוט-פאַרגיסען, אָבער זיי רעכנען זיך פּשוט נישט מיט אַ פּ ר י נ צ י פּ, ווען עס פאָדערט אַזוי דער „א י ד ע אַ ל‟. גאַריבאַלדי איז געווען איינער פון די ערשטע טרוימער פון אַ פעלקערבונד,

וואָס זאָל אָבשאַפען אַלע מלחמות, אָבער זיין גאַנץ לעבען האָט ער געפיהרט מלחמות. איך בין גאַנץ גרייט צו גלויבען, אַז די רוסישע קאָמוניסטען זע־נען פרינציפיעלע געגנער פון מיליטאַריזם, אָבער זיי פערמאָגען איינע פון די גרעסטע אַרמעען. מ׳קאָן ברענגען נאָך ביישפיעלען, אָהן אַ סוף, אויף יעדען געביט פון מענשליכער שטרעבונג. עס איז אַנ׳אייזערנער כּלל און אַ גראַניטענער געזעץ, אַז קיין שום מענש איז נישט אימשטאַנד באמת צו „שטרעבען" צו אַ זאַך, אויב ער איז נישט מסכּים צו אָפּפערען זיינע אַנ־דערע „איבערצייגונגען", ווען דאָס ווערט נויטווענדיג. אין דעם בעשטעהט די געוואַלדיגע און הייליגע קנאות, די „אייפערזיכטיגקייט" פון יעדען אי־דעאַל. אַן אידעאַל איז אזאַ בעשעפעניש, וואָס דערלאָזט נישט נעבען זיך קיין קאָנקורענטען. „איבערצייגונגען" דערלאָזט ער וויפיעל איהר ווילט, אָבער ד י נ ע ן קאָנסט דו און טאָרסט נאָר איין איינציגער איבערצייגונג, און אַלע אַנדערע, ווי שעהן ווי טייער זיי זאָלען נישט זיין אין דיינע אויגען, וועסט דו מוזען זיי אויפגעבען, ווען עס פאָדערט דאָס ביי דיר יענע איינ־ציגע. מיר דיסקוטירען דאָ נישט וועגען דעם, צי דאָס איז עטיש גוט אָדער שלעכט (איך האַלט, אַז דאָס איז עטיש גוט); אָבער אַזוי איז דאָס און אַנדערש קאָן עס נישט זיין.

*

דעריבער איז די הויפט־פראַגע די: קאָן מען פאַראייניגען, ווי עס האָפט יענער יונגער פריינד, אַן אַקטיווען דינסט לטובת דעם ציוניזם מיט אַ נעטריישאַפט צו דער קאָמוניסטישער בעוועגונג? אויב יאָ, איז נישטאָ קיין קאָנפליקט, אָבער אויב נישט —

לאָמיר זיך צוקוקען צו דער ווירקליכקייט, און לאָמיר דאָס טהון אָביעקטיוו, אָביעקטיוו הייסט: פערגעסען, אַז איך, וואָס שרייב די דאָזיגע שורות, בין אַ געגנער נישט נאָר פון קאָמוניסטישע מעטאָדען, נאָר אַפילו פון אַ סאָציאַליסטישער אָרדנונג, נאָך מעהר: לאָמיר זאָגאַר פערגעסען, ווי עס בענעהמען זיך די קאָמוניסטען בנוגע צו די ציונים דאָרטען, וואו זיי זענען אימשטאַנד זיי צו אונטערדריקען. לאָמיר נאָר נעהמען די ריינע עסענץ פון דער קאָמוניסטישער אויפפאַסונג און פרעגען זיך, צי זי איז פעראייגבאַר מיט די אינטערעסען פון ציוניסטישען אויפבוי.

פאַר דעם ציוניסטישען אויפבוי בעדאַרף מען צוויי זאַכען — אַחוץ די מענשען: ערשטענס אַ לאַנד, דאָס הייסט, די מעגליכקייט צו פערוואַנד־לען ארץ־ישראל אין אַ אידישע מדינה אָהן שטערונגען מצד דער איצטיגער מעהרהייט; און צווייטענס — קאַפּיטאַל. וואָס זאָגט אונז די „ריינע עסענץ פון קאָמוניזם" בנוגע צו אָט די צוויי מאָמענטען?

בנוגע צו קאַפּיטאַל: דאָס געלד פאַר׳ן אויפבוי קומט, מעהר פון נייג־ציג פראָצענט, פון די קעשענעס פון אונזער מיטעלשטאַנד. אַלע אונזערע פאַבריקען אין ארץ־ישראל זענען געשאַפען געוואָרען דורך דעם מיטעל־שטאַנד. דאָס געלד צו בויען תל־אביב האָט געבראַכט דער מיטעלשטאַנד

פון די קאָלאָניעס, זענען די אַלטע געגרינדעטע געוואָרען טיילווייז מיט'ן געלד פון קליינבירגער און טיילווייז מיט'ן געלד פון אַ גרויסן קאַפּיטאַליסט. די מיטעלע גרופּע (מסחה, סעדזשערא און אַנדערע) מיט'ן געלד פון איק"א, ד. ה. פון באַראָן הירש. די נייע קאָלאָניעס, ווי דער עמק, מיט'ן געלד פון קרן היסוד: ווידער בורזשואַזיע. עס מעג זיין אָנגענעהם צי נישט, אָבער אַזוי איז דאָס. און דאָס ריינסטע פון דער ריינער עסענץ פון קאָמוניזם הייסט: קלאַסן-קאַמף געגען דער בורזשואַזיע. וואו עס זיגט, מוז ער צעשטערן די בורזשואַזיע, אַוועקנעהמען ביי איהר דאָס גרויסע און דאָס קליינע פערמעגען. דאָס הייסט — אָבהאַקן דעם איינציגען וואָרצעל, פון וועלכען מען קאָן ציהען דעם אויפבוי-קאַפּיטאַל פאַר ארץ-ישראל. גאַנץ גלייך, צי אונטער „אויפבוי-קאַפּיטאַל" פערשטעהען מיר פּריוואַטע אונטערנעהמונגען אָדער נאַציאָנאַלע פאָנדען: אי דאָס, אי דאָס, קומט פון מיטעלשטענדישע קעשענעס און קאָן נישט קומען פון קיין אַנדערע, ווייל עס זענען נישטאָ קיין אַנדערע. אין די לעצטע יאָהרען האָט די „הסתדרות" געפּרואווט זאַמלען געלד ביי די אַמעריקאַנער אַרבייטער; זעהר שעהן. אָבער אין פערגלייך צו די פערציג מיליאָן פונט, וואָס מיר האָבען אַריינגעבראַכט אין ארץ־ישראל זינט דעם קריג (דאָס איז די ציפער, וואָס שטעהט אין דעם ענטפער פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אויף סימפּסאָנ'ס בעריכט) זענען זייערע זאַמלונגען אַ טראָפּען וואַסער אין ים. און אַנדערש קאָן דאָס נישט זיין — פּראָלעטאַריאַט איז פּראָלעטאַריאַט, זיין ערשטע כאַראַקטעריסטיק איז די, וואָס ער האָט נישט קיין געלד.

און בנוגע צו לאַנד: די עסענץ פון קאָמוניזם בעשטעהט אויך אין דעם, אַז ער רודערט אויף און מוז אויפרודערן די מזרח-פעלקער געגען דער אייראָפּעאישער הערשאַפט. אָט די הערשאַפט איז אין זיינע אויגען אַן „אימפּעריאַליסטישע" און אַן אויסבייטערישע; איך גלויב אַנדערש — אַז נאָר די אייראָפּעאישע הערשאַפט מאַכט פון זיי ציוויליזירטע מענשען — אָבער דאָס איז אַ זייטיגע פראַגע און געהערט דאָ נישט צום ענין. קלאָר איז איינס: דער קאָמוניזם העצט און מוז העצען די מזרח-פעלקער, און דאָס קאָן ער טהון נאָר אין דעם נאָמען פון זייער נאַציאָנאַלער בעפרייאונג. ער זאָגט צו זיי, און ער מוז אַזוי זאָגען צו זיי: אייערע לענדער זענען פאַר אייך, נישט פאַר קיין פרעמדע. דאָס מוז ער זאָגען אויך צו די אַראַבער; און דאָס מוז ער זאָגען אויך צו די אַראַבער פון ארץ-ישראל. נאָך ערגער — ער מוז דאָס זאָגען בעזונדערס צו די אַראַבער פון ארץ-ישראל, ווייל עס איז פאַרהאַן אַ סטראַטעגישער גצזעץ, וועלכען עס טאָר נישט פערגעסען קיין שום אַרמעע און קיין שום קעמפענדע בעוועגונג: מ'מוז אָנפאַלען אויף דעם געגנער דאָרטען, וואו עס איז זיין שוואַכסטער פונקט. אידען זענען שוואַכער ווי ענגלענדער, פראַנצויזען און איטאַליענער.

ווידער אַמאָל וויל איך אונטערשטרייכען: איך רעד דאָ נישט פון דעם בייזען ווילען פון די קאָמוניסטען. להפך, איך בין בעקאַנט מיט עט-

ליכע רוסישע באָלשעוויקעס, וועלכע האָבען אַפילו אַ סענטימענטאַלע סימפּאַטיע צו ציוניזם. זי איז אָבער אָהנמעכטיג צו ענדערען די אָביעקטיווע בעציהונג פון זייער בעוועגונג. די עסענץ פון קאָמוניזם איז אַנטי-ציוניסטיש, צי אַלע סטאַלינס ווילען דאָס אָדער ווילען דאָס נישט. דער קאָמוניזם מוז שטרעבען צו געבען די אַראַבער די מעגליכקייט, אַז זיי זאָלען מאַכען פון ארץ-ישראל אַן׳אַראַבישען טייל פון אַ גרויסען אַראַבישען שטאַאט: ער קאָן נישט אַנדערש. און דער קאָמוניזם מוז שטרעבען צו פערניכטען די איינציגע קוואַל פון אונזער אויפבוי-קאַפיטאַל — די אידישע בורזשואַזיע — ווייל זיין יסוד און זיין שורש און זיין עיקר איז דער קלאַסען-קאַמף געגען דער בורזשואַזיע.

נישט נאָר „דינען״ צוויי אַזעלכע בעוועגונגען קאָן מען נישט — מ׳קאָן אַפילו נישט בלייבען טעאָרעטיש געטריי צו איינעם, ווען מ׳דינט דער צווייטער. וויל מען דינען דעם ציוניזם, איז מען געצוואונגען אויף יעדען שריט צו אַרבייטען און קעמפען געגען דעם קאָמוניזם. יעדער פאָרטשריט פון קאָמוניזם, כאָטש ער זאָל פאָרקומען ערגיץ־ווו אין עק-וועלט, מעקסיקאָ אָדער טיבעט, איז אַ פאַקטישער פערלוסט פאַר דעם אויפבוי פון אַ אידישער ארץ־ישראל. יעדע מפלה פון קאָמוניזם איז אַ פאַקטישער ריוח פאַר׳ן ציוניזם. זעלטען האָט מען געזעהן אַזאַ ביישפּיעל פון אַבסאָלוטער, אַלזייטיגער, אָביעקטיווער געגנערשאַפט צווישען צוויי בעוועגונגען.

דאָ איז נישטאָ קיין „צוערשט״ און „נאָכדעם״, און דערווייל געטריישאַפט צו ביידע. ווילט איהר „צוערשט״ העלפען דעם פאָלק ישראל צו שאַפען זיין מדינה אויף ביידע ברעגען פון ירדן, טאָ אַפילו קיין נייטראַליטעט קאָן דאָ נישט זיין. ווי אַ מענש קאָן נישט אָטעמען אין וואַסער (אַלץ איינס, צי ער האָט „סימפּאַטיען״ צו וואַסער, אָדער האָט פיינט וואַסער), פונקט אַזוי קאָן דער ציוניזם נישט לעבען אין קאָמוניסטישען ווינד. אויב ציוניזם קומט ביי אייך טאַקי באמת „צוערשט״ — טאָ וועלען אייך אַלע אייערע פּראָ-קאָמוניסטישע „איבערצייגונגען״ נישט העלפען: פאַר אונזער ביימעל איז קאָמוניזם ווי שטיק-גאַז, און אַזוי וועט איהר איהם מוזען בעהאַנדלען.

אומזיסט אייערע פשט׳לען, יונגער פריינד, עס וועט אייך נישט העלפען. אָדער — אָדער. ווי יעדער אינטעליגענט, האָט איהר אַ גאַנצע מאַסע פון אָנשויאונגען און איבערצייגונגען. זייט זיך מישב און קלויבט אויס די איינע, וועלכער איהר ווילט ד י נ ע ן און אַלע אַנדערע וועט איהר דאַן מוזען בעהאַנדלען אַזוי, ווי די סאָוויעט-רעגירונג בעהאַנדעלט דעם פּאַציפיזם: אויב עס געהט, אַדרבא; אויב עס געהט אָבער נישט, שאַפט מען די אַרמעע; ווייל אַלע אַנדערע איבערצייגונגען מוזען זיך פערבויגען פאַר יענער איינער, וועלכע הייסט אידעאַל. אַ מענש מעג לעבען בכלל אָהן אידעאַלען, צו פרנסה שטערט עס נישט; אָבער מיט צוויי אידעאַלען קאָן מען נישט זיין קיין מענש, מ׳קאָן נאָר זיין אַ בטלן. דער עיקר פון אייער פּראָבלעם ליגט אין דעם וואָרט „צוערשט״ — און דאָס, וואָס קומט צוערשט, קומט אויך צולעצט און אין מיטען און אומעטום. זייט זיך גוט מישב און קלויבט אויס. אויב צוערשט

קומט קאָמוניזם – זייט אייך געזונד. אויב צוערשט קומט די אידישע מדינה אין ארץ־ישראל, וועט און מוז אייער קאָמוניסטישע סימפּאַטיע בלייבען אַ פוסט וואָרט, אַ זאַך וואָס איהר וועט מוזען בעקעמפען מיט די הענד און טרעטען מיט די פיס, פונקט ווי איך. איך טהו דאָס מיט פערגעניגען, איהר וועט דאָס טהון מיט בעדויערען, אָבער דאָס וועט זיין דער איינציגער אונטערשיעד. קיין דריטע ברירה איז נישטאָ.

די משפחה פון זאב זשאבאטינסקי

ז. זשאבאטינסקי אויף זיין לעצטע רייזע איבער אייראפע

די רעדאקציע פון „ראזסוועט" אין פאריז

טרומפּעלדאָרס יאָהרצייט

א.

אין אַ יאָהרצייט זאָגט מען קדיש. וואָס פאַר אַ קשר בעשטעהט אָבער צווישען אַ ליוב-געזאַנג דעם רבונו של עולם און טרויער און קברים? דער זין פון קדיש בעשטעהט מסתמא אין דעם, וואָס דער הייליגער נאָמען, וועלכען מען איז מהלל, איז נישט דער נאָמען פון דיין גאָט, נאָר דער נאָמען פון דעם גאָט פון געשטאָרבענעם, — פון יענער קדושה, פאַר וועלכער ער האָט געלעבט און פאַר וועלכער ער איז אפשר אויך געשטאָרבען. „יתגדל ויתקדש“ בעדייט דעריבער, אַרויסגעהענדיג פון דעם שטאַנדפונקט: „הגם דו, מענש, ביזט טויט, אָבער די קדושה, פאַר וועלכער דו האָסט געדינט, בלייבט גרויס און הייליג, און מיר, וואָס האָבען דיר איבערגעלעבט, וועלען ווייטער דינען דיין דינסט און ווייטער קעמפען, ביז צום זיג!“

דערפאַר מוז מען זיך פרעגען, איידער מען בעגעהט דעם יאָהרצייט פון אַ גרויסען מענשען: איז דאָס ערנסט? בין איך גרייט נאָכצופאָלגען זיין ביישפּיל? אויב עס איז יאָ אַזוי, דאַן האָט איהר דאָס רעכט, צו זאָגען קדיש נאָך איהם, דאַן זייט איהר זיינע יורשים. אויב עס איז אָבער נישט אַזוי — דאַן איז אייער קדיש אַ שקר און דער יאָהרצייט-טומעל אַ קאָמעדיע.

צוויי יאָהר פאַר׳ן אויסברוך פון דער וועלט-מלחמה האָט דאָס ליבעראַלע און ראַדיקאַלע רוסלאַנד ליאַרעמדיג געפייערט דעם 30-טען יאָהרצייט פון גאַריבאַלדי. איך בין דאַמאָלסט געווען אַ רוסישער זשורנאַליסט און האָב געפרעגט מיינע קאָלעגען: „וואָס האָט עס פאַר אַ זין, אַז איהר פייערט אַזאַ מענשען ווי גאַריבאַלדי? ער איז דאָך געווען די פערקערפּערונג פון דעם, וואָס מען רופט אין אייער לשון „שאָוויניזם“. נישט פשוט

נאַציאָנאַליזם, נאָר דוקא שאָווינים! ער איז געווען נישט נאָר פאַר דער אויטאָנאָמיע פון די איטאַליענער, נאָר אַפילו פאַר דער שאַפונג פון אַן אַני־געגעם שטאַאַט, פאַר דער צושטערונג פון דער בעשטעהענדער שטאַאַטס־פאָרם, פאַר דער פערטרייבונג פון די דייטשען. אין אונזער צייט, אינ'ם יאָהר 1912, זענען אויך פאַראַן אונטערדריקטע פעלקער, וועלכע חלומ'ען וועגען אונאָבהענגיגע נאַציאָנאַלע מלוכות — די פאָליאַקען, די טשעכען, די איטאַליענער אין עסטרייך אָדער די ציוניסטען. פאַר אייך זענען אָבער אַזוינע חלומות ערגער פון טריף. וואָס פאַר אַ רעכט האָט איהר צו שרייען בראַוואָ, אָבצוגעבען כבוד דעם לעהרער, ווענס תורה איהר האַסט אין זיינע תלמידים ?"

היינט, אינ'ם יאָהרצייט פון טרומפעלדאָר, מוז מען שטעלען דיזעלבע פראַגע. צווישען די וואָס פייער'ן טרומפעלדאָר'ן, געפינען זיך די ביטערס־טע, פערביסענסטע געגנער פון אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו שווערדען, געוועהר און רעוואָלווער. אָבער טרומפעלדאָר'ס נאָמען איז דאָך דוקא פער־בונדען מיט די דאָזיגע מיאוסע כלי־זין! אמת: ער האָט אויך געשאַפען דעם „החלוץ", און דאָס איז אַ לייכטענדיגער שטיין אין זיין קרוין. עס וואָלט אָבער געווען נאַריש צו לייקענען, אַז אינ'ם זכרון פון דער מאַסע פון אונזער פאָלק איז טרומפעלדאָר קודם־כל אַ סאָלדאַט. אַז ער האָט גע־שאַפען די חלוץ־בעוועגונג, דערפון ווייסט די מאַסע גאָרנישט אָדער זעהר ווייניג. פון הונדערט אידען, וואָס רעדען מיט התלהבות און דאַנקבאַרקייט וועגען די חלוצים, וועלען ניין־און־ניינציג אויפרייסען די אויגען, ווען מען וועט זיי זאָגען, אַז דער דאַנק פאַר דעם קומט קודם־כל דעם העלד פון תל־חי. אָבער דאָס וואָרט „העלד פון תל־חי" איז זיי בעקאַנט, און פאַר פיעלע איז דאָס אפשר דאָס איינציגע, וואָס זיי ווייסען בכלל וועגען טרומ־פעלדאָר, דאָס — און דער לעגיאָן. דערביי אונטערשיידען זיי נישט דעם גאַליפאָלי־לעגיאָן, וועלכען ער האָט געשאַפען און געפיהרט אַ געוויסע צייט, און דעם ארץ־ישראל'דיגען לעגיאָן, אין וועלכען ער האָט זיך נישט בע־טייליגט. זיי אונטערשיידען גאָרנישט. זיי ווייסען נאָר די דריי ווערטער: טרומפעלדאָר, לעגיאָן, תל־חי.

טרומפעלדאָר'ס לעגענדע, וועלכע האָט זיך געשאַפען אין די פאָלקס־מאַסען, איז די לעגענדע וועגען אַ אידישען סאָלדאַט און נישט די לעגענ־דע וועגען אַ פאַרטיי־מענשען.

דערפאַר איז אויך זיין נאָמען אין די מאַסען אַזוי פאָפולער. עס איז נישט אמת, אַז דער איד „האָט אַזוינע זאַכען נישט ליעב". דאָס איז אויס־געטראַכט. אינ'ם האַרצען פון דעם פשוט'ען אידען פון דער מאַסע לעבט אַן'אונגעהויערע התלהבות און בעוואונדערונג, אפשר אַפילו אַ בענקעניש נאָך אַ שטאַרקער האַנד, וואָס זאָל זיך אָננעהמען פאַר זיינע קריוודעס. דאָס ווייסט יעדער, וועלכער האָט אַמאָל געזעהען חסידים מיט לאַנגע בערד ביי אַ פוטבאָל־מעטש פון וויענער „הכח". דאָס איז ריכטיג אויך לגבי די פרויען. פון אַ רבי'צין ביז אַ מאַרק־הענדלערין ווייסען זיי אַלע דעם נאָמען

„ברייטבאָרד" און זיי שעצען אָט דעם נישט לאַנג פאַרשטאָרבענעם נייעם שמשון הגבור. דער איד פון אַ גאַנץ יאָהר ווייסט, אַז ער אַליין קען נישט געבען קיין גוטען קלאַפּ, אָבער עס איז נישט אמת, אַז ער שטאָלצירט מיט דעם, פונקט פערקעהרט. ער האַלט עס פאַר אַ קראַנקהייט ווי אַלע אַנדערע גלות-קראַנקהייטען, און ער פרעהט זיך פּנ׳ם גאַנצען האַרצען, ווען ער זעהט זיינעם אַ ברודער, וועלכער קען יאָ געבען אַ קלאַפּ.

עס איז אויך נישט ריכטיג, איינצורעדען זיך און אַנדערע, אַז די מאַסען שעצען אין טרומפּעלדאָרס געשטאַלט נישט דעם העלד, נאָר דעם קרבן, דעם מענשען, וועלכער איז שעהן געשטאָרבען און נישט דעם מענשען, וועלכער האָט שעהן געקעמפט. דאָס איז נישט אמת. קדושים און קרבנות האָבען מיר געהאַט אין אונזער דור אין די טויזענדער, און קיין איינציגער פון זיי איז נישט אַרומגעוויקעלט געוואָרען מיט אַ לעגענדע. טרומפּעלדאָרס גרויסקייט בעשטעהט נישט אין דעם, וואָס די אַראַבער האָבען איהם גע׳הרג׳עט, נאָר אין דעם, וואָס ער האָט בעשיצט דעם אידישען ישוב מיט׳ן ביקס אין דער האַנד, און וואָס ער האָט פיעלע מערדער גע׳הרג׳עט איידער ער איז אַליין געפאַלען.

דאָס און נאָר דאָס איז דער זין פון דעם תל־חי-קולט אין דער מאַסע און אין דער יוגענד. און יעדע אַזכרה אין י״א אדר שטאַרקט און בעפעסטיגט נאָר אָט דעם אינהאַלט. יעדער מענש, וועלכע הערט אַ רעדע וועגען טרומפּעלדאָר׳ן העלפט איינצוואָרצלען אין דעם אידישען האַרצען די בענקעניש נאָך דער שטאַרקער האַנד. דעריבער מוז יעדערער, יעדערער אָהן יוצא מן הכלל, זיך פרעגען: וואָס וויל איך? וואָס בעדייטען פאַר מיר די צוויי ווערטער „תל־חי" און „טרומפּעלדאָר"? צי איז דאָס אַלץ אַ מיספערשטענדניש, אַ טעות, וואָס גאָט האָט געמאַכט, שאַפענדיג אַזאַ טיפּ אין זיין פאָלק ישראל, אָדער דאָס איז אַ סימבאָל און אַ ביישפּיל? אויב עס איז דאָס צווייטע, דאַן קומט צו אונזערע אַזכרות, איז עס דאָס ערשטע — דאַן גייט אַוועק.

ב.

טרומפּעלדאָר אַלס אַ אידישער סאָלדאַט, תל־חי אַלס אַ אידישע פעסטונג, דאָס זענען נישט קיין טעות׳ן, נאָר אַ ביישפּיעל און אַ תורה פאַר אונזער יונגען דור.

אַז די מאָדע צו בעפאַלען און צו הרג׳ענען אידען אין דער גאַנצער וועלט, איז נאָך נישט פערביי, וועגען דעם איז נישטאָ וואָס צו דיסקוטירען; דאָס קאָן אויך אַ בלינדער זעהן. עס בלייבט נאָר איין פראַגע: וואָס איז דער בעסטער מיטעל געגען אַזאַ מאָדע? מען טאָר דאָך נישט פערגעסען, אַז אויך די געגנער פון טרומפּעלדאָרס וועג ליעבען נישט קיין פּאָגראָמען און זוכען מיטלען, ווי זיי אויסצומיידען. אָט די מענשען מיינען, אַז דאָס בעסטע מיטעל איז נישט צו צנטפערען מיט „עין תחת עין, שן תחת שן".—

אין דעם ענין זענען זיי מסכים מיט גרויסע און איידעלע דענקער, ווי טאָלסטאָי און גאַנדי, וועלכע זאָגען, אַז אונטערצושטעלען די צווייטע באַק קען בעסער בעאיינפלוסען דעם ערגסטען שונא איידער אַ קלאַפּ פון אַ שטאַרקער האַנד. די דאָזיגע מענשען זאָגען, אַז דער וועג פון פיזישען ווידערשטאַנד טרעפט נאָר די מוסקולען פון דעם שונא, און נישט זיין האַרץ און זיין ווילען. זיי מיינען, אַז עס איז פּונקט פּערקעהרט, — דעם ווילען און דאָס האַרץ פון דעם שונא קאָן דאָס נאָר נאָך מעהר צוהיצען. זיך נישט רעוואַנזשירען איז דער איינציגער אופן, וואָס ווירקט אויפן צענטרום פון זיין בייזען ווילען, לעשט אויס דאָס בייזע פייער פון זיין האַרצען, פון זיינע נערוועז און נשמה. דער שונא הויבט אָן זיך צו שעמען, און דאָס שעמען זיך איז די בעסטע לעהרערין פון מוסר. אָט די מענשען גלויבען, אַז דאָס גאַנצע אומגליק פון דער וועלט בעשטעהט אין דעם, וואָס תמיד וויל מען זיך „רעוואַנזשירען". וואָלט מען גלייך פון׳ם אָנהויב אָן געטהון אַנדערש, וואָלטען שוין פון לאַנג אויף דער וועלט קיין מלחמות און קיין פּאָגראָמען נישט געווען.

דאָס איז אַ שעהנע און איידעלע טעאָריע. אָבער שעהן און איידעל הייסט נאָך נישט: אמת. דער בעסטער בעווייז ליגט פאַר אונזערע אויגען און הייסט: די געשיכטע פון׳ם גלות. עס איז אויך נישט אמת, אַז מענשען האָבען קיינמאָל נישט פּרובירט צו פערווירקליכען טאָלסטאָי׳ס טעאָריעס. מיר אידען האָבען עס פּרובירט. נישט נאָר פּרובירט, נאָר אויך סיסטעמאַטיש דורכגעפיהרט מיט איבערמענשליכער געדולד אין פערלויף פון אומצעהליגע דורות. נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס דער וועג נישט צו ענטפערען האָט אונצעהליגע מאָל געפיהרט צו דעם איינציגען רעזולטאַט, וואָס מען האָט אונז ווידער געשלאָגען, פלעגען מיר אויך ווייטער נישט ענטפערען. די געשיכטע פון׳ם גלות איז פול מיט פּאָגראָמען, נאָר נישט מיט קיין זעלבסטשוץ. דאָ האָט איהר דעם עקספּערימענט דורכגעפיהרט פּינקטליך און גרינדליך, לויט די געגויעכטע מעטאָדען, אין אַלע צייטען און אַלע לענדער. און דער רעזולטאַט? מען שלאָגט אונז.

די טבע פון׳ם מענשען איז נישט שוואַרץ און נישט ווייס, נישט גוט און נישט שלעכט. זי איז נאָר אַ פּראָדוקט פון דעם פערהעלטעניש צווישען דעם אַפּעטיט און דער מעגליכקייט איהם צו בעפרידיגען. דער מענש האָט תאוות, און ער בעמיהט זיך זיי צו בעפרידיגען אויף דעם וועג פון דעם „קלענסטען ווידערשטאַנד". אויב דער ווידערשטאַנד איז צו גרויס, טאָ זאָגט זיך דער מענש, אַז די סחורה איז נישט ווערט דעם מחיר, און ער זאָגט זיך אָפּ פון זיינע תאוות. אָבער ווען ער זעהט, אַז עס איז בכלל קיין שום ווידערשטאַנד נישט פאַרהאַן, דאַן זאָגט ער: „דאָ מעג מען!" — און פערקאַטשעט די אַרבעל.

דאָס ערגסטע גיפט פאַר יעדען מענשען ליגט אין אָט דעם „דאָ מעג מען". ווען ער הערט דאָס, קען שוין גאָרנישט העלפען. אַ משל? קוקט זיך צו צו דער טעטיגקייט פון כמעט אַלע אייראָפּייאישע פעלקער אין זייערע

אַפריקאַנישע קאָלאָניעס ביז צו דעם סוף פונ׳ם ניינצעהנטען יאָהרהונדערט,
צום ביישפיעל די בעלגיער אין קאָנגאָ. די בעלגיער זענען נישט קיין פאָלק
פון רוצחים; זיי לעבען אין איינעם פון די רוהיגסטע און ציוויליזירטעסטע
לענדער פון אייראָפּא. אין זייער אייגען לאַנד זענען די בעאַמטע און סוחרים
גוטמוטיג און העפליך. אָבער אין קאָנגאָ, וואו זיי האָבען געהאַט צו טון
מיט די נעגערס זענען זיי געווען ערגער פון די שקלאַפּענהענדלער פון
„פעטער טאָם׳ס סוכה". די זעלביגע בעאַמטע און די זעלביגע סוחרים. פאַר-
חאָס? ווייל זיי פיהלען, אַז דאָ „מעג מען".

נעהמט אַ מקום-קדוש און שרייבט אויף „דאָ מעג מען..." — דאַן וועט-
לען זיך געפינען פיל מענשען, וועלכע וועלען אים מחלל זיין. די ציווילי-
זאַציע בעשטעהט אפשר הויפטזעכליך אין דעם, וואָס עס ווערט פערקלענערט
די צאָהל פון די אָביעקטען, וואָס „מען מעג" זיי מחלל זיין.

היינטיגען טאָג געפינט מען נישט קיין איין ווינקעל אין דער גאַנ-
צער וועלט, וואו עס זאָל שטעהן די אויפשריפט „הפקר". די איינציגע אויס-
נאַמע זענען מיר אידען. דערפאַר האָט די יוגענד אַזוי ליעב טרומפעלדאָר׳ן.
נישט זיין האַמער, נישט זיין לאָפּאַטע, נישט זיין אַקער, נאָר זיין שווערד.
אָט דער יוגענד איז אונענדליך טייערער תל-חי אַלס פעסטונג, חי תל-חי
די קבוצה. אין זייערע אויגען איז דאָס דער סימבאָל, אַז עס זענען נאָך
דאָ מיטלען זיך צו בעפרייען פון דעם הפקר.

ג

מען שפילט ביי אינז מיט לאַטיינישע ווערטער. ביי די אַמאָליקע
בונדיסטען פון דער מאָסקווער יעווסעקציע רופט מען דאָס לערנען העברעאיש
מיטן נאָמען „קלעריקאַליזם". עס קלינגט זעהר עהנליך, ווען מען רעדט ביי
אונז וועגען „אידישען מיליטאַריזם". איןביידע פאַלען איז דאָס נישט מעהר
ווי אַ מיסברויך פון וואָרט און בעגריף. —

מיליטאַריזם איז אַ סיסטעם, לויט וועלכען איין לאַנד האָט צופיעל
מיליטער. דאָס איז די איינציגע עהרליכע אויסטייטשונג פון דעם לאַטיינישען
וואָרט. קיין איין בר-דעת האָט נישט געפאָדערט, אַז אַ פאָלק זאָל בלייבען
לגמרי אָהן אַ בעוואָפענטע מאַכט. אַפילו דער ראַדיקאַלסטער פאַציפיסט (ווי
טאָלסטאָי) שטעלט נאָר די פאָדערונג, אַז אין יעדען לאַנד זאָלען די בע-
וואָפענטע כחות פערקלענערט ווערען ביז אַזאַ מינימום, וואָס אומפּאַרטייאי-
שע עקספּערטען וועלען געפינען פאַר אומבעדינגט נויטווענדיג, כדי אָבצו-
היטען די אָרדנונג. אָבער מיר אידען האָבען אַפילו נישט דעם מינימאַלסטען
מינימום; און דער רבינו של עולם איז אונזער עדות, אַז דעם מינימום
דאַרפען מיר, כדי אָבצוהיטען די אָרדנונג אין דער סביבה פון דער אידי-
שער גאַס. איך פערשטעה, אַז מען בעטראַכט אַלס מיליטאַריסטען די יעני-
גע, וועלכע בעגנוגנען זיך נישט מיט דעם מינימום. אָבער בעצייכנען מיט
דעם זעלבען נאָמען מענשען, וועלכע האָבען גאָרנישט און ווילען נאָר אַ

צעהנטעל פון אַט דעם מינימום, דאָס איז אַ מיסברויך פון דעם וואָרט? ווען אַ מענש איז זאַט און וויל נאָך ווייטער עסען, דאַן איז ער אַ זולל וסובא, אָבער ווען אַ הונגעריגער מענש פאָדערט עסען, דאַן איז דאָס אַ פעלשונג און אַ זיוף אָנצורופען איהם אויך מיט דעם זעלבען נאָמען.

דער זין און דער אינהאַלט פון טרומפעלדאָרס טויט בעשטעהט אין דעמזעלבען, אין וואָס עס בעשטעהט די תורה פון חנוכה. און פונקט אַזוי ווי אין ענין חנוכה האָט מען אויך דאָ פרובירט צו פערטונקלען די אמת'ע בעדייטונג פונ'ם היסטאָרישען געשעהעניש.

דער נס פון חנוכה, בעשטעהט אייגענטליך אין דער גבורה פון די חשמונאים און פון זייערע זעלנער: דער פלפוליסטישער דענקער פון דעם געטאָ האָט פון דעם געמאַכט אַ פּראָבלעם פון דעם אייל, וועלכעס האָט געברענט אַ גאַנצע וואָך, הגם עס איז געווען זעהר וועניג. איך וויל דאָ נישט זאָגען, אַז די טראַדיציע פון דעם אייל איז נישט קיין שיינע טראַדיציע. אפשר שטעקט אויך אין איהר אַ שיינע סימבאָליק. אָבער היסטאָריש איז דאָס אַ פערדרייאונג פון דעם אמת. און עס וואָלט געווען נאָך אַן ערגערע פער-דרייאונג פון דעם אמת, צו רעדוצירן תל-חי. תל-חי איז דאָס זעלבע, וואָס פאָרט-אַרטור און סעוואַסטאָפּאָל פאַר די רוסען און ווערדען פאַר די פראַנצויזען: אַ פעסטונג, וועלכע דער שונא האָט אַטאַקירט מיט וואָפען אין דער האַנד און דער איד האָט זי געשיצט אויך מיט וואָפען אין דער האַנד. טרומפעלדאָר איז געווען דער אָנפיהרער פון די שוצפעהיגע אידען.

און דער קדיש אויף זיין אַזכרה קלינגט אַזוי: „אַזוי לאַנג ווי מיר געדענקען דיין נאָמען, – וועט דיין ביישפיל זיין גרויס און הייליג ביי אונז און מיר וועלען געהן אויף דיין וועג!

(איבערזעצונג פון ל. ב–ח)

וועגען „איי־ערנער וואנד"

[מיר און די אראבער]

געגען דעם גוטען מנהג אנצוהויבען יעדען ארטיקעל פון תוך ענין, מוז איך דאסמאל אנפאנגען מיט א הקדמה, דערצו נאך א פערזענליכע. דעם שרייבער פון אט די צייל'ען האלט מען פאר א שונא פון די אראבער, א מענשען, וואס וויל די אראבער ארויסדרענגען פון ארץ־ישראל, וכו׳ וכו׳.

דאס איז נישט אמת. עמאציאנעל — איז מיין בעציהונג צו די אראבער די זעלבע ווי צו אלע אנדערע נאציאנען: א העפליכע גלייכגילטיגקייט. פאליטיש — איז מיין בעציהונג צו זיי בעשטימט דורך צוויי גרונדזאצען. ערשטענס האלט איך פאר אבסאלוט אונמעגליך, אז מ׳זאל די אראבער קענען ארויסשטופען פון ארץ־ישראל: עס וועלען דארטען שטענדיג בלייבען צוויי פעלקער. צווייטענס, געהער איך מיט שטאלץ צו יענער גרופע, וואס האט אמאל פערפאסט דאס העלסינגפארסער פראגראם, דאס פראגראם פון נאציאנאלער רעכט פאר אלע נאציאנאליטעטען, וואס לעבען אין דעמזעלבען שטאאט. ביים פערפאסען פון דעם דאזיגען פראגראם האבען מיר אין זינען געהאט נישט נאר אידען, נאר אלע פעלקער בכלל און אומעטום; און זיין יסוד איז גלייכבערעכטיגונג. איך בין גרייט אבצוגעבען א שבועה, פאר אונז און פאר די אייניקלעך אונזערע, אז מיר וועלען קיינמאל נישט האנדלען געגען גלייכבערעכטיגונג און קיינמאל נישט פערזוכען עמיצען ארויסשטופען. ווי דער לעזער זעהט, איז דאס א גאנץ פרידליכער אני־מאמין.

גאנץ אנדערש אבער שטעלט זיך די פראגע, צי מ׳קען שטענדיג דערגרייכען א פריעדליכען ציעל דורך פריעדליכע מעטאדען. ווייל דער ענטפער אויף אט דער פראגע הענגט אב נישט פון אונזער בעציהונג צו די אראבער, נאר אויסשליסליך פון דער בעציהונג פון די אראבער צו אונז און צום ענין ציוניזם.

נאך אט דער הקדמה מעג מען איבערגעהן צום תוך ענין.

■

וועגען אַ פּריווילעגיען הסכם צווישען אונז און די ארץ־ישראל׳דיגע אַראַבער קען קיין שום רייד נישט זיין. נישט אַצינד און נישט אין דער אַבזעהבאַרער צוקונפט. אַט די דאָזיגע איבערצייגונג זאָג איך אויס אין אַזאַ שאַרפער פאָרם נישט צוליעב דעם, וואָס איך וויל אַנטהון עגמת־נפש דעם געמעסיגטען טייל פון ציוניסטען, נאָר פשוט צוליעב דעם, וואָס קיין עגמת־נפש וועט דאָס זיי גאָר נישט אַנטהון: אַ חוץ יענע, וואָס זענען בלינד פון געבוירט, האָבען אַלע די דאָזיגע געמעסיגטע ציוניסטען שוין לאַנג פערשטאַנען די פולקאָמע אונמעגליכקייט צו בעקומען אַ פּריווילעגיע הסכמה פון די ארץ־ישראל׳דיגע אַראַבער אויף צו פערוואַנדלען „פּאַלעסטינא” אין אַ לאַנד מיט אַ אידישער מעהרהייט.

יעדער לעזער האָט אַ בעגריף וועגען דעם, ווי עס איז געגאַנגען די קאָלאָניזאַציע פון אַנדערע קאָלאָניזירטע לענדער. שלאָג איך איהם פאָר צו דערמאָהנען זיך אַלע ביישפּיעלען, וואָס זענען איהם בעקאַנט; און זאָל ער געפינען כאָטש איין איינציגען ביישפּיעל, וואו מ׳האָט קאָלאָניזירט אַ לאַנד מיט דער צושטימונג פון זיינע איינגעבוירענע תושבים. עס איז נישטאָ אַזאַ ביישפּיעל. די איינגעבוירענע (אַלץ איינס צי דאָס זענען געוועזען ציוויליזירטע אָדער ווילדע) האָבען שטענדיג און עקשנות׳דיג געקעמפט געגען די קאָלאָניזאַטאָרען (אַלץ איינס אויב ציוויליזירטע אָדער ווילדע). דערביי האָט עס קיין שום ראָלע נישט געשפּיעלט, צי דער קאָלאָניזאַטאָר האָט זיך בענומען ווי אַ פיינער מענש, אָדער ווי אַ גראָבער מענש. די שפּאַניער, וואָס האָבען עראָבערט מעקסיקא און פּערו, אָדער אונזערע אייגענע אָבות אין יהושע בן־נון׳ס צייטען, האָבען זיך אפשר בענומען ווי רויבער; אָבער די ענגלישע און שאָטלענדישע און האָלענדישע „פּילגרים־פּאַטערס”, די ערשטע אמת׳ע פּיאָנערען פון נאָרד־אַמעריקא זענען דאָך געוועזען מענשען פון אַ הויכען מאָראַלישען ווערט, — מענשען, וואָס נישט נאָר קיין רויטען אינדיאַנער, נאָר אַפילו קיין פליג האָבען זיי נישט געוואָלט בעליידיגען, — מענשען, וועלכע האָבען כשר געגלויבט, אַז אין יענע אונגעהויערע וועלדער און פּרעריעס איז דאָ גענוג פּלאַץ אי פאַר די ווייסע לייט, אי פאַר די רויטע. אָבער דער איינגעבוירענער האָט מיט דער זעלבער גרויזאַמקייט געקעמפט אי געגען דעם גראָבען, אי געגען דעם פיינעם קאָלאָניזאַטאָר.

אויך אַ צווייטע פראַגע האָט דערביי קיין שום ראָלע נישט געשפּיעלט: די פראַגע, צי דער איינגעבוירענער האָט אַ פערדאַכט, אַז מ׳וויל איהם אַרויסשטופען, אָדער צי ער האָט נישט אַזאַ מין פערדאַכט. אויף דער ריעזיגער טעריטאָריע פון די היינטיגע פעראייניגטע שטאַאַטען איז אַפילו אין די אַלטע צייטען קיינמאָל נישט געוועזען מעהר ווי אַ מיליאָן אָדער צוויי מיליאָן רויטע אינדיאַנער. קיינער האָט זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלען אַז די ווייסע איינוואַנדערער וועלען פערנעהמען יעדען שטיק ערד און ס׳וועט נישט בלייבען קיין אָרט פאַר די רויטע. די איינגעבוירענע האָבען געקעמפט נישט דערפאַר, ווייל זיי האָבען קלאָר און דייטליך מורא געהאַט פאַר „אַרויסשטופען”, נאָר פשוט דערפאַר, ווייל קיין שום איינגעבוירענער אין

קיין שום לאַנד, אין קיין שום צייט קאָן נישט מסכים זיין צו אַ פרעמדער קאָלאָניזאַציע. יעדע „איינגעבוירענע" אומה, צי יאָ אַ ציוויליזירטע צי נישט, קוקט אויף איהר לאַנד ווי אויף איהר „נאַציאָנאַל-היים", וואו זי וויל זיין און אייביג בלייבען דער איינציגער בעל-הבית; נישט נאָר קיין נייע בעלי-בתים, נאָר אַפילו קיין נייע שותפים אין דער בעל-הבית'שקייט וועט זי פרייוויליג נישט צולאָזען.

מיט די אַראַבער איז דאָס דיזעלבע זאַך. די שלום-שרייער אונזערע פערזוכען אונז איינצורעדען, אַז די אַראַבער זענען — אָדער נאַראָנים, וועל-כע מ'קאָן אָבנאַרען מיט אַ פערצוקערטען אויסלייג פון אונזערע ציעלען, אָדער אַ פערקויפליכער שלום, וועלכער וועט אונז אָבטרעטען זיין בכורה-רעכט אין ארץ-ישראל פאַרן מחיר פון קולטורעלע און עקאָנאָמישע פּראָפי-טען. אָט די אויפפאַסונג פון דעם—וועזען פון דער אַראַבישער נשמה אין ארץ-ישראל לייקען איך קאַטעגאָריש אָב. זייער קולטור-צושטאַנד איז אַ ני-דעריגער. זיי פערמאָגען נישט אונזער אויסדויער און ווילענס-קראַפט; אָבער זיי זענען פונקט אַזעלכע פיינע פסיכאָלאָגען ווי מיר און זענען דערצויגען געוואָרען, פונקט ווי מיר, אויף דעם יסוד פון שפּיציגען פלפּול. וועגען אונ-זערע ציעלען מעגען מיר זיי דערצעהלען פערצוקערט און פערוואַסערט ביז אין סוף — דאָס, וואָס מיר ווילען, פערשטעהען זיי פונקט אַזוי גוט, ווי מיר פערשטעהען דאָס, וואָס זיי ווילען נישט. צו ארץ ישראל בעציהען זיי זיך וועניגסטענס מיט דערזעלבער אינסטינקטיווער ליעבע און אָרגאַנישער קנאה, ווי אין די אַלטע צייטען די אַצטעקען צו זייער מעקסיקא אָדער די סיאוקסען צו זייער פּרעריע. די פאַנטאַזיע וועגען דעם, אַז אָט-אָט וועלען זיי פרייוויליג מסכים זיין אויף דער פערווירקליכונג פון ציוניזם פאַר יענע קולטורעלע צי מאַטעריעלע גליקען, וואָס מיר קאָנען זיי ברענגען — אָט די קינדישע פאַנטאַזיע פון אונזערע „אַראַבאָפילען" שטאַמט ביי זיי פון עפּעס אַ געפיהל פון פעראַכטונג צו דעם אַראַבישען פאָלק: אַפנים האַלטען די דאָזיגע „אַראַבאָפילען", אַז די אַראַבישע ראַסע איז אַ באַקשיש-געזינדעל, וואָס מעג פערקויפען זייער פּאַטריאָטיזם פאַר אַ גוטע נעץ פון אייזענבאַה-נען. אַזאַ פאַרשטעלונג איז גרונד-פאַלש. איינצעלנע אַראַבער מעגען יאָ זיין באַקשישניקעס, אָבער דאָס הייסט נישט, אַז דאָס פּאַלעסטינער אַראַבערטום, ווי אַ גאַנצקייט, זאָל זיין פעהיג צו פערקויפען יענעם אייפערזוכט פון פּאַטריאָטיזם, וואָס אַפילו פּאַפּואַסען פערקויפען איהם נישט. יעדעס איינגע-בוירענע פאָלק קעמפט געגען קאָלאָניזאַטאָרען, כל זמן עס בלייבט כאָטש אַ פונק האָפנונג פטור צו ווערען פון דער סכנה פון קאָלאָניזאַציע. אַזוי האַנדלען און אַזוי וועלען האַנדלען די אַראַבער פון א"י, כל זמן עס בלייבט ביי זיי כאָטש אַ פונק האָפנונג, אַז עס וועט זיי געלינגען אונמעגליך צו מאַכען די פערוואַנדלונג פון „פּאַלעסטינאַ" אין „ארץ-ישראל".

* * *

איינציגע ביי אונז האָבען זיך איינגערעדט, אַז עס איז פאָרגעקומען עפּעס אַ מיספערשטענדעניש, די אַראַבער האָבען אונז נישט פערשטאַנען און נאָר צוליעב דעם זענען זיי געגען אונז; אויב מ׳וואָלט אָבער קענען זיי קלאָר מאַכען, ווי בעשיידען מיר זענען אין אונזערע אמתע השגות, טאָ דאַן וועלען זיי אונז תיכף אויסשטרעקען די האַנד פון פריעדען. — דאָס איז אויך אַ טעות, וואָס איז שוין פיעל מאָל דערוויזען געוואָרען. כ׳וועל דערמאָהנען איין פאַל פון אַ רבבה. מיט אַ יאָהר דריי צוריק האָט הער סאָקאָלאָוו, זייענדיג אין ארץ־ישראל, געהאַלטען דאָרטען אַ גרויסע רעדע טאַקי וועגען דעם דאָזיגען „מיספערשטענדעניש". ער האָט גאַנץ קלאָר בעוויזען, וואָס פאַר געוואַלדיגען טעות עס מאַכען די אַראַבער, אויב זיי דענקען, אַז מיר ווילען ביי זיי אָבנעהמען זייער האָב און גוטס, אָדער זיי אַרויסטרייבען, אָדער זיי אונטערדריקען. ניין; אַפילו קיין אידישע רעגירונג ווילען מיר נישט, מיר ווילען נאָר אַ רעגירונג, וואָס זאָל פערטרעטען דעם פעלקער־בונד. — אויף אָט די רייד האָט די אַראַבישע צייטונג „אל־כרמל" געענטפערט מיט אַ לייט־אַרטיקעל, וואָס זיין אינהאַלט גיב איך איבער דאָ לפי זכרון, אָבער דאָך גענוי. די הערען ציונים, זאָגט ער, האָבען זיך אומזיסט אויפגערעגט: עס איז נישטאָ קיין שום מיספערשטענדעניש. וואָס ה׳ סאָקאָלאָוו זאָגט וועגען די ציוניסטישע אָבזיכטען, איז אמת: אָבער דאָס ווייסען די אַראַבער אויך אָהן איהם. זעלבסטפערשטענדליך קענען די ציונים היינט נישט חלומ׳ען וועגען פערטרייבען די אַראַבער, צי וועגען אונטערדריקען די אַראַבער, צי וועגען אַ אידישער רעגירונג; זעלבסטפערשטענדליך ווינשען זיי אַצינד נאָר איין איינציגע זאַך — אַז די אַראַבער זאָלען נישט שטערען די איינוואַנדערונג. דערביי שווערען די ציונים, אַז אַפילו איינוואַנדערען וועלען זיי נאָר אויף אַזוי פיעל, ווי דאָס לאַנד קען דאָס עקאָנאָמיש אויסהאַלטען: אָבער אויך וועגען דעם בעשטעהט ביי די אַראַבער נישט קיין ספק — אַנדערש קען מען דאָך בכלל נישט אימיגרירען. דער אַראַבישער רעדאַקטאָר איז אַפילו מסכים, אַז די פאָטענציעלע איינגאָהמספּעהיגקייט פון א״י איז זעהר גרויס, ד. ה. אַז מ׳קען בעזעצען אין לאַנד זעהר פיעל אידען, נישט האָבענדיג אַרויסגעשטופּט קיין איינציגען אַראַבער. „נאָר דאָס" ווילען די אידען; — און דוקא „דאָס" ווילען די אַראַבער נישט. וואָרום אויף אַזאַ אופן וועלען די אידען פּאַמעלעך ווערען אַ מעהרהייט, און דאַן וועט אויטאָמאַטיש ענטשטעהען אַ אידישע רעגירונג, און דער גורל פון אַראַבישער מינדערהייט וועט דאַן זיין אָבהענגיג פון אידישער לאַסקע; וועגען דעם אָבער, ווי זיס דאָס איז צו זיין אַ מינדערהייט, האָבען מיר געהערט גאַנץ גענוי בעריכטען פון די אידען אַליין. דעריבער איז קיין שום „מיספערשטענדעניש" נישטאָ. די ציוניסטען ווילען נאָר איין זאַך — אַ פרייע אידישע אימיגראַציע, און אָט דוקא די דאָזיגע אידישע אימיגראַציע ווילען די אַראַבער נישט.

אָט די לאָגיק פון אַראַבישען רעדאַקטאָר איז אַזוי פּראָסט און קלאָר, אַז מ׳וואָלט געדאַרפט אויסלערנען זי בעל־פה און מאַכען פון איהר דיי

יסוד פון אַלע אונזערע ווייטערדיגע הרהורים וועגען דער אַראַבישער פראַגע. עס איז גאָרנישט וויכטיג, וואָס פאַר אַ סאָרט ווערטער מיר וועלען בענוצען ביים ערקלערען אונזערע קאָלאָניזאַטאָרישע אָנשטרענגונגען, — צי הערצל׳שע ווערטער צי הערבערט-סעמיואלשע. אַ קאָלאָניזאַציע טראָגט אין זיך אַליין איהר אייגענע ערקלערונג, די איינציג-מעגליכע ערקלערונג, וואָס מ׳קען זי נישט אָוועקנעהמען, און וואָס איז קלאָר יעדעם געזונדען איד און יעדעם געזונדען אַראַבער. אַ קאָלאָניזאַציע קען האָבען נאָר איין ציעל; פאַר די פּאַלעסטינער אַראַבער איז דאָס דאָזיגע ציעל אונ׳אָננעהמבאַר; דאָס ליעגט אין דער נאַטור פון דער זאַך, און ענדערען אָט די נאַטור איז אונמעגליך.

* *
*

פיעלע ציוניסטען האַלטען זעהר שטאַרק פון אַזאַ פּלאַן: אויב אַ הכשר אויף ציוניזם קען מען נישט בעקומען פון די פּאַלעסטינער אַראַבער, זאָל מען איהם בעקומען פון דעם רעשט אַראַבישער וועלט — סיריען, מעסאָפּאָטאַמיען, העדזשאַס, אפשר אַפילו מצרים א. אַ. וו. — וואָלט דאָס געווען מעגליך, וואָלט עס אויך נישט געקאָנט ענדערען דעם מצב אין זיין גרונד-כאַראַקטער: אין א״י גופא וואָלט די בעציהונג פון די דאָרטיגע אַראַבער צו אונז געבליבען דיזעלבע ווי היינט; פאַר דער פעראייניגונג פון איטאַליען (70 יאָהר צוריק) האָט מען געמוזט בעצאָהלען מיט דעם, אַז טרענטא און טריעסט זענען געבליבען אין עסטרייכישע הענד; אָבער די איטאַליענער פון טרענטא און טריעסט האָבען נישט נאָר נישט געגעבען דערצו קיין אמתע הסכמה, נאָר להפך — זיי האָבען פאָרטגעזעצט זייער קאַמף געגען עסטרייך. אויב עס וואָלט אַפילו זיין מעגליך (וואָס איך צווייפעל) צו איבערצייגען די אַראַבער פון באַגדאַד און מעקקאַ, אַז ארץ-ישראל איז פאַר זיי נישט מעהר ווי אַ קליינינקער נוצלאָזער ראַנד-געביעט, — טאָ אַפילו אין אַזאַ פאַל וואָלט זי בלייבען, פאַר די אַראַבער פון ארץ-ישראל, נישט אַ „ראַנד-געביעט” נאָר די היימאַט, דער צענטער און דער יסוד פון זייער אייגענער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ. דאָס הייסט — אַז אויך דעמאָלט וואָלט מען זיין געצוואונגען צו פיהרען די קאָלאָניזאַציע אָהן קיין צושטימונג פון די פּאַלעסטינער אַראַבער: ווי איצט.

אָבער אַ הסכם מיט די נישט-פּאַלעסטינישע אַראַבער איז אויך אַ פאַנטאַזיע. בכדי די אַראַבישע נאַציאָנאַליסטען, פון באַגדאַד, מעקקאַ און דמשק זאָלען צושטימען אָבצוצאָהלען אונז אַזאַ וויכטיגען פּרייז (אָבזאָגען זיך פון אָבהיטען דעם אַראַבישען כאַראַקטער פון אַ לאַנד, וואָס ליעגט ממש אין צענטער פון זייער קינפטיגער „פעדעראַציע”!) — מוזען מיר דאָך זיי פאַרשלאָגען אויך אַ וויכטיגען עקוויוואַלענט. עס זענען פאַרהאַן נאָר צוויי פאַרמען פון אַזאַ עקוויוואַלענט: אָדער געלד, אָדער פּאָליטישע הילף — אָדער ביידע צוזאַמען. נישט דאָס און נישט יענץ קענען מיר נישט פאָרשלאָגען. וואָס מכח געלד — איז דאָך אַ געלעכטער אַפילו צו טראַכטען, אַז מיר

זאָלען זיין אימשטאַנד צו „פינאַנסירען" מעסאָפּאָטאַמיען צי העדזשאַס, בשעת עס קלעקט אונז נישט קיין קאַפּיטאַלען אויף ארץ־ישראל. און נאָך צעהן מאָל אונמעגליכער איז יעדער שמועס וועגען דעם, אַז מיר זאָלען שטיצען דעם אַראַבישען נאַציאָנאַליזם פּאָליטיש. דער אַראַבישער נאַציאָנאַליזם שטרעבט צו דעם, צו וואָס עס האָט געשטרעבט דער איטאַליענישער נאַציאָנאַליזם פאַר 1870 אָדער דער פּוילישער פאַר 1918: צו פעראייניגונג און שטאַאַטליכע אונאָבהענגיגקייט. דאָס הייסט: פערטרייבען די לעצטע שפּור ענגלישען איינפלוס פון עגיפּטען און מעסאָפּאָטאַמיען, פערטרייבען איטאַליען פון טריפּאָלי, פערטרייבען פראַנקרייך פון סיריען — שפּעטער מסתמא אויך פון טוניס און אַלזשיר און מאַראָקאָ. „שטיצען" אַזאַ בעוועגונג וואָלט געווען פון אונזער זייט אי אַ פעררעט אי אַ זעלבסטמאָרד. שוין נישט רעדענדיג וועגען דעם ענגלישען מאַנדאַט — שטעהען אונטער דער באַלפור דעקלאַראַציע אויך די חתימות פון פראַנקרייך און איטאַליען. מיר קענען זיך נישט בעטייליגען אין אַ פּאָליטישער אינטריגע, וואָס איהר ציעל איז אַוועקצוטרייבען ענגלאַנד פון ביידע זייטען סועץ־קאַנאַל און פון פערסישען ים־בוזען, און איינגאָנצען פערניכטען אי פראַנקרייך'ס אי איטאַליען'ס קאָלאָניאַל־בעזיץ. אַזאַ דאָפּעלטען שפּיעל נישט נאָר פיהרען קען מען נישט — אפילו טראַכטען וועגען איהם איז נישט כדאי.

פּועל־יוצא: נישט די פּאַלעסטינער, נישט די איבעריגע אַראַבער קענען מיר קיין „קאָמפּענסאַציע" פאַר א"י נישט פאָרשלאָגען. דעריבער איז אַ פרייוויליגער הסכם אונמעגליך. דעריבער מעגען זיך יענע לייט, וואָס פאַר זיי איז דער הסכם אַ „קאָנדיציאָ סינע קוואַ נאָן" פון ציוניזם, שוין היינט זאָגען „נאָן" און פערציכטען אויף ציון. אונזער קאָלאָניזאַציע דאַרף אָדער אויפהערען — אָדער זי דאַרף ווייטער פאָרטגעזעצט ווערען אונאָבהענגיג פון דער שטימונג פון די איינגעבוירענע. און דאָס הייסט, אין אַנדערע ווערטער, אַז זי קען ווייטער אָנגעהן און ענטוויקלען זיך אונטער דער שוץ פון אַ מאַכט, וואָס איז נישט אָבהענגיג פון דער שטימונג פון לאָקאַלער בעפעלקערונג — הינטער אַן אייזערנער וואַנד, וואָס די לאָקאַלע בעפעלקערונג קאָן נישט ברעכען.

אין אָט דעם בעשטעהט אונזער גאַנצע אַראַבישע פּאָליטיק. נישט „זי מוז" אין דעם בעשטעהען: זי בעשטעהט אין דעם טאַהטזעכליך, צי מיר זענען דאָס מודה צו זיין. פאַרוואָס דאַרפען מיר באַלפורס דעקלאַראַציע? צו וואָס אַ מאַנדאַט? זייער זין באַשטעהט פאַר אונז אין דעם, וואָס אַ נישט־לאָקאַלער כּוח האָט זיך פערפליכטעט צו שאַפען אין לאַנד אַזעלכע תנאים פון פערוואַלטונג און שוץ, ביי וועלכע די לאָקאַלע בעפעלקערונג, ווען זי וויל אונז שטערען, זאָל נישט קענען שטערען. און מיר אַלע, מיר אַלע אָהן אויסנאַהמען, פאָדערען יעדען טאָג פון אָט דעם נישט־לאָקאַלען כּוח, ער זאָל אויספיהרען די דאָזיגע ראָלע זיינע שטרענג און שטראָם. אין אָט דער הינזיכט איז נישטאָ קיין אונטערשיעד צווישען אונזערע „מיליטאַריסטען" און אונזערע „וועגעטאַריאַנער"; נאָר די ערשטע ווילען האָ-

בען אן אייזערנע וואַנד פון אידישע סאָלדאַטען, די צווייטע פון ענגלישע;
די דריטע, די אָנהענגער פון הסכם מיט באַגדאַד, זענען מסכים צו בעגני־
גענען זיך מיט באַגדאַדער באַיאָנעטען (אַ מאָדנער טעם, און אַ ריזיקיר־
טער); אָבער אַלע פערלאַנגען מיר, עס זאָל זיין די אייזערנע וואַנד־
דערביי אָבער מאַכען מיר אַליין קאַלע אונזער אייגענע זאַך — מיט דעם,
וואָס מיר דעקלאַמירען וועגען „הסכם", ד. ה. איינרעדען דער מאַנדאַטאָר־
מאַכט, אַז דער עיקר איז נישט די וואַנד נאָר נאָך ווייטערע און נאָך ווי־
טערע שמועסען. אַזאַ דעקלאַמאַציע שאַדעט אונז; און דערפאַר איז דאָס
נישט נאָר אַ פערגעניגען נאָר אַ הייליגער חוב — צו דיסקרעדיטירען די
פוסטע מליצה און בעווייזען אי איהר פאַנטאַסטישקייט, אי איהר אונאויפ־
ריכטיגקייט.

דאָס הייסט נישט, אַז מיט די פאַלעסטינער אַראַבער קען נישט זיין
קיין שום הסכם. אונמעגליך איז נאָר אַ פרייוויליגער הסכם. כל
זמן עס בלייבט ביי די אַראַבער כאָטש אַ פונק האָפנונג פון אונז פטור צו
ווערען, וועלען זיי די דאָזיגע האָפנונג פאַר קיין שום זיסע רייד און פאַר
קיין שום פעטע צוזאָגענישען נישט פערקויפען, דוקא דערפאַר, ווייל זיי
זענען נישט קיין געזינדעל, נאָר אַ לעבעדיג פאָלק. אַ לעבעדיג פאָלק געהט
אויף קאָנצעסיעס אין אַזעלכע קאָלאָסאַלע גורל־פראַגען נאָר דאַן, ווען קיין
שום האָפנונג אויף „פטור צו ווערען" איז נישט געבליעבען — ווען אין
דער אייזערנער וואַנד איז שוין נישטאָ אַפילו קיין ענגע שפאַלט. ערשט
דאַן פערליערען זייער איינפלוס די עקסטרעמע גרופען מיט זייער לאָזונג
„ניין, בשום אופן נישט! און דער איינפלוס געהט אַריבער צו די געמע־
סיגטע גרופען. ערשט דאַן וועלען די דאָזיגע געמעסיגטע גרופען קומען צו
אונז מיט אַ פאָרשלאַג צו מאַכען געגענזייטיגע קאָנצעסיעס; ערשט דאַן ווע־
לען זיי אָנפאַנגען עהרליך צו האַנדלען זיך מיט אונז וועגען פראַקטישע
ענינים, ווי אַ גאַראַנטיע געגען אַרויסצושטופען אַראַבער, ווי בירגערליכע
און נאַציאָנאַלע גלייכבערעכטיגונג; און איך גלויב און איך האָף, אַז דע־
מאָלט וועלען מיר זיי פאַקי געבען אַזעלכע גאַראַנטיעס, וואָס וועלען זיי
בעפרידיגען, אוןביידע פעלקער וועלען קאָנען לעבען צוזאַמען בשלום ווי
אָנשטענדיגע שכנים. אָבער דער איינציגער וועג צו אַזאַ הסכם איז די
אייזערנע וואַנד, ד. ה. אַזאַ מאַכט אין ארץ ישראל, וואָס קאָן נישט דער־
שיטערט ווערען דורך קיין שום אַראַבישען איינפלוס. אין אַנדערע ווער־
טער: דער איינציגער וועג צו דערגרייכען אַ הסכם אין צוקונפט איז אַב־
סאָלוטער פערציכט אויף אַלע הסכם־פערזוכען איצט.

די עטיק פון „אײַזערנער וואַנד"

ערשטענס: אויפ'ן בעקאַנטען תירוץ, אַז דער שטאַנדפּונקט פון „אײַזערנער וואַנד" איז אונעטיש, זאָג איך: נישט אמת. איינס פון די ביידע: אָדער ציוניזם איז מאָראַליש גוט, אָדער מאָראַליש שלעכט. אָט די פראַגע אָבער וואָלטען מיר געדאַרפט לעזען, נאָך איידער מיר זענען געוואָרען ציוניסטען. און מיר האָבען זי טאַקי פאַר זיך געלעזט, און דוקא פּאָזיטיוו, ד. ה. אָנערקענט, אַז ציוניזם איז מאָראַליש גוט, אַ עטישע זאַך, און אַ גערעכטע. און אויב אַ גערעכטע — טאָ גערעכטיגקייט מוז דורכגעפיהרט ווערען נישט קוקענדיג אויף קיינעמס הסכם צי נישט־הסכם. און אויב יוסף אָדער שמעון אָדער איוואַן אָדער אַכמעד ווילען שטערען די דורכפיהרונג פון גערעכטיגקייט, ווייל זיי איז דאָס אונבעקוועם, טאָ מוז מען זיי נישט דערלאָזען צו שטערען; און אויב זיי האָבען בדעה צו בענוצען זיך מיט טלום־געוואַלד, מוז מען זיי דאָס מאַכען אונמעגליך דורך אָנווענדען שטאַאַטס־געוואַלד און זעלבסטשוץ־געוואַלד. דאָס הייסט עטיק אין יעדער אָרענטליכער געזעלשאַפט; קיין אַנדער עטיק איז נישטאָ.

מ'בענוצט זיך געגען דעם ציוניזם מיט אַלערליי פּאָפּולערע לאָזונגען: דעמאָקראַטיע — דאָס רעכט פון אַ מעהרהייט — דאָס רעכט פון נאַציאָנאַלער זעלבסט־בעשטימונג. דאָס זאָל הייסען: אַזוי ווי די אַראַבער זענען איצט אַ מעהרהייט אין ארץ־ישראל, האָבען זיי דאָס רעכט פון „זעלבסט־בעשטימונג" — דאָס רעכט צו זאָגען: מיר ווילען, אַז א"י זאָל בלייבען אַן אַראַבישע מדינה. — דעמאָקראַטיע און זעלבסט־בעשטימונג זענען הייליגע פּרינ־ציפּען, אָבער דוקא הייליגע פּרינציפּען, ווי דעם הייליגען נאָמען, טאָר מען נישט בענוצען „לשוא" — פאַר אַ שווינדעל צוליעב מיאוסע אונגערעכטע צוועקען. דער פּרינציפּ פון זעלבסט־בעשטימונג בעשטעהט נישט אין דעם, אַז ווער עס האָט פערכאַפּט אַ שטיק ערד זאָל אייביג בלייבען דער בעל־הבית, און דער, וואָס מ'האָט איהם מיט געוואַלד פערטריבען פון זיין ערד, זאָל בלייבען אויף אייביג אַ נע־ונד. זעלבסט־בעשטימונג הייסט

אַ רעוויזיע — אַזאַ רעוויזיע פון דער אויפטיילונג פון דער ערד צווישען די פעלקער, אַז יענע פעלקער, וועלכע האָבען צו פיעל, זאָלען אָבטרעטען אַ שטיקעלע צו יענע פעלקער, וועלכע האָבען צו וועניג אָדער גאָרנישט: כדי אַלע זאָלען האָבען, וואו אָבצופּראַווען זייער זעלבסט־בעשטימונג. און באָכדעם ווי די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט האָט אָנערקענט, אַז אידען האָבען דאָס רעכט אומצוקעהרען זיך קיין ארץ־ישראל, ד. ה. אַז אָט די אידען זענען פּרינציפּיעל אויך „בירגער" און „איינוואוינער" פון ארץ־ישראל, נאָר פערטריבענע, וואָס זייער צוריקקומען מוז נעהמען אַ צייט לאַנג, — טאָ טאָר מען היינט נישט טענה'ן, אַז דערווייל האָט די לאָקאַלע בעפעלקערונג אַ רעכט זיי נישט צו דערלאָזען, און אַז דאָס איז „דעמאָקראַטיע". די דעמאָקראַטיע פון ארץ־ישראל בעשטעהט פון צוויי פאָלקס־גרופּען: די אָרטיגע און די פערטריבענע, און די צווייטע גרופּע איז גרעסער.

שוין אָפט האָב איך ציטירט דעם בעקאַנטען אַנעקדאָט, ווי מ'מאַכט פון אַ הייליגטום אַ שווינדעל: וועגען אַ מענשען, וועלכער איז געווען אַזאַ הייסער דעמאָקראַט, אַז ווי נאָר ער פלעגט דערהערען די מאַרסעליעזע, פלעגט ער אויפשפּרינגען און שטעהען מיט די הענד ביי די הויזען־קעשענעס, ווי אַ סאָלדאַט אויף פּאַראַד, נישט ריהרענדיג זיך פון אָרט. און אַמאָל זענען צו איהם ביינאַכט געקומען גנבים, און איינער פון זיי האָט תיכף אָנגעפאַנגען שפּיעלען די מאַרסעליעזע... ס'איז אַ נאַרישע אידישער מנהג — שטעהען ווי אַ געטרייער סאָלדאַט, ווי נאָר מ'דערהערט עפּעס אַ מאַרסעליעזע, און נישט פרעגען אַפילו, צי דאָס איז נישט אַ שווינדעל, צי דער שפּיעלער הייסט נישט המן הרשע, צי זיין קלאַוויאַטור בעשטעהט אפשר גאָר פון געבראָכענע אידישע ביינער.

הפקר הייסט דאָס, נישט עטיק. די מענשליכע געזעלשאַפט איז אויפגעבויט אויף געגענזייטיגקייט; נעהמט אַוועק די געגענזייטיגקייט — ווערט פון רעכט אַ שקר. יענער מענש, וואָס געהט דאָרטען אויף דער גאַס, האָט אַ רעכט אויף לעבען נאָר דערפאַר און נאָר אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל ער אָנערקענט מיין רעכט אויף לעבען; אויב ער האָט אָבער בדעה מיך צו דער'הרג'ענען, האָט ער אין מיינע אויגען קיין שום רעכט נישט צו לעבען. און דאָס איז חל אויף פעלקער אויך. אַנדערש וועט די וועלט זיך פערוואַנדלען אין אַ וועט־געיעג פון ווילדע חיות, וואו עס וועט פערניכטעט ווערען נישט בלויז דער שוואַכסטער, נאָר דווקא דער גוטהאַרציגסטער. די וועלט מוז זיין אַ וועלט פון שותפות. אויב לעבען זאָל מען, טאָ אַלע גלייך לעבען; און אויב פערניכטעט ווערען, טאָ אַלע גלייך; אָבער עס איז נישטאָ אַזאַ „עטיק", צוליעב וועלכער אַ נאַשער מעג עסען וויפיעל ער וויל, און דער בעשיידענער זאָל אויסגעהן פון הונגער אונטער אַ צוים.

* * *

לאָמיר זיך אויף אַ מינוט שטעלען אויפ׳ן שטאַנדפּונקט פון יענע, וועלכע האַלטען, אַז די שיטה פון „אייזערנער וואַנד״ איז נישט מאָראַליש. דער עיקר איז אין דעם, וואָס מיר קאָלאָניזירען אַ לאַנד אָהן דער הסכמה פון די לאָקאַלע איינגעבוירענע: אַלע אַנדערע „עטישע״ צרות אונזערע שטאַמען דאָך פון אָט דעם עיקר׳דיגען שורש מיט אויטאָמאַטישער אונפער־מיידליכקייט. אַלזאָ, וואָס זשע בלייבט אונז צו טהון?

דער איינפאַכסטער אויסוועג וואָלט זיין — גֶעהען זוכען אַנ׳אַנדער לאַנד פאַר אונזער קאָלאָניזאַציע. למשל, אַ מין אוגאַנדע. קוקט זיך אָבער צו, וועט איהר דאָ געפינען די זעלבע צרה: אויך אין אוגאַנדאַ איז דאָ אַנ׳איינגעבוירענע בעפעלקערונג (מעהר ווי אַ מיליאָן); און, ווי אַלע אַנ־דערע איינגעבוירענע תושבים אין דער געשיכטע — צי ווייסע, צי שוואַרצ־הויטיגע, צי רויטע — וועט זי אויך פּראָטעסטירען, אינסטינקטיוו אָדער בּע־וואוסטזיניג געגען אַ פּערזוך צו פערוואַנדלען זייער אוגאַנדאַ אין אַ אידיש לאַנד. עס מאַכט דאָך נישט קיין אונטערשיעד, וואָס דאָ זענען זיי נעגער: אויב קאָלאָניזירען אָהן אַ הסכם איז אונעטיש, דאַרף דאָך די עטיק זיין די זעלבע אי פאַר ווייסע מענשען, אי פאַר שוואַרצע. אמת, מ׳מעג האָפען, אַז אָט די נעגער זענען אפשר נאָך נישט גענוג ציוויליזירט, כדי צו שיקען פּראָטעסט־דעלעגאַציעס קיין לאָנדאָן — אפשר זענען זיי הילפלאָז ווי קינ־דער; דאָס וואָלט אָבער זיין נאָך ערגער פון עטישען שטאַנדפּונקט — אויב קאָלאָניזאַציע אָהן אַ הסכם איז געגליכען צו רויב, טאָ דער ערגסטער מין רויב איז בערויבען קינדער. אַלזאָ, איז אוגאַנדאַ אויך „אונעטיש״. אַלזאָ, איז „אונעטיש״ אויך יעדע אַנדערע טעריטאָריע, ווי זי זאָל נישט הייסען. קיין אונבעוואוינטע אינזל איז שוין לאַנג נישטאָ אויף דער וועלט. אוואו ס׳איז נאָר פאַרהאַן עפּעס אַנ׳אָאַזיס — אומעטום זיצט שוין עפּעס אַנ׳איינגעבוירענער, זיצט דאָרטען כמעט פון אדם הראשון׳ס צייטען, און וויל נישט קיין פרעמ־דע מעהרהייט, אָדער בכלל נישט קיין גרויסען צופלוס פון פרעמדע תושבים.

אַלזאָ, אויב ס׳איז דאָ אויף דער וועלט אַ לאַנדלאָז פאָלק, טאָ אַפילו חלומ׳ען וועגען אַ נאַציאָנאַל־היים טאָר עס נישט — דער חלום אַליין איז אונעטיש. אַ לאַנדלאָז פאָלק מוז אויף אייביג בלייבען לאַנדלאָז; די וועלט איז שוין צוטיילט, און שלוס. אַזוי פאָדערט די „עטיק״.

בעזונדערס אין אונזערען קאָנקרעטען פאַל זעהט דאָס אויס ווי אַ טשע־קאַווער סאָרט „עטיק״. עס איז פאַרהאַן אויף דער וועלט, זאָגט מען, 15 צי 16 מיליאָנען אידען; אַ העלפט פון זיי פיהרט אַצינד, גאַנץ בוכשטעבליך, אַ לעבען פון אַ היימלאָזען געטריבענעם הונד. אַראַבער זענען דאָ 38 מיל־יאָנען: זיי פערנעהמען מאַראָקאָ, אַלזשיריען, טוניזיען, טריפּאָלי, קירענאַיקאַ, מצרים, סיריען, מעסאָפּאָטאַמיען און די גאַנצע אַראַבישע האַלב־אינזעל — אַ שטח (נישט רעכנענדיג די מדבריות!) גרויס ווי האַלב־אייראָפּאַ. אין דורכ־שניט, קומט אויף יעדער קוואַדראַט־מייל פון אָט דער געוואַלדיגער טערי־טאָריע נישט מעהר ווי 16 אַראַבער: כדי צו פערגלייכען, מעג מען דער־

מאָהנען, אַז אין סיציליען לעבען 352 מענשען אויף יעדער קוואַדראַט־מייל, און אין ענגלאַנד 669. אין פערגלייך צו דעם דאָזיגען שטח, וואו עס האָבען זיך אַזוי ברייט בעזעצט די אַראַבער, איז ארץ־ישראל זיין 170־טער טייל. אָבער ווען אַ לאַנדלאָז אידיש פאָלק פערלאַנגט ארץ־ישראל פאַר זיך, איז דאָס „אונעטיש", ווייל די איינגעבוירענע געפינען דאָס פאַר אונאַנגענעהם.

ביי קאַניבאַלען איז דער אָרט פאַר אַזאַ מין עטיק, נישט ביי ציוויליזירטע מענשען. די ערד געהערט נישט יענע, וואָס האָבען צופיעל ערד: קודם כל געהערט זי אויף יענע, וואָס האָבען גאָרנישט. אַוועקנעהמען אַ שטיק לאַנד ביי אַ פאָלק אַ לאַטיפונדיסט, כדי צו געבען אַ היים אַ פאָלק אַ נע־ונד איז אַן אַקט פון גערעכטיגקייט. אויב דער לאַטיפונדיסט וויל דאָס נישט (גאַנץ נאַטירליך), מוז מען איהם צווינגען. אַ הייליגער אמת, וועלכן מ'מוז דורכזעצען אין לעבען מיט אַנווענדונג פון מאַכט, בלייבט אַ הייליגער אמת. אין דעם בעשטעהט פאַר אונז היינט די איינציג מעגליכע שטעלונג ביחס צו דער אַראַבישער געגנערשאַפט; און וועגען הסכם וועלען מיר רעדען דאַן, ווען זיי וועלען זיין גרייט צו דעם הסכם.

וועגן מיליטאַריזם

„מיליטאַריזם" איז אַ מיאוס וואָרט. אָבער דערוואַקסענע מענטשן טאָרען זיך נישט שרעקען פאַר אַ קלאַנג, און מ׳קאָן פון זיי פאָדערן, אז זיי זאָלען אַנאַליזירען יעדען בעגריף און אָבטיילען אין איהם דאָס שלעכטע פון דעם גוטען. שלעכט איז דער קריעג, דאָס הרג׳נען אונשולדיגע יונגע נפשות: וועגען דעם זענען מיר אַלע מסכים, און מיר האָפען אַלע, אַז אַ צייט וועט קומען, ווען דאָס וועט ווערען אונמעגליך פונקט אַזוי, ווי עס איז שוין היינט אונמעגליך אין יעדען ציוויליזירטען לאַנד עסען מענשענפלייש אָדער פייניגען אַ בעשולדיגטען מיט פיזישע ענויים, ווי עס פלעגט צו זיין פאַר דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. — אָבער איז ד אָ ס באמת דער גאַנצער, דער איינציגער אינהאַלט פון אַרמעע-לעבען?

וואָלט דאָס געווען אַזוי, וואָלט דאָך די מענשהייט, לכל הפחות די ליבעראַלע מענשהייט, געמוזט פיינד האָבען תכלית שנאה אַלצדינג, וואָס דערמאָהנט אָן אַרמעע-לעבען. אָבער מערקווירדיג: אַפילו די איבערצייגטעסטע, אַפילו די לינקסטע פאַציפיסטען בענוצען זיך אויף יעדען שריט און טריט מיט אויסגעשפראָכען מיליטאַריסטישער פראַזעאָלאָגיע. די „הייל-אַרמעע", וועלכע טהוט פיעל גוטס פאַר אונגליקליכע מענער און פרויען, וואָס די געזעלשאַפט האָט זיי אַרויסגעוואָרפען, רופט זיך אָן „אַרמעע" און האָט „לייטענאַנטען" און „מאַיאָרען" און מאַרשירט אין די גאַסען ווי אַ רעגימענט זעלנער. יעדע פּראָגרעסיווע בעוועגונג רעדט כסדר וועגען „פראָנט" און „טראַנשעען" און „שטעהען אויף דער וואַך" — נאַטירליך, אַלץ אין אַ גייסטיגען זין, אָבער דאָך מיט דער מיליטערישער פראַזעאָלאָגיע. ס׳איז דאָך אַ בעוויז, אַז נישט אַלצדינג אין אַרמעע-לעבען איז אַזוי מיאוס און פעראַסט. מ׳בענוצט זיך נישט אין געוועהנליכען לעבען מיטן ווערטער-בוך פון אַ שלאַכט-הויז אָדער אַ שאַנד-הויז, ווייל דאָרט איז ווירקליך אַלצדינג מיאוס, און מ׳וואָלט זיך שעמען צו דערמאָהנען אַזאַ זאַך אַפילו רעטאָריש.

בשעת מ'רעדט וועגען אַ אידעאַלער שטרעבונג, אָבער יעדע אידעאַלע שטרעבונג אין דער וועלט שעפּט לכל הפחות אַ העלפט פון איהר טעכנישער באַמענקלאַטור און דריי פערטעל פון איהר אַגיטאַציאָנס-רעטאָריק דוקא פון אַרמעע-לעבען. אַ פּנים איז דאָ נישט אַלצדינג אַזוי שלעכט.

ווייל דער אמת איז, אַז נאָר דער קריעג אַליין איז מיאוס: דאָס אַרמעע-לעבען „אין זיך" פערמאָגט אַ פולע שענע זייטען, וואָס אין געוועהנליכען לעבען בענקען מיר נאָך זיי און קאָנען זיי ליידער נישט איינגאַנצען פערווירקליכען. דאָס איז, ערשטענס, די „שותפות" פון אַרמעע-לעבען, זיין ספּאָרטאָנישע איינפאַכקייט, די גלייכקייט צווישען רייכע און אָריםע. צווייטענס — דער היגיענישער מאָמענט, די אָפענע לופט און קערפּערליכע בעטעטיגונג, דריטענס — די אַרמעע-דיסציפּלין אַליין; אָבער וועגען דעם מוז מען רעדען לענגער און בעזונדער.

אָפט חזר'ן מיר איבער געדאַנקען, אין וועלכע מיר האָבען שוין לאַנג אויפגעהערט צו גלויבען. למשל: פרעגט אַ דורכשניט-מענשען וועגען זיין בעציהונג צו אַרמעע-דיסציפּלין, וועט ער ענטפערען: „פּע — מען מאַכט פון מענשען מאַשינען". אָבער אין דער אמת'ען ווערט ער אַליין בעגייסטערט, בשעת ער זעהט אַ מאַסע מענשען, וועלכע בעזיצען דעם טאַלענט, צו בעוועגען זיך ווי טיילען פון איין איינהייטליכער מאַשין.

איך האָב שוין עטליכע מאָל ציטירט, אי שריפטליך, אי בעל-פה, אַ פּרק פון מאַסאַריק'ס ערינערונגען (איך געדענק שוין אַליין נישט, וואו און ווען איך האָב דאָס געלעזען). אָבער דער פּרק איז ווערט, מ'זאָל איהם נאָך אַמאָל דערמאָהנען. ער בעציהט זיך צו דער ערשטער דעמאָנסטראַציע פון טשעכישער יוגענד-בעוועגונג „סאָקאָל", וואָס מאַסאַריק, דאַמאָלס נאָך אַ יונגער מאַן, האָט זי געזעהען אין פּראַג. עטליכע טויזענד יונגעלייט און מיידלעך זענען געשטאַנען אויפ'ן גרויסען שטאָדט-פּלאַץ, אויף אַ גלייכער דיסטאַנץ איינער פון אַנדערען ווי שאַך-פיגורען, אַלע גלייך אָנגעטהון און אַלע שטיל ווי שטיינער. דאַן האָט זייער פיהרער אַ פייף געטון — און פּלוצלונג האָבען אַלע די טויזענדער מענער און פרויען פּשוט אויסגעשטרעקט די לינקע האַנד און אַרויסגעשטעלט דעם רעכטען פוס, נישט מעהר: אָבער זיי האָבען דאָס געטהון אַלע אין איינעם, ווי איין מענש — „ווי אַ מאַשין". און מאַסאַריק זאָגט, אַז קיינמאָל פריהער האָט ער נישט געהאַט אַזאַ דערשיטערנדען איינדרוק פון נאַציאָנאַלער איינגיקייט און פון דער מאַכט פון נאַציאָנאַלער איינגיקייט, ווי אין יענעם מאָמענט, — זעהענדיג, אַז זיין פאָלק האָט שוין דערגרייכט יענע מדרגה, אויף וועלכער זיי קענען אַלע דורכמאַכען די זעלבע בעוועגונג אין דעמזעלבען מאָמענט.

ס'איז דאָך אַ בעקאַנטע זאַך. איהר קענט נעהמען דעם ערגסטען אַסימיליאַנט און ממש היפּנאָטיזירען איהם (וועניגסטענס אויף אַ מינוט) מיט נאַציאָנאַל-אידישער בעגייסטערונג דורך אַ פּשוט'ען מיטעל: נעהמט אַ פּאָר הונדערט אידישע בחורים, טהוט זיי אָן איינהייטליכע בגדים און לאָזט זיי מאַרשירען פאַר זיינע אויגען, אָבער גוט מאַרשירען, אַזוי אַז יעדער שריט

פון די צוויי-הונדערט זאָל געבען איין איינציגען דונער-קלאַפּ: „ווי אַ מאַשין". ס'איז נישטאָ קיין אַנדערע זאַך אויף דער וועלט, וואָס זאָל אונז אַלע מעהר אימפּאָנירען, ווי אָט די פעהיגקייט פון אַ מאַסע, אין געוויסע מאָמענטען, צו פיהלען זיך און טאַקי צו האַנדלען ווי איין איינצעלנע איינציגקייט, מיט איין איינציגען רצון, מיט איין איינציגען ריטם. ווייל אין דעם בעשטעהט דאָך דער אונטערשיעד צווישען אַ „המון", אַ „טלום" — און אַ נאַציאָן.

דערמיט וויל איך נישט זאָגען, אַז דער רוסישער קייזער ניקאָלאַי דער ערשטער, וואָס אין זיין אַרמעע האָט מען בוכשטעבליך נישט געטאָרט אָטעמען, שטעהענדיג אויפן פּאַראַדען-פּלאַץ, האָט געשאַפען פון זיינע זעלנער אַ העכערען סאָרט מענשען. בכלל בעציהט זיך דאָס, וואָס איך זאָג, נישט אַזוי פיעל צו געצוואונגענע אָרגאַניזאַציעס (למשל, ווירקליכע רעגימענטער) ווי צו פריינווילינגע, — למשל, יענער טשעכישער „סאָקאָל", אָדער בכלל אַ ספּאָרט-פעראיין, וועלכען מ'קען פשוט פערלאָזען ווען מ'וויל. איין זאַך איז, ווען מ'צווינגט אַ מענשען צו זיין אַ חלק פון אַ מאַשין, צי ער וויל, צי ער וויל נישט, אונטער דעם פחד פון שטעקען-שטראָף אָדער פון לאַנגער תפיסה; און גאָר אַן אַנדער זאַך איז אַ גייסט־צושטאַנד. ווען אַ מענש, וואָס קיינער צווינגט איהם נישט, צווינגט זיך אַליין צו לערנען שטעהען און געהען און האַנדלען ווי אַ טייל פון אַ פלאַנמעסיגען מעכאַניזם. ס'איז דער אַלטער אונטערשיעד צווישען צוכט און זעלבסט-צוכט; דאָס ערשטע קען געלינגען אַפילו מיט ווילדע חיות, אָבער דאָס צווייטע געלינגט נאָר אין אַ הויך־ענטוויקעלטער קולטורעלער אַטמאָספערע.

און נאָך איין זאַך איז פאַרהאַן אין מיליטערישער דיסציפלין, וואָס דורך געוואָהנהייט זאָגען מיר אויף איהר „פע!" — אָבער אַלע ווייסען מיר אין האַרצען, ווי וויכטיג זי איז און ווי ביטער זי פעהלט אונז אידען אין יעדער ריכטונג פון לעבען. דאָס איז דאָס צערעמאָניעלע, די קלאָרע און פינקטליכע דינים וועגען דעם, ווי מ'שטעהט, ווי מ'גריסט, ווי מ'רעדט מיט אַ חבר און ווי מיט אַ פאָרגעזעצטען. מיר, אידען, ליידען פון פאָרמלאָזיגקייט. דאָס אַלטע גהעטאָ האָט יאָ געהאַט זיין געזעלשאַפטליכען צערעמאָניאַל, כאָטש אַן'אייגענאַרטיגען; אָבער אין דער לעצטער צייט האָבען מיר איהם פערלוירען און קיין נייעם נישט אויסגעלערנט. דער דורכשניטליכער איד האָט נישט קיין בעזונדערע שעהנקייט אין געהען, אין טראָגען זיינע קליידער, אין עסען, אין בעגעהען זיך מיט אַ מענשען; בפרט שלעכט זעהט דאָס אויס, בשעת ער מוז זיך רעכענען מיט עפּעס אַ היעראַרכיע — למשל, בשעת ער רעדט מיט אַ חשוב'ען פריץ אָדער אַפילו מיט אַן'אייגענעם אידישען גביר: ער מוז דערווייזען יענעם אַ בעזונדערען כבוד, אָבער ער ווייס נישט, ווי מ'מאַכט דאָס אָהן צו פערלירען זיין אייגענע ווירדע — און דער רעזולטאַט זעהט אַמאָל אויס אָדער ווי חוצפה אָדער ווי קריכעריי. אָבער די פאָרמלאָזיגקייט, דער מאַנגעל אין אַ פעסטגעזעצטען צערעמאָניאַל דערפיהלט זיך אויך אויף אַנדערע געביעטען, אַפילו ריין־גייסטיגע. הערט

זיך צו צו אַנ׳אַלטען מגיד אין שוהל: קלוג איז ער ווי צעהן גוי׳אישע פי־לאָזאָפען, אָבער ענטוויקלען איין געדאַנק רוהיג ביז׳ן סוף קען ער נישט, ער שפּרינגט פון איין טעמא צו דער דריטער, און דאָס ערגסטע איז — וואָס דוקא דאָס געפעלט זיינע צוהערער. זיי האָבען פערלוירען דאָס בע־דערפניש צו אָרדנונג, צו רעגעלמעסיגקייט, צו אָנהויב און מיטען און סוף, וואָס פאָלגען איינס דעם אַנדערען — ווי אַנ׳אַרמעע ביים מאַרשירען.

איך שרייב דאָס וועגען „ברית תרומפּלדור". אמת, נישט אַלע אָבטיי־לונגען פון אָט דער יונגער אָרגאַניזאַציע טראָגען דעמזעלבען כאַראַקטער; אין אייניגע לענדער איז דער „מיליטאַריסטישער" צוג אין זייער ערציהונג מעהר אויסגעשפּראָכען, אין אַנדערע — ווייניגער. אָבער זיי שטמען זיך נישט מיט דעם, אַז זייער ציעל — איינס פון זייערע וויכטיגסטע ציעלען — איז דורכצופיהרען אָט דעם גייסט אין זייער ערציהונג אומצטום, איינצו־וואָרצלען אין דער יונג־אידישער נשמה, אי די פעהיגקייט צו האַנדלען אין קאָלעקטיווע ענינים ווי טיילען פון איין איינציגער מאַסען־מאַשין, אי די אַכטונג פאַר דער געזעלשאַפטליכער פאָרם — דעם „צערעמאָניאַל". אַלע אומות האָבען דאָס נויטיג. אָבער נאָר אַ בלינדער זעהט נישט, אַז פון אַלע אומות אין דער ברייטער וועלט בעדאַרפען מיר, אידען, דאָס אַממעהרסטען.

נאַטירליך, קען מען דאָס נישט דערגרייכען מיט איין שפּרונג. נאַטיר־ליך, קען דאָס אין אָנפאַנג פיהרען צו איבערטרייבונגען. דער קולט פון פיזישער בערייטקייט מעג אַמאָל פיהרען, בפרט אין דער ערשטער צייט, צו אַ לייכטזיניגער בערייטשאַפט צו בענוצען זיך מיט די הענד דאָרטען, וואו ס׳איז נישטאָ דערצו קיין שום נויט און קיין שום בערעכטיגונג. דער קולט פון צערעמאָניאַל מעג שאַפען, אין דער ערשטער צייט, אַ טענדענץ צו נוצלאָזען און איבעריגען שטאָלצירען מיט אַלערליי כתנות־פּסים. דאָס מעג אַמאָל זיין אונאַנגענעהם; אָבער מ׳אורטיילט נישט אַ גאַנצע ערשיינונג לויט איהרע יוגענד־טעות׳ען. אַפילו די השכלה־בעוועגונג האָט זיך אין די ערשטע צייטען אויסגעדריקט אַמאָל אין גאַנץ אונאַנגענעהמע זייטיגע מאַניפעסטאַציעס: אונזערע זיידעס פלעגען אונז דערצעהלען, ווי זיי האָבען אין זייער גרינער יוגענד אַראַנזשירט ליעדער־אָוונדען אויף יום־כפור. אויף צו להכעיס זיי־ערע זיידעס. אָבער די השכלה־בעוועגונג האָט פון אונז טראָץ דעם גע־מאַכט דאָס, וואָס מיר זענען — מאָדערן־אויסגעבילדעטע מענשען, פעהיג צו שאַפען אַ נאַציאָן.

געדולד מוז מען האָבען, בפרט צו יוגענד; און נישט שרעקען זיך פאַר קיין לאַטיינישע ווערטער. אַפילו „מיליטאַריזם". די שנאה צו מלחמות איז אונזער פאָלקס־גייסטיגע ירושה: אונזערע נביאים זענען געווען די ערשטע צו פּראָטעסטירען געגען דעם מנהג פון מאַסען־הריגה, צו זייער לעהרע שטעהען מיר אַלע געטריי, און קיינער טראַכט נישט וועגען דעם, צו שאַפען ביי אונז אַ דור, וואָס זאָל ליעב האָבען אַ קריעג. אָבער אין יענער ערציהונג. וואָס ס׳איז לייכט פאַר אַ בייזען געגנער צו שעלטען די מיט׳ן מיאוס׳ען נאָמען „מיליטאַריסטיש", זענען פאַראַן עטליכע זייטען, וועלכע קענען אונז שאַפען אַ בעסערען און אַ געזונדערען דור.

און דאָס איז דער עיקר.

אויפ'ן פריפעטשאָק

א.

אויפ'ן פריפעטשאָק ברענט אַ פייערל, און דער רבי לערנט קליינע קינדערלעך; אָדער, עס מעגען זיין דערוואַקסענע קינדער — נישט וויכטיג, אַבי זיי זאָלען זיין יונג אין גייסט. בכלל איז נאָר איין זאַך דער עיקר — אַז אימיצער זאָל זיין רבי און יונגע זאָלען לערנען. דאָס איבעריגע איז נישט וויכטיג; די סביבה, וואָס איז בעשריבען אין וואַרשאַווסקי'ס וואונדערבאַרען ליעד, מעג זיך אין גאַנצען ענדערען, למשל: אַנשטאָט דעם ליכטעל אויף אַ פריפעטשאָק מעג ברענען עלעקטריע, אָדער דעם איבערשטענ'ס אייגענע זון; און אָנשטאָט דער הייסער חדר-שטוב מעג דאָס זיין אַ פּאַרטראַג-זאַל, אָדער אַ פעלד, אָדער אַ קאָלעקטיוויטעט פון צוואָרפענע צייטונגס-לעזער, אַפילו דער אינהאַלט פון אַלף-בית איז נישט קיין עיקר. יעדער דור דאַרף אפשר אַ נייעם אַלף-בית. דער עיקר איז די פּראָצעדור פון לערנען: און זי מוז אייביג בלייבען דוקא אַזוי, ווי ביי וואַרשאַווסקי'ן.

אַ שאָד, וואָס מען שאַצט נישט אָב ביי אונז אידען קיין כאָר געזאַנג. ביי די באַלטישע נאַציאָנען, בעזונדערס ביי די עסטען, האָט זיך די גאַנצע נאַציאָנאַלע בעוועגונג אָנגעפאַנגען פון זינגען אין כאָר. אַ געוואַלדיג שטאַרקער מיטעל איז דאָס צו ענטוויקלען אייניגקייט און דיסציפּלין, און אויך יענע געזעלשאַפטליכע עסטעטיק, וואָס אַמאָל, ווען די ברית-תרומפּלדור-בעוועגונג וועט ווערען דאָס וואָס זי מוז ווערען, וועט מען אין דער אידישער וועלט רופען (איך האָף) „הדר ביתרי". איינע פון די קאָנסעקווענצען, וואָס מען שאַצט נישט אָפּ ביי אונז קיין כאָר-געזאַנג, בעשטעהט אויך אין דעם, אַז דאָס אונשטערבליכע ליעד פון וואַרשאַווסקי בלייבט ביי אונז פערנאַכלעסיגט: אַ ליעד, וואָס איז אפשר טיעפער און אינהאַלטס-רייכער ווי אַלע נאַציאָנאַלע הימנען אין דער וועלט.

וואָלט איך זיין אַ כאָר-מייסטער, וואָלט מען ביי מיר געזונגען „אויפ'ן פריפעטשאַק" ווי אַ גרויסע פייערליכע אָראַטאָריע. דאָס ליעד הויבט זיך אָן

פֿוואָליע, ווי אין אַ געדריקטער שטימונג; אין שטוב איז הייס, דער רבי
איז אַליין אַביסעלע פֿערשלאָפֿען, די קינדער אויך; דער רבי גענעצט —
„דער רבי לערענט קליינע קינדערלעך, אָה, (אַ גענעץ) דעם אַלף-בית".
אַפֿילו ווען ער זאָגט „קמץ-אַלף-אָ" — איז דער „אָ" ווידער אַ גענעץ;
אַזאַ שטאַרקער, ברייטער, אָפֿענער גענעץ, אַז דעם רבי'ן אַליין ווערט אונ-
אַנגענעהם, ער דערפֿיהלט, אַז דאָס פֿאַסט נישט, ער מאַכט אַן אָנ-
שטרענגונג און בעמיהט זיך כאָטש אַביסעלע זיך צו פֿערטיעפֿען אין זיין
לעהרער-אַמט.

„לערענט קינדער, מיט גרויס חשק", זאָגט ער, קעמפֿפֿענדיג נאָך מיט'ן
גענעץ, — „אַזוי זאָג איך אייך אָן: ווער פֿון אייך וועט גיכער קענען
עברי, דער בעקומט אַ..." דאָ שטעלט ער זיך אָב אויף אַ מינוט, ווייל ער
ווייס נאָך אַליין נישט, וואָס זיי „בעקומען". געלד? איז נישטאָ. גליק? ס'איז
דאָך נישט אמת. פֿאַלט ער אויף אַ גוטען פּראַקטישען געדאַנק: „אַ פֿאָהן".
און עס ווירקט: די קינדערלעך האָבען אויפֿגעהויבען די קעפּ, זיי הערען
זיך צו. אַ פֿאָהן איז שוין עפּעס, אַ נישט-קשה'דיגע זאַך. אַ צאַצקע, וואָס
מען קען זיך מיט איהר שוין שפּיעלען אין גאַס, פֿאַר וואָס אַנדערע ווע-
לען דיר אפֿשר מקנא זיין. עס ווערט אַביסעלע לעבעדיגער אין שטוב. דער
רבי אַליין פֿיהלט זיך לעבעדיגער. עס ווילט זיך נישט מעהר גענעצען:
זיינע ווערטער קלינגען שוין ערנסטער, ער האָט פֿאַר זיי געפֿונען אַ נייעם
אינהאַלט: „הערט-זשע, קינדערלעך, געדענקט-זשע טייערע, וואָס איהר לע-
רענט דאָ; זאָגט-זשע נאָך אַמאָל און טאַקע נאָך אַמאָל: „קמץ-אַלף—אָ!" דער
„אָ" קלינגט שוין ווי עפּעס רעכטס: נאָך נישט ווי עפּעס אַן אוצר, אַ נס
אָדער אַ גליק, אָדער דאָך ווי אַ שטיקעל תכלית, אַ מין דערגרייכונג, אַ
זאַך וואָס איז ווערט די מיה.

און פּאַמעלעך הויבט דער רבי אָן אַריינצודרינגען אין תוך אינהאַלט
פֿון זיינע אייגענע ווערטער. וואָס הייסט אַלף-בית? עס זענען דאָך נישט
בלויז אותיות, עס זענען ווערטער, וואָס דערצעהלען אַ געשיכטע; ער דער-
מאָהנט זיך אָן דער געשיכטע, וואָס אָט די קינדער וועלען מוזען לערנען
נאָך דעם, ווי זיי וועלען זיך אויסלערנען די אותיות. און צוערשט, זייענדיג, נעביך,
אַן אַלטער איד ווי אַלע אַלטע אידען, דערמאָהנט ער זיך אָן די אונצעהליגע
צרות, וואָס ווערען אויסגערעכענט אין יענער געשיכטע: „אַז איהר וועט,
קינדערלעך, עלטער ווערען, וועט איהר אַליין פֿערשטעהן, וויפֿיעל אין די
אותיות ליגען טרערען, וויפֿיעל געוויין..." זיין קול ציטערט, אָט אָט וועט
ער זיך אַליין צעוויינען. „געדענקט-זשע טייערע, וואָס איהר לערענט דאָ..."
דער „וואָס" קלינגט ווי אַ קרעכץ, און דער „קמץ-אַלף אָ" ווי אַ זיפֿץ. וואָלט
איך זיין דער כאָר-מייסטער, וואָלט דאָס זיין אַ קרעכץ און אַ זיפֿץ, בע-
לאָדען מיט פֿיער טויזענד יאָהר פֿון אומעט.

אָבער דער רבי כאַפּט זיך תיכף אויף. וואָס איז דאָס פֿאַר אַ ביי-
שפּיעל פֿאַר קינדער? און אַפֿילו נישט קיין אמת: אין דעם, וואָס דערצעה-
לען די אַלטע אותיות, איז גאָר נישט דער אומעט דער עיקר. מען לעבט

נישט קיין פיער טויזענד יאָהר מיט קיין אומעט, בעזונדערס נישט אַזעלכע צוויי טויזענד יאָהר, ווי די לעצטע. שטאַרק מוז מען זיין, כדי אויסצושטע־הען דאָס, וואָס מיר האָבען אויסגעהאַלטען. קודם כל זענען מיר אַ שטאַרק פאָלק, איבערמענשליך שטאַרק, שטאַרקער ווי אַלע אַנדערע נאַציאָנען; דאָס איז דער עיקר, וואָס די קינדער מוזען תיכף ומיד פערשטעהען און שוין קיין מאָל נישט פערגעסען. „אַז איהר וועט, קינדערלעך, דעם גלות שלע־פען, אויסגעמוטשעט זיין, — זאָלט איהר פון די אותיות כוח שעפען; קוקט אין זיי אַריין — הערט־זשע, געדענקט־זשע, וואָס איהר לערענט דאָ..." איצט איז דער „וואָס" אין זיך אַליין אַ הימן, אַ מאַרסעליעזע, אַ לאַנגער דונער; און דער „קמץ־אַלף—אָ" קלינגט ווי אַנ׳אויפשטאַנד.

אָט אַזוי שילדערט זיך מיר די פּראָצעדור פון לערנען קליינע קינדער־לעך; און בנוגע צו איהר מוז מען אָבהיטען די גרעסטע דייקנות — אָג־פאַנגען פּאַוואָליע, דערמאָהנען די צרות, שטופּענווייז איבערגעהען צו דער נחמה, וואָס ליגט אין בעגריף „כוח" — דעם איינציגען בעגריף, וואָס אין איהם ליגט נחמה, ווייל קיין אַנדערע נחמה ווי דיין אייגענער כוח איז בכלל נישטאָ. דאָס איז דער עיקר: לערנען די נחמה פון כוח. אַחוץ דעם איז אַלצדינג אַנדערש נישט וויכטיג: צי אין שטוב איז הייס אָדער קאַלט, צי דער רבי איז אַ רבי אָדער אַן עם־הארץ אָדער אפילו אַ באַנדיט; און זאָגאַר דער אינהאַלט פון אַלף־בית איז נישט וויכטיג, ווייל יעדער דור האָט אפשר זיין אייגענעם אַלף־בית.

ב.

פאַר דעם דור, וואָס וואַקסט אונטער אונזערע אויגען און וואָס אויף זיינע פּלייצעס וועט פאַלען, אָפּנים, די אחריות פון דעם גרעסטען ווענדע־פּונקט אין אונזער געשיכטע, קלינגט דער אַלף־בית זעהר פשוט: יונגע־לייט, לערענט זיך שיסען.

אַלע איינווענדונגען, וואָס מען קען מאַכען געגען אַזאַ אַלף־בית, ווייסען מיר אַלע אויסווענדיג. איך וועל נישט זאָגען, אַז דאָס זענען נאַרישע אָדער אונוויכטיגע איינווענדונגען. להיפך, דאָס זענען מעהרסטענס גאַנץ וויכטיגע טענות. ווען מען וועט מיר זאָגען, למשל, אַז אַ מענטש, כדי אַליין צו לע־בען און העלפען לעבען דעם ציבור, מוז דאָך קענען עפּעס אַ מלאכה, און כדי צו זיין אַ מענטש מוז ער לערנען בכלל „קולטור", און כדי צו זיין אַ איד מוז ער וויסען די נאַציאָנאַלע שפּראַך און די נאַציאָנאַלע געשיכ־טע — בין איך מסכים: ער מוז. ווען מען וועט מיר זאָגען, אַז אַ מדינה קען מען נישט אויסבויען מיט שיסען, מען בויט אַ מדינה מיט סאַכעס און מיט האַמערן און מיט מסחר און מיט שווייס און מיט שכל, — בין איך אויך מסכים אויף די גאַנצע הונדערט פּראָצענט. ווען מען וועט מיר אַפילו זאָגען, אַז שיסען איז מיליטאַריזם, בעת די היינטיגע וועלט האָסט מיליטאַ־ריזם און שטרעבט צו פריעדען, — וועל איך אויך נישט בעזונדערס ווידערשפּרע־

כען (כאָטש איך בין נישט אַזוי זיכער, אַז „די וועלט” האָט באמת נאָר אָט אַזעלכע פריעדליכע שטרעבונגען), — איך וועל אַפילו אַנערקענען, אַז דאָס איז זעהר, זעהר טרויעריג, וואָס אין אַזאַ צייט זענען מיר אידען געצוואונגען זיך צו לערנען שיסען. אָבער מיר זענען געצוואונגען, און געגען אַ צוואַנג פון אַ געשיכטליכער ווירקליכקייט איז נוצלאָז צו אַרגומענטירען.

דער צוואַנג פון דער געשיכטליכער ווירקליכקייט זאָגט צו אונז אַזוי: אויב איהר וועט זיין געבילדעטע מענשען און וועט זיך אויסלערנען אַקערן ערד און בויען הייזער, און וועט אַלע רעדען העברעאיש און קענען די גאַנצע נאַציאָנאַלע ליטעראַטור אונזערע, פון שירת דבורה ביז אַביגדור המאירי און שלאָנסקי, אָבער דערביי נישט קענען שיסען, איז נישטאָ קיין האָפנונג. אויב איהר וועט אָבער יאָ קענען שיסען, איז אפשר יאָ דאָ אַ האָפנונג. — אַזוי רעדט צו אונז די געשיכטליכע ווירקליכקייט פון אונזער צייט און פון אונזערע קינדערס צייט — דער נסיון פון די לעצטע פופצעהן יאָהר און די אויסזיכט פון די נעכסטע פופצעהן אָדער צוואַנציג יאָהר. דאָס פערשטעהט יעדער מענש: יעדער ציוניסט און יעדער געגנער פון ציוניזם, יעדער איד און יעדער גוי, אויב דער גוי איז אימשטאַנד צו פערטראַכטען זיך אויף אַ מינוט וועגען אידישע נאַציאָנאַלע ענינים. יעדער, יעדער און יעדער, גאַנץ גלייך, צי עס געפעלט איהם דער אַלף-בית פון שיסען צי נישט; גאַנץ גלייך צי ער איז מסכים צו אונטערוואַרפען זיך דעם אַלף-בית אָדער וויל געגען איהם קעמפען. פערשטעהען פערשטעהט יעדער, אַז פון אַלע בעדינגונגען פון שטאַאַטליכער ווידערגעבורט איז שיסען ליידער די וויכטיגסטע בעדינגונג.

נאָך מיט אייניגע יאָהרען צוריק וואָלט איך דאָס נישט געזאָגט, דעמאָלט איז געוועז קלאָר, אַז גאָר נישט אַלע האָבען דאָס פערשטאַנען. איצט אָבער איז קלאָר, אַז אָט דעם ביטערען אמת האָבען אויסגעלערענט אַלע, אַלע אָהן אַ שום אויסנאַהם: אָרטאָדאָקסישע אידען, לינקע אידען, קאָמוניסטישע אידען, פאַציפיסטען, אַסימילאַנטען, ברית-שלום לייט — פאַר זיי אַלע איז דאָס קלאָר, אַז די ווידערגעבורט, אַזוי ווי מען האָט זי געטרוימט טויזענדער יאָהרען, קען נישט ווערען דערגרייכט, אויב מיר וועלען נישט קענען שיסען. דער וואָס וויל די ווידערגעבורט און דער וואָס וויל זי נישט, זענען איינשטימיג אין אָט דעם אַנאַליז פון דעם געשיכטליכען מצב. אויב אימיצער וועט זאָגען, אַז דאָס איז נישט אמת, אַז נישט אַלע זענען מסכים צו אַזאַ אַנאַליז, און אַז ער אַליין, למשל, זעהט גאָר נישט קיין צוזאַמענהאַנג צווישען ווידערגעבורט און זיך לערנען שיסען, — טאָ גלויבט איהם נישט; ער זעהט. עס איז אונמעגליך נישט צו זעהען אַ זאַך, וואָס איז אַזוי קלאָר ווי דער ליכטיגער טאָג.

ג.

אייגענטליך האָבען אַלע דאָס פערשטאַנען נאָך מיט פופצעהן יאָהר צוריק (שוין נישט צו רעדען וועגען נאָך אַ וויטערער פערגאַנגענהייט). דעריבער האָט מען געפיהרט פערהאַנדלונגען וועגען אַ מאַנדאַט. אויב מען וואָלט געגלויבט, אַז קיינער וועט נישט קומען שטערען אונזער ארץ־ישראל אַרבייט מיט קיין געוועהר און פייער, צו וואָס האָט מען דאַן געדאַרפט אַ מאַנדאַט? דעם מאַנדאַט האָבען מיר געוואָלט צוליב דעם, וואָס מיר האָבען שוין דעמאָלט פערשטאַנען (איינינע מיט'ן שכל און איינינע מיט'ן אינסטינקט), אַז עס וועלען זיך יאָ געפינען שטערער, אַלזאָ מוז מען דאָ האָבען אימיצען, וועלכער וועט נישט לאָזען שטערען. און ווי פועל'ט מען, אַז יענער, וועלכער וויל שטערען, זאָל דאָס נישט קענען טהון? מען פועל'ט דאָס נישט דורך דעם, וואָס מען פערלאָזט זיך אויף זיין יושר, נאָר דורך דעם וואָס מען מאַכט פאַר איהם פיזיש אונמעגליך צו הרג'ענען נפשות און צו אונטערצינדען הייזער. ענגלאַנד איז שטאַרק און קען דאָס מאַכען פיזיש אונמעגליך: דעריבער האָבען מיר אַלע, מיט די פּאַציפיסטען אונזערע בראש, געהאָפט אויף אַן ענגלישען מאַנדאַט און זיך געפרעהט, ווען ענגלאַנד האָט איהם אָנגענומען. און דערביי האָבען מיר (נישט „מיר" אַלע, אָבער די מעהרסטע) נאַאיוו גערעכענט, אַז ענגלאַנד איז גענוג שטאַרק, כדי זי זאָל קענען אַליין איבערנעהמען די אויפגאַבע פון שוץ, און עס איז נישט נאָר איבעריג, נאָר אַפילו לעכערליך, פאָרצושלאָגען ענגלאַנד אונזער אייגענע הילף.

באַלד האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען, אַז „מיר" זענען געווען צו נאַאיוו. ענגלאַנד איז דעמאָלט טאַקע געווען זעהר שטאַרק, אָבער פון דעם פאָלגט נאָך גאָרנישט. דיין שכן מעג זיין דער גרעסטער גביר, אָבער פון דעם פאָלגט נאָך נישט, אַז ער וועט דיר געבען אַ טייל פון זיין געלד, אַפילו נאָר אַ קליינע סומע; בפרט ווען דער „גביר" איז אַ שטאַאַט און זיין רייכטום איז אַ שטאַאַטס־פערמעגען, וואָס שטעהט אונטער אַ שאַרפע געזעלשאַפטליכע קאָנטראָל.

פון דעם ערשטען טאָג, וואָס ענגלאַנד איז געקומען אין דירעקטען קאָנטאַקט מיט דער ווירקליכקייט אין ארץ ישראל, האָט זי דערזעהן, וואָס עס ליגט דער צענטער פון געוויכט פון ציוניסטישען פּראָבלעם. דער צענטער ליגט דאָרטען, וואו ער איז שטענדיג געלעגען ביי יעדער קאָלאָניזאַציע. די איינגעבוירענע בעפעלקערונג וויל נישט, אַז פרעמדע זאָלען קאָלאָניזירען דאָס לאַנד און מאַכען פון דעם זייער מדינה (אָדער אַפילו אַ „בינאַציאָנאַלע מדינה): דאָס איז געווען דער שטאַנדפונקט פון איינגעבוירענע אייביג און אומעטום, און דאָס איז ער אויך אין ארץ ישראל. פון אָט דעם פונדאַמענטאַלען פאַקט האָט לאָגיש געפאָלגט אַלצדינג, וואָס איז פאָרגעקומען אין ארץ ישראל אונטער דעם ענגלישען מאַנדאַט. יעדער שריט וואָס וואָלט געווען קריכטעט צו העלפען ציוניזם, וואָלט נאַטירליך פער-

גרעסערט די סכנה פון גוואַלד-קאָנפליקטען; כדי נישט צו דערלאָזן צו גוואַלד-קאָנפליקטען, מוז מען האַלטען אין לאַנד אַ שטאַרקען גאַרניזאָן. אַ גאַרניזאָן קאָסט אַ געלד אַ מענשען. דאָס האָט דער „גביר" נישט געוואָלט, און דעריבער האָט ער נישט געמאַכט קיין איין איינציגען שריט, וואָס וואָלט געקענט נוצען דעם ציוניזם. די אַראַבער האָבען דאָס באַלד פערשטאַנען און זענען איבערגעגאַנגען צו אָפענסיווע, פאָדערענדיג, אַז מ'זאָל מאַכען אַזעלכע שריט, וואָס קענען דירעקט שטערען דאָס אָנוואַקסען פון אידישע כחות. אַז נישט, האָבען זיי געדראָהט מיט גוואַלד-קאָנפליקטען. און ענגלאַנד האָט זיי נאָכגעגעבען, ווייל דאָס איז געווען דער איינציגער לאָגישער קורס פאַר אַ מאַכט, וועלכע וויל נישט אָדער קען נישט האַלטען אין ארץ ישראל אַ שטאַרקען גאַרניזאָן.

היינט איז ארץ ישראל אַ לאַנד פון אַ מיאוס'ן און ציניש'ן אָפיציעלען אַנטיסעמיטיזם, מיאוס'ער און ציניש'ער ווי דער אָפיציעלער אַנטיסעמיטיזם פון צאַרישען רוסלאַנד. אָבער ווען מען וויל פעסטשטעלען, ווי אַזוי דאָס איז געקומען צו אַזאַ צושטאַנד, טאָר מען זיך נישט בעגנוגענען מיט שעלטען דעם „צבועק", דעם ענגלענדער. זיין גאַנצע האַלטונג, שענדליך ווי זי איז, איז געווען נאָר אַ לאָגישע קאָנסעקווענץ פון אַ געזעץ; וואָס איז דאָס אייזערנע געזעץ פון יעדער קאָלאָניזאַציע, אַ געזעץ, וואָס ווייס נישט קיין אויסנאַהמען, אַ געזעץ, וואָס האָט געהערשט אין אַלע צייטען אונטער אַלע אומשטענדען: ווילסטו קאָלאָניזירען אַ לאַנד, וואו עס לעבט שוין אימיצער, מוזטו האַלטען אין לאַנד אַ גאַרניזאָן; אָדער — געפינען אימיצען אַ גביר און אַ נדיב, וועלכער וועט דאָרט האַלטען דיר צוליעב זיין אייגענעם גאַרניזאָן; אָדער — אָדער זאָג זיך אָב פון קאָלאָניזאַציע, ווייל אָהן אַ בעוואָפענטען כוח, וואָס זאָל מאַכען פיזיש אונמעגליך צו שטערען דעם קאָלאָניזאַטאָר, איז די קאָלאָניזאַציע אונמעגליך. נישט „שווער", נישט „געפעהרליך": א ו נ מ ע ג ל י ך.

מען פלעגט זיך ביי אונז לוסטיג מאַכען איבער יענע, וואָס האָבען געטענה'ט, אַז די ציוניסטישע בעוועגונג זאָל זיך פערטראַכטען וועגען דער פראַגע פון בעוואָפענטען כוח. ס'איז היינט נישט קיין צייט צו לאַכען, אַז נישט וואָלט מען איצט געקענט זיך גוט אויסלאַכען (נישט לוסטיג, נאָר ביטער אויסלאַכען!) פון אָט דער טעמפער, עקשנ'ישער, אַנאַלפאַבעטישער בלינדקייט. ציוניזם איז אַ קאָלאָניזאַציע, דעריבער שטעהט ער און פאַלט מיט דער פראַגע פון בעוואָפענטען כוח. וויכטיג איז אַקערען, וויכטיג איז האַמערען, וויכטיג איז רעדען העבריאיש. ליידער אָבער איז נאָך וויכטיגער צו קענען שיסען — אַז נישט, זאָג איך זיך אָב פון שפּיעלען אין קאָלאָניזאַציע.

ד.

היינט איז דאָס אַלץ, ליידער, שוין אַביסעלע שפּעט. היינט שטעהט שוין פאַר אונז די פראַגע, צי בכלל איז דאָס עפּעס ווערט, געהן ווייטער האַנד אין האַנד מיט אַזאַ מאַנדאַטאָר-מאַכט. איהר פּרעסטיזש שיינט צו זיין צובראָכען אויף שטיקלעך — און ווער ווייסט, וויפיעל האָט צו דעם ביינעטראָגען דער עקעלהאַפטער פערראַט, וואָס זי איז בעגאַנגען געגען אַזאַ וועלט-פאָלק, ווי מיר, און אַזאַ וועלט-לאַנד, ווי ארץ ישראל, און בסתירה צו אַזאַ וועלט-קאָנטראַקט, ווי דער מאַנדאַט. היינט איז ענגלאַנד עקאָנאָמיש קראַנק — און ווער ווייס,ט צי אויך דערצו האָט עפּעס נישט ביינעטראָגען אויף אַלע בערזען פון דער וועלט, דער אידישער עלבון. היינט האָט ענגלאַנד אויך אינווענינ פערלוירען דעם שוואונג פון אימפּעריאַלען אינסטינקט — און ווער ווייסט, צי דאָס איז אויך נישט טיילווייז אַ רעזולטאַט פון דער ביטערער בושה, וואָס זי האָט אויף זיך אַליין געבראַכט אין ארץ ישראל.

קיינער פון אונז איז נישט קיין נביא און קען נישט זאָגען, צי דער איצטיגער צושטאַנד פון ענגלאַנד איז אַ קורצע קראַנקהייט אָדער דער אָנפאַנג פון אַ לאַנגען אונטערגאַנג. איין זאַך איז אָבער קלאָר: ווי עס זאָל נישט זיין, וואָס עס זאָל פאַר אונז נישט ענטהאַלטען דער פערשלייערטער מאָרגען — לערענט זיך שיסען. אויב ענגלאַנד וועט נאָך אויפבליהען ווי אַ וועלט-מאַכט, אויב זי וועט נאָך אַמאָל אימשטאַנד זיין צו בעגרייפען דעם ווערט פון אַ אידישען ארץ־ישראל פאַר איהרע וועלט-אינטערעסען — וועט מען מיט איהר קענען פערהאַנדלען נאָר אין נאָמען פון אַ פאָלק, וואָס קאָן אַליין גאַראַנטירען רוהה און אָרדנונג אויפ'ן געביעט פון אידישער קאָלאָניזאַציע. און אויב פערקעהרט, אויב דער פּרק „ענגלאַנד" אין אונזער געשיכטע איז אָביעקטיוו ערליידיגט, דאַן מוז מען זיך גרייטען, דאָרטען אין יענעם עק מזרח, וואו עס ליגט אונזער גורל, צו געשעהענישען, ביי וועלכע נאָר אַ פאָלק, וואָס קען שיסען, וועט האָבען כאָטש עפּעס אַ האָפנונג צו שפּיעלען אַ ראָליע.

ווי אַזוי וועלען, אין אַזאַ פאַל, אויסזעהען די געשעהענישען, וועלכע וועט קעמפען און מיט וועמען, איז אונמעגליך פאָראויסצוזעהען. און ווען? איך ווייס נישט און וויל נישט וויסען. אַזעלכע זאַכען שיקט דער אויבערשטער, ווי מען זאָגט טאַקע אויף ענגליש, „אין זיין אייגענער גוטער שעה". יעדער פיהלט אָבער, אַז די „קאַשע", וואָס דער ענגלענדער אַליין, מיט זיין טראַדיציאָנעלען אָנגעבלאָזענעם לייכטזין, האָט אַזוי נאַריש און קינדיש פערקאָכט אַרום דעם מזרח-ברעג פון מיטעל־מעער, קען זיך שוין נישט ענדיגען אָהן עפּעס אַ גרויסען טומעל; און אין מיטען פון דעם טומעל זיצען אונזערע אייגענע צעהנדליגער טויזענדער ברידער און שוועסטער, וואָס די מעהרסטע זענען דאָרטען געגאַנגען נישט צוליעב פּרנסה אָדער געזונד, נאָר צוליעב אונזער טרוים — און וואָס זיי, דוקא זיי, וועט מען צוערשט און דירעקט „מיינען" ביים אויסברוך פון טומעל; און נאָך וויכטיגער פון

די צעהנדליגע טויזענדער – אונזער גורל וועט זיך אָבשפּיעלען אין מיטען פון יענעם טומעל. לערענט זיך שיסען, דערוויילע.

אויפ'ן פּריפּעטשאָק ברענט אַ פייער'ל, און די שטוב איז קליין. איך ווייס ווי פינסטער עס איז ביי אונז און ווי ענג; איך ווייס, אַז פון אַ הונדערט, וועלכע טראַכטען וועגען לערנען דעם נייעם אַלף-בית, זענען ניינציג אפשר נישט אימשטאַנד, ביי דעם בעסטען ווילען, אויסצופיהרען דעם געדאַנק למעשה: נישטאָ קיין געלד, נישטאָ קיין צייט, אָדער אפשר לאָזט נישט דער גוי... מאַכט נישט אויס! אויך דאָס בעוואוסטזיין אַליין, אַז אַ פאָלק אין אונזער לאַגע מוז קענען דעם נייעם אַלף-בית, אויך די פסיכאָלאָגיע פון שיסען, די בענקעניש נאָך שיסען, – טויזענד מאָל קענט איהר מיר דערצעהלען, אַז דאָס איז גייסטיגער „מיליטאַריזם", און איך וועל בעשטעהן אויף מיינס: דאָס איז דער געזונטער אינסטינקט פון אַ נאַציאָן, וואָס געפינט זיך אין אַזאַ לאַגע ווי מיר. און איך געדענק (און דער לעזער זאָל אויך נישט פערגעסען), ווי טייער מיר האָבען בעצאָהלט, אין די גורל-יאָהרען, צווישען 1914 און 1918, דוקא דערפאַר, וואָס אין אונזער יוגענד פון דעמאָלט האָט זיך נ י ש ט געפונען קיין „בענקעניש נאָך שיסען". וואָל-טען זיך דעמאָלט אָבגערופען צעהנדליגע טויזענדער (ווי זיי וואָלטען זיך אָבגערופען היינט, אין דעם בין איך שוין זיכער) – וואָלט אַלצדינג געווען אַנדערש; אָבער די צעהנדליגע טויזענדער יונגעלייט האָבען פאָרגעצויגען צו דיסקוטירען וועגען דעם „עטישען" פּראָבלעם, וואָס איז שענער: אַליין עראָבערען אַ לאַנד, מיט געוועהר און קרבנות, אָדער בעסער זאָל דער ענגלענדער זיך פערשמירען די הענד מיט געוועהר און צאָהלען די קרבנות און דאַן אונז לאָזען קומען בעזעצען זיך ריינינקע, פריעדליכע, שאַ, וואָס האָסטו צו אונז, מיר האָבען דאָך נישט געשאָסען!...

„לערענט, קינדער מיט גרויס חשק: אַזוי זאָג איך אייך אָן: ווער פון אייך ס'וועט גיכער קענען אַלף-בית, דער בעקומט די פאָהן".

ווען די וועלט איז יונג געווען

א.

יעדענס „וועלט" איז זיין אייגענע לעבּ-צייט. ווען די וועלט איז יונג געווען, איז געווען אַ מלחמה צווישען ענגלאַנד און די בּורען. אַצינד האַלט מען אין איין שרייבּען מעמואַרען וועגען דעם לעצטען קריעג, דעם גרויסען; אָבּער איך געפין, אַז דאָס בּעסטע קריעגס-בּוך איז געשריבּען געוואָרען נישט לאַנג וועגען יענער „קליינער" מלחמה'לע אין דרום-אַפריקא. עס איז ערשיענען קוים מיט אַ יאָהר צוריק, אויף ענגליש, אונטער'ן טיטעל „קאָמאַנדאָ; דער מחבר איז איינער פון די דעמאָלטיגע בּורישע קעמפער, אַ געוויסער קאָלאָנעל רייץ. היינט איז ער אַ דעפּוטאַט אין קאַפּשטאַדטער פּאַרלאַמענט, אַ מיטגליעד פון סמוט'ס פּאַרטיי, דאָס הייסט אַן'אָנהענגער פון ענגלאַנד, און אַ קאָלאָנעל איז ער געוואָרען דוקא אין ענגלישען דינסט, ווייל ער האָט זיך בּעטייליגט אין דער גרויסער מלחמה, אָן דער שפּיץ פון אַ דרום-אַפריקאַנישען בּאַטאַליאָן, אין פלאַנדריען. אָבּער ווען די וועלט איז יונג געווען, און ער אויך, האָט ער צוויי מיט אַ האַלבּ יאָהר כסדר בּעקעמפט געגען די ענגלענדער, און יענע טעג האָט ער בּעשריבּען אין זיין בּוך „קאָמאַנדאָ".

צוויי מיט אַ האַלבּ יאָהר האָט יענער קריעג געדויערט. היינטיגע יונגענד האָט וועגען איהם קוים געהערט און שטעלט זיך נישט פאָר, וואָס דאָס בּעדייט. „בּורען" (ד. ה. פּויערים) הייסען די בּירגער פון טראַנסוואַאַל און פון דער אָראַניען-רעפּובּליק; נישט אַלע בּירגער, נאָר יענע, וואָס שטאַמען פון האָלענדער און רעדען אַ מין האָלענדישען דיאַלעקט. אין בּיידע רעפּובּליקען צוזאַמען זענען זיי געווען דעמאָלט אפשר אַ פּאָר הונדערט טויזענד נפשות אינגאַנצען, און אין פעלד האָבּען זיי אַרויסגעשטעלט נישט מעהר ווי אפשר אַכציג טויזענד קעמפער פון אָנהויבּ מלחמה בּיז'ן סוף. ענגלאַנד אָבּער איז געווען ענגלאַנד, אַזוי גרויס און אַזוי שטאַרק און רייך

אזוי היינט. אין דער קריעג האָט געדויערט צוויי יאָהר מיט אַ האַלב: אַ קריעג פון אַ לויתן מיט צוויי סאַרדינען. ביז 1914 האָט ער אין ענגלאַנד געגאָלטען אַלס איינער פון די שווערסטע נסיונות, וואָס די גרויסע מלוכה האָט בכלל דורכגעמאַכט אין פערלויף פון איהר געשיכטע. וויפיעל סאָלדאַטען האָט ענגלאַנד אויסגעשטעלט, געדענק איך נישט; אָבער אַזוי ווי די דאָמיניאָנס האָבען איהר געהאָלפען מיט עטליכע און דרייסיג טויזענד סאָלדאַטען, מוז איהר אייגענער קאָנטינגענט האָבען געוועזען נישט וועניגער ווי די גאַנצע בעפעלקערונג פון טראַנסוואַאַל און אָראַניען, צוזאַמען מיט זייערע ווייבער און קינדער, און וואַהרשיינליך מעהר. וואָס עס האָט ענגלאַנד געקאָסט דאָס פערגעניגען, מעג מען בערעכענען פון דעם, וואָס איהרע קריעגס-הלוואות צווישען 1899—1902 האָבען דערגרייכט דעם סך-הכל פון 159 מיליאָנען פונט — אַ געוואַלדיגער סכום פאַר יענע צייטען. נאָך געוואַלדיגער איז געוועזען דער איינדרוק, וואָס אָט דאָס קליינע מלחמה'לע האָט געמאַכט אויפ'ן ענגלישען פאָלק: פסיכאָלאָגיש האָבען די ענגלענדער זי בעהאַנדעלט ווי זעהר אַ גרויסע מלחמה. דעם טאָג, ווען עס איז געקומען קיין לאָנדאָן די ידיעה, אַז די בורען, מיט לואיס באָטהאַ אָן דער שפיץ, האָבען צעשלאָגען גענעראַל בולער'ס אַרמעע, רופט מען אין ענגלאַנד ביז איצט „דעם שוואַרצען פרייטאָג;" און בשעת עס איז געקומען די בשורה, אַז מאַפעקינג (אַ ברעקעלע דאָרף, וואו עס איז געזעסען בעלאַגערט דער יונגער באַדען פאַועל, יענער, וואָס שטעהט היינט אָן דער שפיץ פון דער וועלט-פעראייניגונג פון סקויטען) — אַז מאַפעקינג איז ענדליך בעפרייט געוואָרען, איז אין לאָנדאָן אויסגעבראָכען אַזאַ ווילדע שמחה, אַז לאָרדען און לעידיס האָבען געטאַנצט אין מיטען גאַס און פרעמדע האָבען זיך געקושט אויף די טראָטואַרען (און דער המון האָט פאַגראָמירט אַ ציגאַרעטען-קראָם אין ווייטשעפעל, ווייל דעם קרעמער האָט מען געהאַלטען פאַר אַ בורען-פריינד).

גליקליכערווייז איז דאָס נישט געווען קיין זעהר בלוטיגער קריעג. אין פערלויף פון די גאַנצע צוויי און דרייסיג חדשים האָבען די בורען פערלוירען בלויז פיער טויזענד געהרג'עטע, און די ענגלענדער וועניגער ווי זעקס טויזענד. היינטיגע טעג ווערען מעהר מענשען געהרג'עט אין אויטאָמאָבילען-אומגליקען. גאָר אַ פיצינקעלע קריעג איז דאָס געווען. און דאָך איינער פון די גרעסטע אין דער געשיכטע; אַ קריעג, וואָס האָט געהאַלטען אין אַ געשפאַנטער שטימונג נישט בלויז ענגלאַנד, נאָר די גאַנצע וועלט.

איצט דערצעהלט אונז קאָלאָנעל רייץ, ווי יענער קריעג האָט אויסגעזעהן פון אינעוועניג — פון דער בורען-זייט.

ב.

אין 1899 איז דעניס רייץ געווען זיעבעצעהן יאָהר אַלט. מיט עטליכע יאָהר פריהער איז זיין פאָטער געווען פרעזידענט פון דער אָראַניען-רעפּוב-

ליק (קורץ האָט זי געהייסען „דער פריישטאַאַט" און הייסט אַזוי ביז איצט). ביים אויסברוך פון דער מלחמה איז דער אַלטער רייץ אָבער געווען שוין אין טראַנסוואַאַל אַלס שטאַאַטס-סעקרעטאַר פון טראַנסוואַאַלער פּרעזידענט, דעם בעריהמטען קריוגער: עפּעס מערקווירדיג פון אונזער שטאַנדפּונקט — ווי קאָן אַ בירגער פון איין מדינה זיין אַ מיניסטער אין אַ צווייטער מלוכה? מסתמא אָבער פלעגען די בורען זיך בעטראַכטען ווי אינדערהיים אומעטום אין דרום-אַפריקא. דער אַלטער רייץ, בשעת ער איז געווען פּרעזידענט, האָט אַליין געשלאָסען אַנ'אָבמאַך מיט קריוגער'ן, פערפּליכטענדיג דעם פריי-שטאַאַט צו העלפען טראַנסוואַאַל, אויב עס וועט זיין אַ מלחמה.

דעניס רייץ און זיין ברודער, מיט אַ פּאָר יאָהר עלטער ווי ער, זענען אויסגעוואַקסען אין בלומפאָנטיין, דער הויפּט-שטאָדט פון דעם פריי-שטאַאַט. אַלע גרויסע עסקנים פון דרום-אַפריקא, אי בורען, אין ענגלענדער, פלעגען קומען צו גאַסט אין זייער פאָטערס הויז, אפילו סעסיל רהאָדס, וועמען די ענגלענדער רופען „אויפבויער פון דרום-אַפריקאַ", און אויף וועמענס נאָמען רהאָדעזיען הייסט רהאָדעזיען. איך גלויב אָבער, אַז די אינטערעסאַנטעסטע פערזענליכקייט פון אַלע איז געווען קריוגער, כאָטש די יונגעלייט האָבען עס אפשר דאַמאָלס נישט בעמערקט. אַנ'אמתער פּאַטריאַרכאַלער טיפּ, מיט די גרויסע מעלות און די געוואַלדיגע חסרונות פון פּאַטריאַרכאַליטעט. עס איז נישטאָ קיין צווייפעל אָהן זיין עקשנות וואָלט עס נישט געקומען צום קריעג מיט ענגלאַנד. ער האָט נישט געוואָלט געבען קיין פּאָליטישע רעכט יענע ענגלענדער („אויטלאַנדערס" פלעגט מען זיי רופען, ד. ה. אויסלענדער), וואָס האָבען ענטדעקט און ענטוויקעלט די גאָלד-גרובען אין טראַנסוואַאַל, האָבען אויסגעבויט יאָהאַניסבורג (אין דריי יאָהר צייט איז יאָהאַניסבורג געוואָרען פון אַ דאָרף אַ שטאָדט מיט הונדערט טויזענד איינוואוינער), האָבען אונגעהויער געשטאַרקט די שאַץ-קאַמער פון דער מדינה מיט זייערע שטייערען און זענען צו דער צייט געווען אַ העלפט פון דער ווייסער בעפעלקערונג פון טראַנסוואַאַל, וואָס אַ העלפט פון באָדען און ניין צעהנטעל פון די הייזער אין לאַנד האָט זיי געהערט. מ'זאָגט, אַז קריוגער'ס געגנערשאַפט האָט זיך באַזירט אויף דעם, וואָס ער איז בכלל געווען אַ געגנער פון ענטוויקלען די גאָלד-גרובען, פירכטענדיג, אַז דאָס וועט צושטערען די „פּאַטריאַרכאַלע" מנהגים פון בורען-פאָלק; אָבער שטייערען פון די גאָלד-גרובען פלעגט ער יאָ מקבל זיין, און די שטייערען האָבען געבילדעט אַ דריטעל פון דער שטאַאַטס-הכנסה. בכלל איז ער געווען אַ מענש „אויסגעהאַקט פון איין שטיק פעלזען". מיט אונפערענדערליכע פּרינציפּען און געוואוינהייטען. מ'דערצעהלט פון איהם (כאָטש רייץ ווייס דאָס נישט), אַז אַמאָל האָט מען איהם איינגעלאַדען צו דער חנוכת-הבית פון אַ אידישער שוהל אין יאָהאַנעסבורג: איז ער אַריין אין שוהל, האָט אַראָבגענומען דאָס היטעל און ערקלערט: „אין נאָמען פון פאָטער, פון זוהן און פון הייליגען גייסט עפען איך אָט דעם בית-כנסת, און רוף גאָט'ס ברכה אויף אַלע גאָטס-קינדער — וואָס דערפילען זייער בירגער-פליכט צו טראַנס-

וואַל״. — רייץ דערצעהלט אָבער אַן׳עפּיזאָד וועגען קריגערס פרוי, און דאָס קלינגט נאָך מעהר פּאַטריאַרכאַל. איינמאָל איז ער צו איהר געקומען מיט זיין ברודער. זיי האָבען געפונען די דאַמע ביי דער אַרבייט: זי איז געשטאַנען צווישען צוויי עמער מילך, איבערוואַכענדיג דעם שוואַרצען דינער ביים מעלקען די בהמות, — און די מילך פלעגט זי פערקויפען שכנים. און רעדענדיג מיט די ביידע יונגעלייט וועגען אַ סטאַטוע פון איהר מאַן, וואָס מ׳האָט זיך דעמאָלט געגרייט אויפצושטעלען אין פּרעטאָריאַ, האָט זי גאַנץ ערנסט בעמערקט, אַז עס איז אַ שאָד, וואָס דער סקולפּטאָר האָט נישט געמאַכט אַ לאָך אין דעם צילינדער-הוט, כדי די פייגעלעך זאָלען קאָנען טרינקען פון איהם רעגען-וואַסער.

ב.

דערצעהלען דעם אינהאַלט פון רייץ׳ס בוך איז אונמעגליך. איך האָף אַז מען וועט עס אַמאָל איבערזעצען אי אויף העברעאיש, אי אויף אידיש. אין מיינע וועניגע שטונדען פון מנוחה, לייען איך אָפט, זינדיגערהייד, אַוואַנטוריסטישע ביכער, אָבער אין קיין שום אַמעריקאַנישען ראָמאַן פון אַט דער קאַטעגאָריע וועט איהר נישט געפינען אַזאַ רייכטום פון אַוואַנטורען, בעשיידענער העלדישקייט, פרישער לופט פון באַרג און מדבר, ווי דאָ. רער-ביי דערצעהלט רייץ אין צוואַנציג שורות פאַקטען פון סכנת־נפשות און גבורה און דרייסטקייט, וואָס אַ ראָמאַניסט וואָלט פון זיי געמאַכט לאַנגע קאַפּיטלען. דעם מחבר׳ס זכרון איז פריש: דעם כתב־יד האָט ער געשריבען בלויז דריי יאָהר נאָכ׳ן קריעג, וואָלגערענדיג זיך אין גלות ערגיץ-וואו אויף דער אינזעל מאַדאַגאַסקאַר, ווייל דער פאָטער רייץ און די ביידע זיהן האָבען לאַנג נישט געוואָלט זיך אונטערגעבען אונטער דער ענגלישער מאַכט און האָבען פערלאָזען די היימאַט נאָך דעם אָבשלוס פון שלום.

עפּעס קאָן מען אָבער דערצעהלען וועגען דער אַטמאָספערע, וואָס האָט געהערשט אין דער בורען-אַרמעע. עס קומט איבער אַלע אונזערע אויפפאַסונגען וועגען אַרמעע-לעבען. קיין דיסציפּלין אין געוועהנליכען זין איז נישטאָ. די ביידע יונגעלייט שפּאַצירען פון איין „קאָמאַנדא״ צו דער אַנדערער, היינט קאַוואַלעריע, מאָרגען אַרטילעריע, איבערמאָרגען מרגלים, און נאָר דער אויבערשטער מעג זיך דערוויסען, ווער עס האָט זיי דאָס ערלויבט אָדער בעפוילען. נישט בלויז די סאָלדאַטען זענען אימפּראָוויזירטע סאָלדאַטען (דאָס איז נישט אַזוי מערקווירדיג, ווייל געשאָסען האָט יעדער פון קינדהייט אָן), נאָר אָפיצירען ווערען אויך אימפּראָוויזירט. אין 1914 פלעגט מען דערצעהלען וועגען אַ זיבעציג-יעהריגען איד ערגיץ-וואו אין גאַליציען, וועלכער איז געלאָפען אין די גאַסען שרייענדיג: „געוואַלד ראַטעוועט, מ׳מאָביליזירט!״ פרעגט ביי איהם עמיצער: „זיידעניו, וואָס זענט איהר אַזוי דערשראָקען — מ׳נעהמט דאָך נאָר יונגעלייט״. ענטפערט ער: „וואָס הייסט נאָר יונגע? און קיין גענעראַלען דאַרף מען נישט?״ — דאָ, אין רייץ׳ס

בוך, קלינגט עס גאָר נישט אַזוי לעכערליך. אין די ערשטע קאַפּיטלען דינט דער יונגער מחבר אונטער אַ גענעראַל „מאַרולא״, — מאַרולא איז אייגענטליך אַ מין באָקסער-בוים, דעם גענעראַל׳ס נאָמען איז גאָר אַנ׳אַנדערער, אָבער אַזוי פלעגט מען איהם רופען אין זיין אַרמעע און אַזוי פיגורירט ער אין בוך; און זיין ברודער, אַ מאַיאָר, איז אויך בעקאַנט נאָר אונטער אַ שפּאָט-נאָמען — „סווארט-לאוואַי״, דאָס הייסט „דער שוואַרצער טאַראַראַם״. אָבער מיט צעהן קאַפּיטלעך ווייטער געפינען מיר אָט די ביידע הויכע מיליטערישע ווירדען-טרעגער אַלס פּשוטע סאָלדאַטען: דער גענעראַל האָט זיך אַרויסגעוויזען אַ שלעכטער אָנפיהרער, האָבען די סאָלדאַטען פערלאַנגט, ער זאָל אַוועקלעגען זיין „טשין״, און דאָס האָט ער געמאַכט, און געגאַנגען דינען ווייטער אַלס אַ פּשוט׳ער סאָלדאַט און דער „שוואַרצער טאַראַראַם״, מסתמא צוליעב ברידערליכער לאָיאַליטעט, האָט געטהון דאָסזעלבע, — און אפשר איז דאָס טאַקי די גרעסטע דיסציפּלין?

אַנדערע גענעראַלען אָבער, כאָטש אויך אימפּראָוויזירטע, זענען געווען געלונגענע. מיר בעגעגענען זיך אין בוך מיט קריסטיאַן דע־וועט, מיט זשובער, מיט דע־לאַ־ריי, פּיעט קראָניע, לואיס באָטהאַ — אימפּראָוויזירטע גענעראַלען, וואָס האָבען געהאַט נצחונות איבער לאָרד ראָבערטס׳ן און קיטשענער׳ן. איך ווייס נישט, צי אָט די נעמען זאָגען עטוואָס דעם אידישען לעזער: די יוגענד געדענקט זיי נישט, און אין מיין אייגענעם דור זענען די מעהרסטע דעמאָלט געווען „פּאַר ענגלאַנד״. ביי אונז אין אָדעס זענען מיר אָבער אַלע געווען „פּאַר די בורען״ און גע׳חלומ׳ט אַוועקצולויפען פון דער גימנאַזיע, צי פון דער אוניווערזיטעט אין אַ בורען-„קאָמאַנדא״. דעוועט, קראָניע, באטהא — פּאַר מיר האָט דער קלאַנג נאָך ביז היינט אַ צויבערענדען רייץ; אַ זכרון פון יונגע צייטען, ווען עס זענען געווען צוויי וועלט-בעריהמטע מלחמות, פון וועלכע מיר האָבען געלערנט, אַז עס איז כדאי צו קעמפפען פּאַר רעכט, כאָטש דו ביזט שוואַך און יענער אַ גיגאַנט: איין מלחמה — די דרייפוס-אַפּערע, די צווייטע — אָט דער בורען-קריעג.

אָבער איינער פון די נעמען, וואָס ווערען דערמאָהנט אין רייץ׳ס בוך, איז אויך דעם לעזער בעקאַנט: ס מ ו ט ס. פון דעם גאַנצען מערקווירדיגען בוך, איז דאָס דער מערקווירדיגסטער חלק. דאָס איז שוין געווען אין די לעצטע מאָנאַטען פון דער מלחמה. שוין לאַנג האָבען די ענגלענדער עראָבערט אי דעם פריי-שטאַאַט אי טראַנסוואַאַל, און פייערליך פּראָקלאַמירט זייער אַנעקסיע צו דער בריטישער מלוכה. שוין לאַנג האָבען זיי גענומען די גרעסטע העלפט פון דער בורען-אַרמעע אין געפאַנגענשאַפט, פערשיקט אויף סאַנקט-העלענאַ און אַנדערע ווייטע אינזלען. קיטשענער האָט אויסגעבויט גרויסע „קאָנצענטראַציאָנס-לאַגערען״ און צוזאַמענגעטריבען אין די לאַגערען צעהנדליגער טויזענדער פרויען און קינדער, כדי כאָטש אַזוי צו

צווינגען די בורען צו בעטען שלום. אָבער אַרום 25.000 בורען האָבען זיך נאָך אַלץ נישט אונטערגעוואָרפען דעם „בעזיעגער". אין קליינע גרופּקעלעך האָבען זיי זיך צושפּרייט ערב-ושתי איבער דאָס גאַנצע ריעזיגע לאַנד, זיי וואַרטען הינטער יעדען באַרג („קאָפּיע" — אַ קעפּעלע — הייסען דאָרט די קליינע בערגלעך) און זיי שיסען אויף איהר מאַיעסטעט'ס זעלנער און צושטערען די אייזענבאַהן-רעלסען און גנב'ענען קאַנאָנען און טראַנספּאָרט-וואָגענס מיט פּראָוויאַנט, און דאָס „עראָבערטע" לאַנד איז נאָך אַלץ נישט עראָבערט. און אין דעם מאָמענט זאַמעלט יאַן סמוטס, אייגענטליך אַן אַד-וואָקאַט (ביים קריעג-אויסברוך איז ער געווען יוסטיץ-מיניסטער אין טראַנס-וואַל) אַרום דריי הונדערט וואָלאָנטיערען מיט אַן'אייזפּאַכען ציעל, נאָר אַ קלייניגקייט: אַריינצורייסען זיך אין דער אַלטער ענגלישער קאָלאָניע, אין קאַפּשטאַדט.

די קאַפּשטאַדטער קאָלאָניע איז אַזוי גרויס ווי דייטשלאַנד, און נאָך גרעסער. די בעפעלקערונג איז געווען מעהרסטענס ענגליש, אָבער מיט אַ שטאַרקער מינאָריטעט פון בורען, צוזייהט און צושפּרייט אויף אונצעהליגע פערמען, אַזוי ווייט איין פאַרם פון דער צווייטער, אַז אָפט האָט זיך דאָ פערווירקליכט דער חלום פון יעדען אַלטען בור — „ער זאָל נישט זעהען דעם רויך פון זיין שכנ'ס קוימען". סמוטס וויל אויפרייצען אָט די קאַפּ-שטאַדטער בורען (בריטישע אונטערטאַנען, פערשטעהט זיך) צו אַן'אויפשטאַנד: אַריבערטראָגען דעם קריעג פון בורען-לאַנד אין ענגלישען געביעט. דערצו זאַמעלט ער אַן „אַרמעע" פון דריי הונדערט נפשות, דערונטער אויך דעם יונגען רייץ; שפּעטער קומען צו נאָך אַ פּאָר „קאָמאַנדאָס", אָבער גרעסער ווי זעקסהונדערט איז אָט די „אַרמעע" קיינמאָל נישט געווען. אָבער סמוטס'ס „אַרמעע" האַלט די גאַנצע קאַפּשטאַדטער מחנה ווי אין אַ בעלאַגערטען צושטאַנד. קיטשענער מוז אַוועקציהען זיינע רעגימענטען פון טראַנסוואַאַל און אָראַניען פריי-שטאַאַט. קאַפּשטאַדטער בורען מאַכען אויפשטאַנדען אין פערשיעדענע עקען לאַנד; מ'צעשלאָגט זיי דאָ, קומט-פאָר אַן'אויפשטאַנד צוויי הונדערט מיילען ווייטער אין פּרעטאָריא דער הויפּט-שטאָדט פון טראַנסוואַאַל, און אין בלומפאָנטיין, דער הויפּטשטאָדט פון פריי-שטאַאַט, זיצען און פּאַ-נעווען ענגלישע גובערנאַטאָרען. אָבער דער בורען-קריעג געהט ווייטער. דאָס מאַכט אַן'אַדוואָקאַט מיט אַ פּאָר הונדערט יונגלעך; און עס דויערט כמעט אַ יאָהר; און ביז'ן סוף קאָן מען זיי נישט איינעהמען — ביז די בורען-אָנפיהרער נישט קאָנענדיג איבערטראָגען דעם צער פון זייערע ווייבער און קינדער אין די קאָנצענטראַציאָנס-לאַגערן, פערזאַמלען זיי אויף אַן'אַסיפה אין דאָרף פערעייניגונג („פערינעכען" הייסט עס אויף זייער לשון) און בעשליסען צו מאַכען שלום...

שלעכט איז אַ קריעג, שלעכט און מיאוס. אָבער די מענשען אין אַ קריעג זענען אַמאָל שענער ווי אין טאָג-טעגליכען לעבען.

דער גדוד

פופצעהן יאָהר צוריק, סוף חודש אויגוסט 1917, איז דערשינען אין דער ענגלישען רעגירונגס-בלאַט אַ קורצע נאָטיץ וועגען גרינדען אַ אידישען רעגימענט. די קורצע נאָטיץ האָט אָבגעקאָסט צוויי יאָהר ביטערען קאַמף; מעהרסטענס ביטערען קאַמף מיט אידען אַליין, נאָך ביטערער מיט דער אידישער יוגענד. וואָלט זי, די אידישע יוגענד, זיך אָבגערופען פון אָנהויב ווי ס׳געהערט צו זיין, ד. ה. קלאָר אויסגעדריקט אַ מאַסען-ווילען צו געהן דיענען אין אַ אידישער אַרמעע צו בעפרייען ארץ-ישראל, וואָלט די גאַנצע אָפּאָזיציע פון אידישע כלל-טוער אין ענגלאַנד (סיי אַסימילאַנטען, סיי אַנדערע) נישט געקאָנט שפּיעלען אַפילו קיין שאָטען פון אַ ראָליע. אַזאַ צייט איז דאָס געווען, אַז די רעגירונג האָט בעדאַרפט סאָלדאַטען פון איין זייט און פריינדליכע מאַסען-מאַניפעסטאַציעס לטובת די אַליאירטע פון אַנדער זייט, און מיט די שטימונגען פון אידישע כלל-טהוער האָט זי קיין צייט נישט געהאַט זיך צו פערנעהמען. בכלל איז זייער אָפּאָזיציע, ביי די אָנפיהרער פון דער לעגיאָן-באַוועגונג, געווען די לעצטע דאגה. די ערשטע און די איינציג-וויכטיגע דאגה איז געווען — די יוגענד. דער מאָמענט האָט איהר געטראָפען אונפאָרבערייטעט: דער געדאַנק פון קעמפען פאַר אַ לאַנד, פראָסט און פשוט ווי אַלע אַנדערע פעלקער, איז פאַר איהר געווען ניי און פרעמד און שווער אַראָבצושלינגען.

דאָס זאָג איך נישט צוליעב קריטיק — צו שפּעט היינט צו קריטיקירען אַ צושטאַנד פון כמעט אַ דור צוריק — היינט איז דאָס נישט מעהר ווי אַ שטיקעל היסטאָרישער אמת, אָבער פון אַ היסטאָרישען אמת מעג מען דאָך עפּעס לערנען. דערפאַר איז דאָס נוצליך פעסטצושטעלען: ווער איז אייגענטליך שולדיג אין דעם וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט „פערשלעפּט" די קריעגס-יאָהרען — אויב נישט חלי׳ה אינגאַנצען, איז ליידער

דאָך אַ גוטען העלפט פערשפּיעלט? — נישט די כּלל-טהוער, די אַסימילאַטאָ-
רישע אָדער די ציוניסטישע: נישט די ציישונגס-שרייבער, נישט די מגידים,
נישט די רבנים און נישט די טאַטעס און מאַמעס. אמת, די אַלע אויבענ-
דערמאַהנטע עלעמענטען האָבען זיך אין יענער צייט אַרויסגעוויזען קורצזיכ-
טיג, קליינשטעטעלדיג, פּאָליטיש-אונגעבילדעט; אַ לעבעדיגע יוגענד פערמאָגט
אָבער אַ לעבעדיגען אינסטינקט און אין אַ צייט פון אַ גרויסער ענטשיי-
דונג דאַרף זי נישט קיין עצות פון עלטערע לייט, כּדי זיך אַ רייס צו
טהון אין יענער ריכטונג, וואָס עס פאָדערט פון איהר די געשיכטע. במה
דברים אמורים? אויב עס איז טאַקע פאַרהאַן אַ לעבעדיגע יוגענד. ביי אונז
האָט דער מאָמענט פון גרויסער ענטשיידונג געפונען נאָר אַ מינדערהייט
פון לעבעדיגע יונגעלייט: אָט די מינדערהייט האָט געטהון אַלצדינג וואָס
איז נאָר געווען אין איהר מאַכט, אָבער פון אַ צעהנדליג טויזענד מענשען
קען מען נישט מאַכען קיין אַרמעע פון הונדערט טויזענד סאָלדאַטען. און די
גרויסע מעהרהייט אידישע יונגעלייט פון יענעם דור, יונגעלייט וואָס וואָל-
טען געקאָנט זיך אָברופען און האָבען זיך נישט אָבגערופען — זיי זענען
שולדיג, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט פערשפּיעלט און פערזוימט אַזאַ ביי-
שפּיעללאָזע שעת-הכּושר, ווי די יאָהרען צווישען 1914 און 1918.

דאָס איז, גלויב איך, אַ זעלטענער פאַל אין דער געשיכטע פון פעל-
קער. פערשפּיעלען און פערזוימען אַ וויכטיגען מאָמענט איז ביי זיי נישט
קיין זעלטענהייט, געוועהנליך אָבער, איז אין דעם שולדיג נ י ש ט זייער
יוגענד. להפך: געוועהנליך „רייסט זיך" די יוגענד צו געוואַגטע אויפטוע-
צען, נאָר דער עלטערער דור שטערט און לאָזט נישט און שרייט „שאַ":
און אפשר נישט נאָר די דורכפאַלען, נאָר אַמאָל אויך די נצחונות זייערע
שטאַמען פון אָט דעם שפּיעל פון געגענזאַץ — פון דעם, וואָס די יוגענד
בילדעט די שטויס-קראַפט און דער עלטערער דור „האַלט איין" און פּאַסט
אויף, אַז דאָס גערינג זאָל נישט ווערען צו ווילד. ביי אונז איז אָבער דער
געגענזאַץ נישט געווען. די יוגענד, אין איהר גרויסער מעהרהייט, האָט אויך
געפּרעדיגט דעם „שאַ".

ביי די אומות העולם, ווען זייער יוגענד איז דורכגעדרונגען מיט אַ
גייסט פון פּאַרבערייטונג צו אַ מלחמה, איז דאָס זעהר געפעהרליך און זעהר
שלעכט: עס קען טאַקע אַרויסרופען אַ מלחמה. עס איז אָבער נאַריש אָנ-
צווענדען די זעלבע מאָס אויף אונז אידען, אָדער אויף אונזער אידישער
יוגענד. די אָביעקטיווע לאַגע פון אידישען פאָלק מאַכט עס אָרגאַניש אונ-
מעגליך, אַז עמיצער זאָל ביי אונז „ווינשען" אַ קריעג; און נאָך וויכטיגער
איז דאָס, אַז אויב מיר וואָלטען אַפילו אַלע אינאיינעם „געוואונשען" דעם
קריעג, וואָלט דאָס אויך נישט געווירקט. מיר אידען קענען נישט פעראורזאַכען קיין מלחמה און נישט פּראָוואָצירען קיין מלחמה. דעריבער האָט ביי
אונז דער בעגריף פון „קריעגס-גרייטשאַפט" אַ גאַנץ אַנדערען זין: אַ נויטי-
גען זין, אַ נוצליכען זין, אַ הייליגען זין. ער הייסט: „אויב עס וועט טרע-
פען אַזאַ אונגליק, ווי אַ מלחמה, מוז אונזער יוגענד זיין גרייט אָבצוגעבען

דאָס לעבען אויף אַזאַ אופן און אין אַזאַ פאָרם, אַז עס זאָל אונז ברענגען נעהענטער צו אונזער נאַציאָנאַלען ציעל"

אָט די פסיכאָלאָגיע האָט געפעה׳ט ביי דעם רוב יוגענד פון 1914-1918. ווען זי וואָלט נישט געפעהלט, וואָלט זיך די געשיכטע פון יענע יאָהרען אָבגעשפיעלט אַנדערש. זייט מערץ 1915 — דעם מאָמענט, ווען עס האָט זיך געגרינדעט טרומפעלדאָרס „זייאָן מיול קאָרפוס" אין עגיפּטען — וואָלט ענטשטאַנען אַ מעכטיגע לעגיאָניסטישע בעוועגונג אין אַלע אַליאירטע לענדער און אין אַמעריקאַ. אַ מבול פון פאָדערונגען וואָלט זיך אויסגעגאָסן אויף אַלע ענגלישע קאָנסולאַטן: שאַפט אַ אידישען לעגיאָן פאַר ארץ ישראל און גיט אונז די מעגליכקייט זיך צו בעטייליגען אין איהם. די השפעה פון ציוניסטישע פערטרעטער, וואָס האָבען דעמאָלט געפיהרט די ערשטע פערהאַנדלונגען מיט ענגלאַנד, וואָלט דורך דעם צעהנפאַך פערשטאַרקט געוואָרען. קיטשענער׳ס קאַפּריזען — זיין געגנערשאַפט צו „פענסי רעגימענטען" — וואָלט בעזייטיגט געוואָרען אין איין וואָך: מ׳קרימט זיך ווענען אַ הייפעל „עקזאָטישע" סאָלדאַטען, וואָס פאָדערען אַ „פענסי" פאָהן, אָבער נישט ווענען צעהנדליגער באַטאַליאָנען. ביי דער צייט פון אָנפאַנג פון די אָפּעראַציעס אויפ׳ן ארץ ישראל פראָנט (זומער 1916), וואָלטען שוין פיעל אידישע באַטאַליאָנען געוועזן אויפ׳ן אָרט, און צו דעם ענטשיידענעם מאָמענט (הערבסט 1918) אפשר אַ דריטעל, און אפשר אַ העלפט פון דער גאַנצער אַלענבי׳ס אַרמעע וואָלט בעשטאַנען פון אידישע סאָלדאַטען. נאָך וויכטיגער: אידען וואָלטען געבילדעט דעם הויפּט-חלק פון יענעם גאַרניזאָן וואָס וואָלט געבליבען אין לאַנד נאָך דעם נצחון.

אָט דאָס אַלץ האָבען מיר פערשפּילט און פערזוימט — צוליעב אַ פסיכאָלאָגישען צושטאַנד פון דער אידישער יוגענד אין אַ געוויסען אָפּשניט פון אונזער געשיכטע. צוליעב דעם, וואָס אונזער יוגענד האָט נישט געהאַט קיין זעפלישע „קריעגס-בערייטקייט". דאָס איינציגע, וואָס זי האָט געוואוסט ווענען „קריעג", איז געוועזן די איבערצייגונג, אַז קריעג איז אַ שלעכטע און אַ מיאוס׳ע זאַך: אַ גאַנץ ריכטיגע איבערצייגונג אָבער אויך אַ נוצלאָזע, ווייל אונז אידען פרעגט מען נישט, איידער מ׳געהט מאַכען אַ מלחמה. ווענען דעם, אַז אַ קריעג איז שלעכט, איז ביי אונז אידען שוין לאַנג אָבגערעדט, נאָך פון ישעיה הנביא׳ס צייטען; פאַר גויים מעג דאָס זיין אַן „איבערצייגונג", פאַר אונז איז דאָס צוויי מאָל צוויי. מיר אידען, און בפרט די אידישע יוגענד, דאַרפען נעהמען אַ שטעלונג בנוגע צו אַ קריעג, וואָס געהט ווייטער ווי אָט דער צוויי-מאָל-צוויי: מיר בעדאַרפען אַ פעסטגעשטעלטען בעשלוס, אַז אויב עס ברעכט אויס אַ מלחמה צווישען אַזעלכע געביטען, וואָס בעריהרען אונזער נאַציאָנאַלע צוקונפט, זענען מיר גרייט צו ברענגען קרבנות און צו שטעלען בעדינגונגען.

קען זיין, אַז היינט איז שוין שפּעט ווענען דעם צו רעדען, אַז אַ צווייטע געלעגענהייט וועט שוין נישט קומען, אַלזאָ נישטאָ צוליעב וואָס צו קולטיווירען ביי אונז אפילו אָט דעם געמעסיגטען סאָרט „קריעגס-בערייטקייט"

נישט לאַנג צוריק, ביי אַ געשפּרעך וועגען אַט די דאָזיגע ענינים, האָט מיר אַ בעקאַנטער דערמאָהנט דעם אַלטען טאַטערישען אַנעקדאָט: אין שלאָף האָט זיך אַ טאַטער געַחלומ׳ט וועגען אַ שיסעל איינגעמאַכטס, האָט ער אָבער קיין לעפעל נעבען נישט געהאַט און האָט מיט׳ן איינגעמאַכטס גאָרנישט געקענט טהון, האָט ער דעם נעכסטען אָוונד, זיך לייגענדיג שלאָפען, גע-נומען אַ לעפעל אין בעט — אָבער דאָס איינגעמאַכטס איז צו איהם שוין מעהר נישט געקומען צו חלום.

אפשר — און אפשר דאָך? קיין נביאות טאָר מען נישט זאָגען: אָבער קיין נעגאַטיווע נביאות אויך נישט. ווען אַ פערנינפטיגער בעאָבאַכטער וויל זיך אָפּגעבען אַ חשבון, וואָס ער קען פאַר זיך ערווערבען פון דער און-מיטעלבאַרער צוקונפט, האַנדעלט ער נישט מיט קיין נביאות, נאָר מיט צוויי אַנדערע מינים סחורה: 1) פאַקטען, 2) וואַהרשיינליכקייטען. „פּאָליטיק איז אַ קונסט פון וואַהרשיינליכקייטען״, האָט אַ גרויסער שטאַאטסמאַן אַמאָל געזאָגט. מ׳קאָן נישט פאָדערען פון קיין שטאַאטסמאַן, ער זאָל זיין „זיכער״, וואָס ס׳וועט פּאַרקומען מאָרגען צי איבעראַיאָהר. נאָר איינס קען מען פון פון איהם פערלאַנגען: ער זאָל שטודירען די בעשטעהענדע פאַקטען, די זאַכלאַגע ווי זי איז, ער זאָל געדענקען וועלכע רעזולטאַטען זענען אַרויסגע-קומען פון אַזאַ מין זאַכלאַגע ביי פריהערע געלעגענהייטען; די „וואַהרשיינ-ליכקייט״ איז, אַז מעהר צו ווייניגער עהנליכע רעזולטאַטען וועלען פאָלגען אויך דאָס מאָל, און צו אַט דער וואַהרשיינליכקייט זאָל ער זיך צוגרייטען, זיך און די מדינה.

די „זאַכלאַגע״ אין יעדען איינעם בעקאַנט. דאָס גאַנצע געביט פון „מזרח״ געפינט זיך אין אַ צושטאַנד פון אויפרעגונג און איבערגאַנג. עס האָבען זיך דאָרט צוזאַמענגעמישט אַ רייע פערשידענע פּראָצעסען: אַ פּראָ-צעס פון „השכלה״, פון זוכען פטור צו ווערען פון די מיטעלאַלטערליכע פאָרמען פון געזעלשאַפטליכען לעבען, פון פערקלענערען דעם איינפלוס פון עולם-הבא אויף עולם-הזה; דאָס פיהלט זיך אַמשטאַרקסטען אין דער טער-קיי, אָבער אין פערשידענע שוואַכערע גראַדוסען פיהלט זיך דאָס אומעטום. פאַראַלעל מיט דעם געהט אַ פערזוך אויפצופרישען דוקא אַ רעליגיעזע בעוועגונג — דעם פּאַן-איסלאַמיזם. אין דער זעלבער צייט זעהען מיר דאָרט שאַרפע נאַציאָנאַליסטישע שטרעבונגען. די גרונדלאַגע פון די אַלע ערשיי-נונגען איז אָבער שטענדיג און אומעטום איינע: דער מזרח וויל זיך בע-פרייען פון אייראָפּעאישער הערשאַפט. קודם-כל איז דאָס אַן אָנשטרענגונג צו פערטרייבען אי ענגלאַנד, אי פראַנקרייך, אי איטאַליע, אי האָלאַנד, פון אַלע עקען אַזיען און אַפריקע. אין אַט דעם זין מעג מען זאָגען, אַז עס שטעהען דאָרטען איינער געגען דעם אַנדערען צוויי גרויסע מחנות: דער אָריענט אויף איין זייט, אייראָפּא אויף דער צווייטער. אַזוי פשוט איז דאָס אָבער נישט. ווייל די מחנות זענען דערווייל נישט פעראייניגט ביי זיך. דער „אָריענט״ איז איצוועניג צוריסען דורך דער ווילדער שנאה צווישען זיינע צוויי שטאַרקסטע עלעמענטען: די 200 מיליאָנען הינדוסען און די 70

מיליאָנען מוסולמענער אין אינדיען. אין די לענדער פון דער אַראַבישער שפּראַך איז אויך פאַרהאַן אַ טיפע שפּאַלטונג, צווישן איבן-סאוד'ן פון איין זייט, פייזאַל און אַבדוללא פון דער צווייטער, און עגיפּטען פון דער דריטער. אין דער אייראָפּעאישער מחנה זעהט עס דערוויל אויך נישט גאַנץ איינהייטליך אויס — ס'איז דאָ דער איינדרוק, אַז יעדער פון די פּראָגרעסירטע שטאַטען וואָלט גאָר נישט געווען אַזוי פּערזאָרגט, אויב מ'וואָלט די אַנדערע מלוכות פערטריבען פון אַזיען צי פון אַפריקאַ — כל-זמן ער אַליין קען בלייבען און אפשר איבערנעהמען די ירושה.

ביז איצט איז דאָס שטענדיג געווען ווי אַ מין געזעץ: אַזאַ סאָרט „זאַכלאַגע" האָט זיך תמיד און אומעטום אויסגעלאָזט אין אַ מלחמה. נישט דוקא אַ נייע אייראָפּעאישע מלחמה (וואָלט איך זיך דערוואַגען אַרויסצוזאָגען אַ „נביאות", וואָלט דאָס זיין די איבערצייגונג, אַז קיין גרויסער מיטעל-אייראָפּעאישע מלחמה אין אונזערע טעג וועט נישט זיין); אָבער אַ קריעג אַרום די מזרח-לענדער — דאָס איז מעהר ווי וואַהרשיינליך. מ'קען זיין נישט זיכער, ווען און וואו עס וועט אויסברעכען: צווישען וועמען און וועמען; וועלכע לענדער ס'וועלען זיך אין איהם בעטייליגען, און מיט וועמענס נצחון ס'וועט זיך ענדיגען. אָבער, אַז עס שמעקט דאָרטען מיט פּולווער, וואָלט זיין קינדיש אָבצולייקענען. נאַטירליך הייסט דאָס נאָך נישט, אַז דער קריעג אין מזרח וועט „זיכער" קומען. „זיכער" איז אין פּאָליטיק נישטאָ. עס זענען נאָר דאָ „וואַהרשיינליכקייטען". די מלחמה אַרום דעם מזרח איז איינע פון די בולט'סטע וואַהרשיינליכקייטען פון היינטיגען היסטאָרישען מאָמענט. פערשטעהט זיך, דער אויבערשטער בלייבט דער בעל-הבית פון זיין וועלט. ער קען צייגען אַ נס, און עס וועט נישט זיין קיין מלחמה אַרום מזרח; אָבער נאָר דורך אַ נס קען דאָס פערמיטען ווערען, — און אויף נסים בויט מען נישט קיין פּאָליטישע שטעלונג-נאַהמע און אויך נישט קיין יוגענד-ערציהונג.

דער אַנעקדאָט וועגען יענעם טאַטער איז זעהר קאָמיש, אָבער צום יענין פּאַסט ער נישט. דאָס איינגעמאַכטס האָט ער נאָר געזעהן אין חלום און עס איז נישטאָ קיין „וואַהרשיינליכקייט", אַז אַ חלום זאָל זיך איבערחזר'ן. מיט אונז איז געווען אַנדערש. נישט איינגעמאַכטס, נאָך אַ שטורעם מיט רעגען און דונער און בליץ; און נישט אין אַ טרוים, נאָר אין דער ווירקליכקייט. און אַ שטורעם איז אַ זאַך, וואָס קען זיך יאָ איבער'חזר'ן; בשעת מ'זעהט שוואַרצע כמאַרעס אויפ'ן האָריזאָנט, איז דאָס אַפילו זעהר און זעהר „וואַהרשיינליך". אָנצוגרייטען די לעפעל — איז אַ גאַנץ פערנינפטיגער געדאַנק. איך בעשטעה נישט אויף דעם, עס זאָל זיין דוקא אַ לעפעל. עס מעגען זיין אַנדערע אינסטרומענטען, אָדער אפילו נישט קיין אינסטרומענטען נאָר אַ געוויסע פּסיכאָלאָגיע פון בערייטשאַפט. דאָס זענען נאָר פּרטים; דער עיקר איז — אָנצוגרייטען.

אָט אין דעם בעשטעהט דער זין פון דעם יום-טוב פון ערשטען אידישען גדוד.



זאב זשאבאטינסקי אין דער יוגנט



זאב זשאבאטינסקי אייניקע שעה פארן טויט



די לויה פון זאב זשאבאטינסקי

קלאסען־פראגען

ביחס צו ריין־סאָציאַלע פּראָבלעמען, שטעהט די אידענשטאַאַט־בעוועגונג אונטער אַ שטענדיגען דרוק פון — זייט מוחל דעם אויסדרוק — פון פריינדליכער פּראָוואָקאַציע. דאָ איז נישט די רייד וועגען געגנערישע אָנפאַלען, מיט וועלכע מ׳רעכענט זיך נישט: דאָ האַנדלעט זיך טאַקע וועגען דרוק פון פריינדליכער זייט, אָדער בעסער געזאָגט — צוויי פריינדליכע זייטען. מיר האָבען פיעל סימפּאַטיקער אי צווישען אַרבייטער, אי צווישען די אונטערנעהמער; פון ביידע צדדים הערען מיר אָפט די פאָדערונג „צו פערנעהמען אַ קלאָהרע שטעלונג פאַר צי געגען די קבוצות", אָדער פאַר צי געגען אַלערליי מאָמענטען פון דער קלאַסען־דיסקוסיע.

איך האָף, אַז די בעוועגונג וועט אין זיך געפינען דעם גייסטיגען כוח אָבצוּוואַרפען די פריינדליכע פּראָוואָקאַציעס. להפך: מיט איהר געוועהנליכער „קלאָרקייט" זאָל זי ערקלערען: אין דעם פּראָצעס פון אויפבוי פון דער אידישער מדינה, און אַזוי לאַנג ווי דער פּראָצעס וועט געדויערען, לייקענען מיר אָב יעדען ציוניסטישען ווערט פון וואָס נישט איז אַ קלאַסען־שטאַנדפּונקט, גאַנץ גלייך צי אַ פּראָלעטאַרישען צי אַ בורזשואַזען. די אידענשטאַאַט־בעוועגונג וועט זיך מיט די קלאַסען־שטאַנדפּונקטען פּשוט נישט רעכענען, איינמאָל אויף אַלעמאָל געזאָגט. עס איז קיינעם נישט פערבאָטען צו האָבען, אין די טיפענישען פון זיין נשמה, אַחוץ דעם ציוניסטישען אידעאַל, נאָך אַלערליי אָנשויאונגען, איבערצייגונגען, אָדער אַפילו סוב־אידעאַלען: דאָס איז זיין פּריוואַטער עסק. אָבער קיין בירגער־רעכט אין אונזער הערצליאַנישער וועלט־אָנשויאונג וועלען מיר קיין שום אַנדערען „אידעאַל" נישט ערטיילען, אַחוץ דעם איינציגען: אידישע מערהייט אויף ביידע זייטען ירדן;

עס וואָלט זיין אַ גראָבע אומגערעכטיגקייט, אויב מ׳וואָלט אין אָט דער ערקלערונג וועלען דערזעהן עפּעס אַ ציניש בעציהונג צו סאָציאַלע

פּראָבלעמען בכלל. אַלס מענשען זענען מיר אַלע איבערצייגט, אַז דער הײנ־טיגער צושטאַנד פון דער געזעלשאַפט איז שלעכט און גרויזאַם, און מוז פערענדערט ווערען; און אַלס אידען געדענקען מיר, אַז דער קאַמף פאַר אַ בעסערע סאָציאַלער אָרדנונג איז שטענדיג געווען איינע פון די שענסטע טראַדיציעס פון אידישען געדאַנק און געוויסען, אָנפאַנגענדיג מיט משה רבנו און ביז אין די לעצטע יאָהרצענטען. פיעלע פון אונז גלויבען, אַז אין דער צוקונפט וועט דוקא ארץ ישראל ווערען יענע „לאַבאָראַטאָריע", וואו עס וועט ענדליך ענטדעקט און דורכגעפיהרט ווערען דער ריכטיגער רעצעפּט פאַר סאָציאַלער גאולה פון דער גאַנצער מענשהייט. איידער אָבער מ'פּענט־דעקט רעצעפּטען, מוז מען אויסבויען די לאַבאָראַטאָריע.

דאָס איז נישט קיין פּוסטע מליצה — אַט דאָס וואָרט וועגען „לאַבאָ־ראַטאָריע". פיעל פעלקער האָבען בייגעטראָגען גייסטיגע אוצרות כדי צו שאַפען יענעם רייכטום פון געדאַנקען און שטרעבונגען, וואָס רופט זיך די גייסטיגע קולטור פון דער געזאַמטער וועלט — פיעל פעלקער, אַלטע און נייע: אָבער נישטאָ צווישען זיי קיין איינציג פאָלק, וואָס זיין בייטראַג זאָל זיין אַזוי רייך ווי אונזער, דוקא אין אַט דעם געביעט פון קולטור — „תקונו של עולם", סאָציאַלע פערבעסערונג. צווישען אַלע ראַסען אויף דער וועלט, זענען מיר דער הויפּט „ספּעציאַליסט" פון אַט דעם הייליגען פאַך; אָבער, דורך אַ ביטערען שפּאַס פון דער געשיכטע, איז פון אַלע פעלקער דוקא דער „ספּעציאַליסט" פאַר סאָציאַלען איבערבוי געבליבען אָהן אַ לאַנד, אָהן אַן אייגענעם סאָציאַלען אָרגאַניזם אויף צו איבערבויען און ווידער איבער־בויען לויט זיין אייגענעם בענקעניש און זוכעניש. די אידישע נטיה צו סאָציאַלער רעפאָרם קען זיך נאָר אויסדריקען אין דעם, אַז אונזערע גע־דאַנקען מוזען מיר פערשפּרייטען צווישען אַנדערע פעלקער: לערנען זיי מיט עצות און מיט דרשות. נישט, ווי אַלע אַנדערע אומות, מיט'ן ביישפּיעל, וועלכער איז דער איינציג ריכטיגער און דער איינציג תכלית'דיגער וועג צו לערנען אַ וועלט אַ נייעם אמת. אַט זעהען מיר אין רוסלאַנד, וואָס עס ווערט פון אַ אידישען געדאַנק, ווען מ'גיט איהם איבער צו פערווירקליכען אין גוישע הענד... עס וועט נישט קומען קיין סאָציאַלע גאולה, כל־זמן דער ספּעציאַליסט האָט נישט קיין אייגענע לאַבאָראַטאָריע. די, וואָס בויען איהם די לאַבאָראַטאָריע, דערווייזען אפשר נאָך אַ גרעסערען דיענסט דער מענשהייט ווי זייער פאָלק; און אַפילו פערגעסענדיג אויף אַ מינוט אַלע אידישע נאַציאָנאַלע אינטערעסען, רעדענדיג אַפילו נאָר פון שטאַנדפּונקט מענשהייט און וועלט־פערבעסערונג, — איז אפשר ווערט מקריב צו זיין אַ פּאָר דורות יוגענד, וואָס זאָלען פערמאַכען די אויגען אויף אַלצדינג אַרום און אַרום און קאָנצענטרירען זיך נאָר אויף'ן אויפבוי פון יענער לאַ־באָראַטאָריע, וואָס פון איהר און נאָר פון איהר וועט קומען דער מענש־הייט'ס גאולה. עס איז אַ בעסערער קעמפער פאַר וועלט־גאולה דער איד וואָס בויט די אידישע מדינה, ווי דער איד וואָס „העלפט" (און אפשר גאָר

„שטערט״?) אַנדערע פעלקער צו פערלאַטעווען זייערע אייגענע סאָציאַלע לעכער.

ווען מ׳בויט אַזאַ מקדש, בויט מען איהם מיט קרבנות; און מ׳צעהלט נישט די קרבנות, און מ׳וויינט נישט און מ׳מאַכט נישט קיין ליאַרם וועגען די קרבנות. אַלע מינים קרבנות מוזען דאָס זיין: אונצעהליגע מענשען מוזען דערביי פערליערען זייער פערמעגען, זייער פערזענליכען געזונט, זייער געזונד און זייער לעבען, ווילסט נישט? געה נישט. געהסטו אָבער יאָ, דאַן מאַך נישט קיין טראַגעדיע פון דעם, אַז מ׳מוז אַלצדינג מקריב זיין: אויך עם קלאַסען-אינטערעס אויך.

* *

*

אינמיטען דעם פראָצעס פון בויען די אידישע מדינה, איז פאַר אונז אַ קאַפּיטאַליסט נישט קיין קאַפּיטאַליסט און דער אַרבייטער נישט קיין אַרבייטער. אי דער ערשטער אי דער צווייטער זענען נישט מעהר ווי שטיקלעך בוי-מאַטעריאַל פאַר׳ן בנין. זייערע אינטערעסען, פערזענליכע צי קלאַסאָווע, זייער גליק צי זייערע צרות, זייערע מפּלות צי זייערע ערפאָלגען אינטערעסירען דעם ציוניסטישען מרכז פון אונזערע נשמות נאָר אויף אַזוי פיעל, וויפיעל עס קען שטאַרקען אָדער שוואַכען דעם פראָצעס פון אָנזאַמלען אַ אידישע מעהרהייט אין ארץ-ישראל. אַלע מענשליכע שטרעבונגען, אינדיווידועלע. אָדער קאָלעקטיווע, סאָציאַלע, קולטורעלע, רעליגיעזע און אַזוי ווייטער אָהן אַ שיעור, — אַלע אונטערוואַרפען מיר אונטער דעם אייפערזיכטיגען פרימאט פון „שטאַאטס-געדאַנק, און מיר ווייסען נישט פון קיין אַנדערע אימפעראַטיווען – ריכטיג צו זאָגען, אַפילו נישט וועגען קיין אַנדערע סימפאַטיעס.

און פון דאַנען פליסען אויס עטליכע אַקסיאָמען:

ערשטענס: צו שאַפען אַ מעהרהייט דאַרף מען גרויסע צאָהלען מענשען, און גרויסע צאָהלען געפינט מען ביי די אָרימעלייט. אַ מאַסע ווערט נישט געבילדעט פון אַרבייטס-געבער — נאָר פון אַרבייטס-נעהמער. דעריבער זענען „אידישע מעהרהייט״ און „אידישע אַרבייט״ — סינאָנימען.

צווייטענס: יעדער מענש מיט קאַפּיטאַל, וואָס גרינדעט אין ארץ-ישראל זיין פריוואַט-אונטערנעהמונג אויף אַ באַזיס פון אידישע אַרבייט, שאַפט אַ נייער פאָזיציע צום אָנוואַקסען פון אידישער מעהרהייט. דעריבער איז די צוציהונג פון אידישען פריוואַט-קאַפּיטאַל קיין ארץ-ישראל (מיט דער בעדינגונג פון אידישער אַרבייט) פונקט אַזוי „הייליג״ ווי דער פרינציפּ פון אידישער אַרבייט: דאָס זענען אויך סינאָנימען.

דריטענס: אויב די מאַטעריעלע אָדער די גייסטיגע לעבענס-בעדינגונגען פון אידישען אַרבייטער וועלען זינקען אונטער אַ בעשטימטען מינימום,

וועט דער אידישער אַרבייטער פערשווינדען. און פונקט אַזוי, אויב די רענ־טאַביליטעט פון פריוואַטע אונטערנעהמונגען וועט זינקען אונטער אַ געוויסען מינימום, וועלען יענע אונטערנעהמונגען פערשווינדען, דער קאַפּיטאַל וועט אויסמיידען צו קומען קיין ארץ־ישראל, און עס וועט קלענער ווערען די צאָהל פּאָזיציעס פאַר אידישער אַרבייט. דעריבער איז „הייליג" אָבצוהיטען די בעדינגונגען פון אַרבייט, און עס איז „הייליג" אָבצוהיטען די רענטאַ־ביליטעט פון פריוואַט־קאַפּיטאַל. ווידער סינאָנימען.

פּערטענס: אַז מיר זעהען אַ אידישע קאָלאָניע, איז דאָס פאַר אונז ביז אין־סוף גלייכגילטיג צי דאָס איז אַ „קבוצה" אָדער אַ „מושב עובדים", אָדער גלאַט אַ „מושבה". מיר פרעגען נאָר איינס: וויפיעל אידען זענען דאָ — און וואָס קען מען טהון, כדי צו פערגרעסערן די צאָהל? — דאָס זעלבע וועגען אַ פאַבריק צי אַ קלייט: צי אַ פריוואַטע, צי אַ קאָאָפּעראַ־טיווע, איז אונז אַלץ איינס: אונז אינטערעסירט נאָר די צאָהל אידישע אַר־בייטער און די פעסטקייט פון געשעפט.

דעריבער, פינפטענס, בעציהען מיר זיך מיט אַבסאָלוט גלייכען סבר־פנים צו דער גרינדונג אי פון קאָאָפּעראַטיווע, אי פון קאָמוניסטישע, אי פון פריוואַט־קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט־פאָרמען אין שטאָדט און דאָרף. מיר וועלען נישט פאָלגען די פערביסענע געגנער פון „קבוצה": כל זמן עס געפינען זיך מענשען, וואָס נאָר אין אַזאַ פאָרם קענען זיי אויסלעבען זייער ענטוזיאַזם אין לאַנדווירטשאַפט, דאַרף מען זיי אויסנוצען צו אידישער מעהר־הייט אַזוי ווי עס פּאַסט זיי, און אויך אונטערשטיצען זיי מיט קרעדיט: מיט דעמזעלבען געזונדען און אָהנברחמנות׳דיגען קרעדיט, מיט וועלכען מ׳דאַרף אונטערשטיצען דעם פריוואַט־קאָלאָניסט כל־זמן ער אַרבייט אַליין אָדער דינגט אידישע אַרבייטער; און אויסלאַכען זיך איבער זייערע וויכוחים וועגען דעם, וועלכע פאָרם בעזעצען זיך איז „בעסער".

* *

*

מ׳מוז פאָרזעהען, אַז אין פערלויף פון אויפבוי־פּראָצעס וועט נישט זעלטען פון צייט צו צייט ענטשטעהען די פראַגע אי וועגען העכערען, אי וועגען פערמינדערען דעם אַרבייטס־לוין אין פריוואַטע אונטערנעהמונגען. דאָס ערשטע וועלען מיר אַלע בעגריסען: הלוואי. דאָס צווייטע וועלען מיר בע־דויערן — און, ווען עס וועט זיין נויטווענדיג פאַר׳ן שטאַאַטס־אויפבוי, מיט בעדויערן אונטערשטיצען.

דער אַרבייטס־לוין איז נישט קיין קדושה, כל־זמן עס שטעהט אַנט־קעגען איהם די איינציגע ריכטיגע קדושה — דער אינטערעס פון ציוניזם, דאָס אָנוואַקסען פון אידישער בעפעלקערונג, ד. ה. אַלזאָ אויך די מעג־ליכקייט פון צוציהען קיין ארץ־ישראל פריוואַט־קאַפּיטאַל און שאַפען פאַ־

זיציעס פאר אידישער אַרבייט. עס האָט גאָרנישט צו טהון מיט דער פראַגע וועגען דיזן „וואָרט" פון אידישען אַרבייטער. פאַר'ן אָנפאַנג פון קריזיס פלעגט אַ אידישער אַרבייטער אין א"י בעקומען 35 פּיאַסטער אַ טאָג, און זעהר פיעל אַרבייטסגעבער האָבען געהאַלטען, אַז ער איז דאָס ווערט, אפשר נאָך מעהר ווערט לגבי זיין פּראָדוקטיווען נוצען, וועניגסטענס אין דער אינדוסטריע. עס איז אָבער גאַנץ מעגליך, אַז אויך אָבגעזעהען פון אַלע מינים „קיצורים", וועלען אין לאַנד ענטשטעהען אָביעקטיווע בעדינגונגען, וואָס וועלען פאָדערן אַ נידעריגערען טאַריף. עס מוז אונפערמיידליך קומען אַ טאָג, ווען די אַראַבער וועלען אויך אָנפאַנגען גרינדען פונקט אַזעלכע פאַבריקען, ווי ביי אונז, מיט פונקט אַזעלכע מאַשינען, מיט אויסלענדישע אינזשעניערען — אָבער מיט אַראַבישע אַרבייטער, וועלכע קאָנען זיך בעגנוגענען אַפילו מיט 15–12 פּיאַסטער אַ טאָג. ווען דאָס געשעהען, וועט די אידישע אינדוסטריע נישט קענען אויסהאַלטען אַזאַ קאָנקורענץ.

אין די קרייזען פון אידישער אַרבייטערשאַפט טרוימט מען אויסצומיידען די דאָזיגע סכנה דורך געזעצגעבונג: די רעגירונג זאָל איינפיהרען דעם מינימום פון לוין, און דוקא אַ הויכען מינימום, דעם „אידישען" מינימום, וואָס דער אונטערנעהמער זאָל געצוואונגען זיין צו צאָהלען אויך זיינע אַראַבישע אַרבייטער. עס זיינען אָבער פאַרהאַן געוויסע ספקות, צי אַזאַ שיטה קאָן פערווירקליכט ווערען — און צי עס וואָלט זיין אַ גוטע און נוצליכע שיטה. וואו האָט מען געזעהען, אַז מ'זאָל פעסטזעצען פאַר אַ גרופּע מענשען אַזאַ „מינימום", וואָס איז צוויי ביז דריי מאָל העכער פון זייערע אמת'ע בעדערפנישען. אויב מ'וואָלט אַפילו אַרויסגעגעבען אַזאַ געזעץ, וואָלט דאָס לעבען אַליין איהם צונישט געמאַכט — טאַקי מיט דער הילף פון די אַראַבישע אַרבייטער אַליין. פון דער אַנדערער זייט אָבער, אויב דער אַראַבער וואָלט אפילו בעקומען די 35 פּיאַסטער אַ טאָג, וואָלטען זיינע בעדערפנישען דאָך בלייבען די זעלבע ווי אַצינד: וואָרום דאָס אָנוואַקסען פון בעדערפנישען איז אַ פראַגע פון צייט, פון לאַנגזאַמער קולטורעלער ענטוויקלונג. דער רעזולטאַט וואָלט זיין — אַז די אַראַבישע אַרבייטער וואָלטען אָנזאַמלען היבשע אָבשפּאָרונגען, בשעת די אידישע אַרבייטער וואָלטען מוזען אויסגעבען זייער שכר אינגאַנצען אויף לעבענס-הוצאות ווי היינט. עס איז מעהר ווי צווייפעלהאַפט, צי דאָס וואָלט זיין גוט פאַר אונזער נאַציאָנאַלער עקאָנאָמיק; אויף יעדען פאַל, אַז אידען זאָלען נאָך קעמפען פאַר אַזאַ פּערספּעקטיוו — דאָס איז אַביסעלע עהנליך צו זעלבסטמאָרד-פּאָליטיק...

אָבער ווי ס'זאָל נישט זיין, איז דער גאַנצער פּלאַן פון „פּראָמאָווירען" דעם פעללאַך צו אַן אייראָפּעער פשוט דורך אַ דעקרעט פון נציב-העליון דערווייל אַ פאַנטאַסטישער; און די איינציגע רעאַלע לעזונג, אין דעם אויבען-דערמאָהנטען פאַל, וואָלט זיין אין דער ריכטונג פון פערקלענערען דעם לוין פון אידישען אַרבייטער (ווי עס איז טאַקי פאַקטיש געשעהן אין דער צייט פון קריזיס). אַזאַ שריט איז העכסט בעדויערליך; ער איז אָבער פיעל ווייניגער בעדויערליך, ווי זיין אַלטערנאַטיווע — ד. ה.

דער חורבן פון אידישע אונטערנעהמונגען, אונטערן דרוק פון וואלוטע־קאנקורענץ. אויס פאבריק, אויס ארבייטער און אויס אידישע איינוואנדערונג.

נאטירליך, דא וועט מוזען קומען צו הילף דאס אידישע פאלק מיט זיינע פאנדען. שוין לאנג פאדערט דאס רעוויזיאניסטישע פראגראם, אז די ציוניסטישע פאנדען זאלען אויפהערען צו פערטיילען סובסידיעס, און ו. גע־דען זיך, אנשטאט דעם, צו יענער פארם ארבייט, וואס הערצל האט זי בא־שריבען מיט דעם בעריהמטען ווארט: „שאפען בעדינגונגען". וואל־ווערע וואוינהייזער מוזען געבויט ווערען אויף נאציאנאלע מיטלען, צוזאמען מיט אנדערע אנשטאלטען, וואס קענען פערביליגען דעם ארבייטערס עגזיס־טענץ — און אין דערזעלבער צייט פערביליגען אויך די הוצאות פון אידי־שער פראדוקציע:ביידע ציעלען זענען אין גלייכער מאס „הייליג" פון ציוניסטישען שטאנדפונקט.

דער עיקר אבער איז דער פרינציפ, אז אלע אזעלכע ענדערונגען זאלען געשעהן דורך „בוררות" (ארביטראזש), קיינמאל אבער נישט דורך די צוויי מעטאדען פון קלאסען־קאמף — דורך שטרייק פון איין זייט און לאָ־קאאוט פון דער אנדער זייט. און די „בוררות" טאר נישט זיין קיין זאך פון פריוואטען אבמאך צווישען ארבייטער און ארבייטסגעבער: ווען ביידע צדדים ווילען דאס, קלויבען זיי א בורר, ווילען זיי אבער נישט, דאן פיהרט מען קלאסענקאמף. אונזער בעגריף פון ארביטראזש איז „נאציאנאלע בוררות". עס מוז זיין א שטענדיגע אינסטיטוציע, אויסגעוועהלט דורך די העכסטע אינסטאנצען פון אידישען פאלק — אפשר פון דער אספת הנבחרים, אפשר פון דער גאנצער ציון־בעוועגונג, אפשר פון ביידע. ווענדען זיך צו דער נאציאנאלער בוררות מוז פראקלאמירט ווערען פאר א חוב, אלע פאר־מען פון קלאסענקאמף פאר א נאציאנאלען פערראט; און אלע מיטלען פון געזעלשאפטליכען דרוק, ביז אפילו צו דעם שווערסטען עקאנאמישען באיקאט, זאלען אנגעווענדעט ווערען געגען יענע, וואס וועלען אבלייקענען די בוררות אדער נישט אננעהמען איהר בעשלוס — אי געגען דעם ארבייטסגעבער, וואס מאכט א לאקאאוט, אי געגען ארבייטער, וואס מאכען א שטרייק.

און די ארגאנען פון נאציאנאלער בוררות, בשעת זיי אורטיילען וועגען דעם, וועלכע ארבייטס־בעדינגונגען דארפען הערשען אויף א בעשטימ־טער אונטערנעהמונג, אין א בעשטימטער צייט און אין א בעשטימטען ארט, וועלען זיך מוזען צוהערען קודם כל צו אייך־אינטערעס: צו דעם אינטערעס פון שטאאטס־אויפבוי. אויב די רענטאביליטעט איז אן אוננארמאל הויכע, וועט זי בעפעהלען צו שניידען דעם קאפיטאלס דיווידענדען; אויב די רענ־טאביליטעט איז צו נידעריג, און עס ענטשטעהט א סכנה, אז די אונטערנעה־מונג וועט זיך מוזען שליסען, וועט זי בעפעהלען צו שניידען דעם ארביי־טער־לוין. אי דאס, אי יענץ נישט צוליעב דעם ארבייטער און נישט צו־ליעב דעם ארבייטסגעבער: ביידע זענען נישט מעהר ווי אינסטרומענטען, זייער קלאסען־אינטערעס קומט גאר נישט אין בעטראכט, עס קומט נאר

איינס אין בעסטראַכט: די ענטוויקלונג פון אידישער קאָלאָניזאַציע, מעהר פּלאַץ פאַר אידישע איינוואַנדערער, די אידישע מעהרהייט.

* *

*

דאָס אַלץ איז גאָר נישט קיין פערזוך צו לעזען אונזער קלאַסען-פּראָבלעם נישט אין איהר גאַנצקייט, און נישט אין איהר האַלבען אומפאַנג, און נישט אין איין פּראָצענט פון אומפאַנג. עס האָט בכלל נישט קיין שייכות צו „לעזען" סאָציאַלע פּראָבלעמען. זיי וועט מען לעזען אין דער לאַבאָראַטאָריע פון אידענשטאַאַט, נאָכדעם ווי זי וועט אויסגעבויט און איינגעריכטעט ווערען. איצט געהט די בוי-אַרבעט: זי געהט אָן אין אַ צייט פון שלעכטער סאָציאַלער אָרדנונג, אין דער אַטמאָספערע פון דער שלעכטער סאָציאַלער אָרדנונג, און מיט יענע מעטאָדען און יענע אינסטרומענטען וועלכע זענען די איינציג מעגליכע אין אַזאַ צייט און אַזאַ אַטמאָספערע.

און עס איז אויך אַ טעות צו דענקען, אַז מיר האָפען צו „פערטרייבען" פון ארץ־ישראל דעם גייסט פון קלאַסען-געפיהל און אפילו דעם גייסט פון קלאַסען-אַנטאַגאָניזם. דער אַרבייטער און דער אַרבייטסגעבער וועלען איינמאָל נישט ווערען פריעדליך צו אייגאַנדער, ווי צוויי שעפסעלעך אויף אַ ווײַדע גראָז. נאָך מעהר: יעדע פון די ביידע גרופען וועט מסתמא שטענדיג מיינען און פּראָקלאַמירען, אַז זי, דוקא זי און נישט די צווייטע, איז „די זאַלץ פון דער ערד" און דער יסוד פון וועלט-עקאָנאָמיק.

דאָס אַלץ איז אָבער זייער עסק, נישט אונזער. אונזער עסק איז אויפצופּאַסען, אַז אָט די אַלע קלאַסען-געפיהלען פון שטאָלץ אָדער אַנטאַגאָניזם אָדער ענטוזיאַזם זאָלען חלילה נישט שטערען דעם וואוקס פון אידישער מעהרהייט אין ארץ-ישראל. עס איז נישט קיין אויפגאַבע פון שטאַאַטס-ציוניזם — צו „ליקווידירען" קלאַסען-געפיהלען: די אויפגאַבע איז זיי צו „סטעריליזירען" — פערוואַנדלען זיי אין מאַכטלאָזע שטימונגען, וואָס זענען נישט אימשטאַנד צו בעאיינפלוסען די עקאָנאָמישע ווירקליכקייט פון א"י, כל זמן עס האָט זיך נישט פערענדיגט דער פּראַצעס פון בויען די אידישע מעהרהייט.

„שעטן לא יעלה עליך"...

א.

וואָס איז אונדז „ברית תרומפלדור?" און וואָס בעשטעהט דער מה־נשתנה צווישען אים דער בעוועגונג און אַנדערע יוגענד־פראַקציעס אין ציוניזם?

איך האָב גאָרנישט בדעה צו זאָגען שלעכטס וועגען די אַנדערע יוגענד־גרופּען. להפך, זיי האָבען גרויסע פערדינסטען; אָבער די וועגען זייערע האַלט איך נישט פאַר קיין ריכטיגע; און דעריבער האָף איך, אַז זיי וועלען שטופענווייז פערשווינדען, און „ברית טרומפּעלדאָר" — נאָכדעם ווי ער וועט זיך פערפולקאָמען אין אַלע זיינע וועגען — וועט פערנעהמען זייער אָרט.

דער מה־נשתנה צווישען זיי און איהם בעשטעהט אין דריי פונקטען.

ערשטענס, וויל „ברית תרומפלדור" ערציהען אַ הערצליאַנישע יוגענד. עס איז שוין אומעטום אָנערקענט, אַז דער ציוניזם איז אין די לעצטע יאָהרען „פערוואַסערט" געוואָרען: פון דעם יודען־שטאַאט־געדאַנק, פון אַ שטרעבונג צו ראַטעווען איין מאָל פאַר אַלע מאָל מיליאָנען ליידענדע אידען און מאַכען פון זיי אַ מדינה, ווי אַלע מדינות, צו לעזען דאָס פראָבלעם פון „יודענגויט" אין זיין גאַנצער גאַנצקייט, — איז געוואָרען אַ שטרעבונג צו געבען אַ קליינע אויסוואַהל די מעגליכקייט צו געניסען דעם קלימאַט פון ארץ־ישראל און רעדען העברעאיש. אַט די שיטערע אויפפאַסונג פון ציוניזם האָט זיך איינגעבירגערט אין די וויכטיגסטע פון אונזערע יוגענד־אָרגאַניזאַציעס. מען פרעדיגט ביי זיי אַ פערקרומטען און אונריכטיגען אחד־העמיזם (אַחד העם האָט זיך אַליין ביטער בעקלאָגט, פאַר מיר און פאַר אַנדערע, אַז מען האָט זיין תורה פערקרומט, ווייל ער אַליין איז שטענדיג געווען פאַר שאַפען אַ אידישע מעהרהייט אין ארץ־ישראל און האָט דאָס בפירוש געשריבען, למשל, אין אַרטיקעל „שלש מדרגות"). מען דרשנ'ט

ביי זיי די לערע פון מאַרטין בובער, אַ טיפּישן פּראָווינציאַל פון גייסט, אַ דריטקלאַסיגען קליינדענקער מיט ניין מאָס פערדרעהטע פּראָזען און איין מאָס אידעען, אויך נישט זיינע און אויך נוצלאָזע. מען לערענט אָט די יוגענד קוקען אויפ׳ן ציוניזם ווי אַ שטרעבונג, וואָס ס׳איז בעסער פאַר איהר אייביג צו בלייבען אַ שטרעבונג און קיינמאָל נישט צו ווערען קיין יש — עפּעס ווי אַ בעל-הבית׳טע, אין די אַלטע יאָהרען, פלעגט פּרעגלען איינגעמאַכטס און דערביי זאָגען: „מ׳זאָל, חלילה, נישט בעדאַרפען“ „ברית טרומפּעלדאָר“ לערנט די יוגענד צו גלויבען אין די גרויסע השגות פון הערצל און נאָרדוי: אַ מדינה, אַ מאַסען-עליה, אַ לעזונג פון דער אידען-פראַגע אין איהר פּאָליטישען, מאַטעריעלען און גייסטיגען זין.

דער צווייטער אונטערשייד איז אין דעם, וואָס „ברית טרומפּעלדאָר“ וויל לערנען די יוגענד די מלאכה פון זעלבסטשוץ. אַז דאָס איז אַ נוצליכע מלאכה, וועגען דעם איז נישטאָ היינט ביי אידען קיין צוויי מיינונגען; אָבער קיין לאָגיק איז ביי אידען, ליידער, אויך נישטאָ. זיי שטעלען זיך פאַר, אַז דאָס איז אַ מערקווירדיגע אויסנאַהמע פון אַלע אַנדערע מלאכות: די אַנדערע מוז מען לערנען, אָט די אָבער קומט צו אַ מענשען פון זיך אַליין, פון בעגייסטערונג און העלדישקייט און מוטיגער בערייטשאַפט צו שטאַרבען. ס׳איז קינדיש, עס האַנדעלט זיך גאָרנישט וועגען שטאַרבען: להפך, די אויפגאַבע איז נ י ש ט צו שטאַרבען, און בפרט נישט צו דערלאָזען אַז אַנדערע אידען זאָלען שטאַרבען אָדער אַפילו נאָר ליידען. און עס קומט גאָרנישט פון זיך אַליין, און עס העלפט דאַ גאָרנישט קיין בעגייסטערונג: ס׳איז אַ מלאכה פונקט ווי אַלע אַנדערע מלאכות, נאָר אַ פיעל מעהר קאָמפּליצירטע און אַ אונענדליך מעהר פעראַנטוואָרטליכע. דעריבער מוז מען זי ל ע ר נ ע ן, לאַנג און טיעף און סיסטעמאַטיש לערנען; און נישט שעמען זיך מיט דעם, וואָס מען לערענט, נאָר לערנען מיט רוהיגען שטאָלץ און מיט חשק און מיט ליעבע — אויב נישט, קאָן מען זיך נישט אויסלערנען.

אָבער דער וויכטיגסטער מה-נשתנה איז דער דריטער: „ברית טרומפּעלדאָר“ אָנערקענט נישט קיין א י ד ע אָ ל אָ ג י ש ע ן ש ע ט נ ז.

ב.

שעטנז הייסט אַ שטאָף, אויסגעוועבט פון געמישטע פעדים — האָלב ליינען און האָלב וואָל; אין חומש איז פאַרהאַן אויף דעם אַ בפירושער פערבאָט. די סיבה פון איסור איז אויך קלאָר. אין יענע אַלטע צייטען האָט זיך די וועלט-ווירטשאַפט געטיילט אויף צוויי וויכטיגע צווייגען: ערד-אַרבייט און בהמה-צוכט. צווישען די ביידע איז, נאַטירליך, בעשטאַנען אַן אייביגע שנאה (וואָס איז אויסגעדריקט נאָך אין דעם שטרייט פון קין און הבל) — ווייל דער פאַסטוך בעדאַרף צו פיעל לאַנד. נאַטירליך, פלעגען ערד-אַקערער טראָגען ליינענע קליידער און פאַסטוכער וואָלענע: אַזוי קאָן מען תיכף ומיד דערקענען, מיט וועמען מ׳האָט צו טהון. אָבער אַ מענש,

וואָס טראָגט קליידער פון אַ געמישטען שטאָף. איז נישט דאָס אין נישט־יענץ. נישט קיין אייגענער און נישט קיין עהרליכער געגנער, און דאָס האַלט די תורה פאַר טריף. — „ברית תרומפלדור" איז אַ פּערזון אָבצוּשאַפען דעם שעטנז אין די נשמות.

שוין פון דעם איינצעלנעם פאַקט, וואָס דער ציוניזם פון היינטיגער יוגענד איז אַ פערקירצטער און אַ פערוואָסערטער, איז דאָס קלאָר, אַז ער קאָן ביי איהר נישט זיין דער איינציגער אַליינהערשענדער אידעאַל. מען קאָן זיך נישט בעגייסטערן פאַר אַ האַלבען גאָרנישט. מוז מען אַלזאָ שטיצען די בעגייסטערונג אויף אַנדערע אידעאַלען: און דעריבער ווערט מען „לינק" און מען דרשנ'ט סאָציאַלע פערבעסערונגען אָדער סאָציאַלע איבערקעהרענישען. און מען זוכט זיי צו פערבינדען און פערשמעלצען מיט ציוניזם. דער ערשטער רעזולטאַט פון דער מישונג איז דאָס, אַז דער ציוניזם ווערט ביי זיי נישט נאָר אַ פערקיצטער, אָבער אויך אַ בעדינגטער: אַ ציוניזם „על־תנאי". דאָס ציעל צו ראַטעווען דאָס אידישע פאָלק איז שוין נישט מעהר אַ זעלבסטצוועק: עס איז נאָר אַ מיטעל צו „דינען", צו ברענגען נוצען אָדער לערנען מוסר אַנדערע פעלקער, וכו' וכו'. דעריבער מוז די אידישע „נאַציאָנאַל־היים" אויסגעבויט ווערען לויט נייע סיסטעמען, קאָאָפּעראַטיווע אָדער פּראָלעטאַרישע אָדער ווי זיי זאָלען נישט הייסען, אָהן קאַפּיטאַליזם און אָהן עקספּלואַטאַציע, ס'איז אַלץ זעהר שעהן; אָבער וואָס טוהט מען, אויב דאָס ווייזט זיך אַרויס אַלס אונמעגליך? און דאָס לעבען האָט דאָך שוין קלאָר בעוויזען, אַז דאָס קאָן נישט זיין, אַז דער אויפבוי פון ארץ־ישראל קאָן זיך נישט בעגעהן אָהן פּריוואַטען קאַפּיטאַל, און דער קאַפּיטאַל אָהן פערצינזונג (וועלכע, לויט דער מאַרקסיסטישער לעהרע, שטאַמט דאָך נאָר פון „עקספּלואַטאַציע"). די מסקנא איז אַנ'אונפערמיידליכע: פאַלט דער „תנאי", מוז אויך די זאַך אַליין פאַלען. און זי פאַלט: די „לינקע" יוגענד־אָרגאַניזאַציעס הויבען אָן צו דינען פאַר מיטעלסטאַציעס אויף דעם וועג, וואָס פיהרט אַוועק פון ציוניזם. איך גלויב נישט, אַז אימיצער, חוץ זייערע אייגענע פאַרטיי־סעקרעטאַרען, וועט דאָס נאָך בעשטרייטען.

דאָס איז, און וועט שטענדיג זיין, דער סוף פון יעדען אידעאָלאָגישען שעטנז. ווי נאָר מען הויבט אָן צו געפינען, אַז דער פריהערדיגער אידעאַל איז נישט גענוג „שעהן", אַז מען מוז איהם פערשענערען און פערפודערן מיט עלעמענטען פון אַנ'אַנדער שטרעבונג — האָט מען דאָך שוין אָנערקענט, אַז די אַנדערע שטרעבונג איז אי שענער, אי גרעסער, אי הייליגער. דאַן הויבט מען אָן זיך פערענטפערן, צו ענטשולדיגען, צו אונטערשטרייכען די זייטיגע, די „פוצענדיגע" עלעמענטען פון דער געמישטער וועלט־אַנשויאונג — ביז מען קומט צו דעם בעשלוס (און דוקא דער עהרליכסטער און דער לאָגיש־דענקענדער טייל פון דער יוגענד דאַרף זיין דער ערשטער דאָס צו פּראָקלאַמירען), אַז אויב דער צווייטער אידעאַל איז גרעסער און שענער ווי ציוניזם, טאָ מוז מען זיך אַנשליסען צו זיינע אַנהענגער אָהן קיין שום בעדינגונגען, ווייל „צוויי אידעאַלען" זענען דאָך אַנ'אַבסורד.

אונ. דאָס איז אמת: צוויי אידעאַלען זענען אַנ׳אַבסורד, פּונקט אַזוי ווי צוויי געטער, פּונקט אַזוי ווי צוויי פערשידענע מזבחות אין איין בית־מקדש. איך וויל קיינעם נישט בעליידיגען; אָבער אַ נשמה, וואָס קאָן איינשלינגען צוויי אידעאַלען און בלייבען מיט דעם צופרידען, איז אַ מינדערווערטיגע נשמה. אַ ג א נ צ ע נשמה קאָן נאָר זיין מאָניסטיש. דאָס וואָרט „אידעאַל" האָט אינהאַלטליך נישט קיין מעהרצאָל. אַ געזונד האַרץ, אין וועלכען עס לעבט אַ אידעאַל, קאָן נישט האָבען קיין פּלאַץ פאַר קיין צווייטען. אויב ציוניזם איז אַ אידעאַל, בלייבט נעבען איהם נישט קיין פּלאַץ פאַר נאָך עפּעס אַ זעלבסטשטענדיגע, גלייכבערעכטיגטע שטרעבונג, און ער קאָן מיט איהר נישט מאַכען קיין שותפות און נישט קיין קאַרטעל און נישט קיין „קאָמבינייישאָן". אַ אידעאַל שליסט־אויס אַלצדינג זייטיקס, ווי שעהן, ווי ריין, ווי הייליג עס זאָל נישט זיין. און דערביי האָט ער גאָר נישט קיין פּרעטענזיע, אַז דאָס אויסגעשלאָסענע איז נישט שעהן אָדער נישט הייליג. אפשר איז דער סאָציאַליזם טאַקי אַ קווינטעסענץ פון צדק — איך פערזענליך גלויב דאָס נישט, אָבער לאָז זיין אַזוי: נישט שייך. בשעת מיר האָבען געפיהרט, אין אונזער יוגענד, דעם קאַמף געגען אַסימילאַציע, האָבען מיר קיינמאָל נישט געצווייפעלט, אַז די נאַציאָנאַלע ווערטען פון אַנדערע פעלקער, יענע ווערטען, וואָס דער אַסימילאַטאָר האָט געוואָלט מאַכען פאַר זיינע אייגענע, זענען אויך שעהן און ריין. אפשר נישט ערגער און אפשר נאָך העכער פון אונזערע; און דאָך האָבען מיר פון איהם פערלאַנגט — „זאָג זיך אָפּ פון דינען יעדער שעהנקייט, אַחוץ דער אידישער; און אויב דאָס איז דיר שווער, ווייל דו האָסט באמת ליעב די פרעמדע שעהנקייט — טאָ קענסטו דוקא אין דעם בעווייזען, צי דו האָסט אַ גאַנצע נשמה אָדער אַ מינדערווערטיגע: ווייל פאַר אַ גאַנצע נשמה איז דאָס דינען דעם אידעאַל נישט קיין שפּאַס, נאָר אַ קרבן."

דער עיקר פון דער בעוועגונג — וועלכע קריסטאַליזירט זיך דערווייל שוועך און לאַנגזאַם אין ברית תרומפּלדור — ליעגט אין איהר א י ד ע א ל א ג י ש ע ן מ א נ י ז ם. דאָס רוב פון זיינע חברים — אויב מען וועט זיי אַריינלאָזען קיין ארץ־ישראל — וועלען דאָרט אויך אָבדינען זייער צייט אַלס לויהן־אַרבייטער; זיי ווייסען דאָס, פרייען זיך דערמיט און גרייטען זיך צו דעם. אָבער זיי גרייטען זיך אויך צו אַנ׳אַנדער זאַך — שטענדיג צו געדענקען, אַז זייער מאַטעריעלע פונקציע אין אויפבוי טאָר נישט בעאיינפלוסען זייער נשמה. ער מעג זיין אַ שטיינברעכער אָדער אַ לעהרער, — אַ אינזשינער, אַ פּאָליציאַנט, — קודם־כל בלייבט ער אָבער דער פּיאָנער, און דאָס איז אַ העכערער טיטול ווי אַרבייטער אָדער פאַבריקאַנט אָדער אַפילו סאָלדאַט. דער פּיאָנער מעג זיין אי דאָס, אי יענץ, אָדער היינט דאָס און מאָרגן יענץ, ענדערן זיין מלאכה און דערמיט זיין „קלאַס" — אָבער קיינמאָל קאָן ער זיך נישט בעגייסטערן פאַרן „קלאַס־אינטערעס" פון יענער גרופּע צו וועלכער ער געהערט טעכניש. אין זיינע אייגענע אויגען בלייבט ער שטענדיג נאָר אַ מין אַקטיאָר, וועלכער שפּיעלט עהרליך די ראָליע, וואָס

איז איהם צוגעטיילט געוואָרען פונ׳ם רעזשיסער — און די פּיעסע הייסט „מען בויט דעם אידענשטאַאַט״, און דעם רעזשיסער׳ס נאָמען איז „דער שטאַאַטס־געדאַנק״. היינט שפּילט ער זיין ראָליע מיט א לאָפּאַטע אין דער האַנד, מאָרגען ערשיינט ער אַלס שול־לעהרער, איבערמאָרגען אַלס א לעגיאָנער; ער שפּילט עהרליך און געוויסענהאַפט, אָבער אַליין איז ער נישט קיין לעהרער און קיין זעלנער, נישט קיין בורזשוא און נישט קיין פּראָלעטאַריער. ער איז אַלצדינג: ער איז דער פּיאָנער.

זיינע קינדער און זיינע

(נאָכ׳ן טויט פון הערצל׳ס זוהן און טאָכטער)

„היינט האָב איך פערענדיגט דאָס פיערטע בוך פון מיינע זכרונות״ — שטעהט עס ערגעץ וואו אין הערצל׳ס טאָג־ביכער — „און עס איז היינט אויך דער זיבעטער געבורטס־טאָג פון מיין זוהן האַנס. איך האָף, אַז ער וועט אַמאָל ווייטער פיהרען מיין אָנגעפאַנגענע אַרבייט״

שוין לאַנג, אַז איך האָב נישט אַריינגעקוקט אין הערצל׳ס טאָג־ביכער, נאָך לענגער אין זיינע „פעליעטאָנען״; ווער האָט עס היינט צייט ווידער־אַמאָל איבערצולייענען אַ בוך? אַלזאָ, געדענק איך נישט, וואו ס׳שטעהט יענע שורה וועגען האַנס׳ן; לויט׳ן אינגעלס עלטער, וואָס ער דערמאָהנט, האָט עס געמוזט זיין אין יאָהר 1897, קורץ פאַר דעם ערשטען ציוניסטישען קאָנגרעס. שאַפענדיג דעם גייסטיגען יסוד פון אידישער נאַציאָנאַלער צו־קונפט, האָט ער געהאָפט אין דער זעלבער צייט צו שאַפען אַ גייסטיגע דינאַסטיע, אַ גאָלדענע קייט, ווי מ׳זאָגט אין חסידיש־רבי׳אישע הייזער. אין אַנדערע שטעלען פון די טאָג־ביכער רעדט ער אונצעהליגע מאָל וועגען האַנס׳ן און פאַאולינען און טרודעל מיט יענער צוריקגעהאַלטענער צאַרטקייט, וואָס איז געווען אין זיינע אויגען און זעלטען אויף זיינע ליפען. איך גע־דענק, אַז בשעת איך האָב דאָס געלייענט, האָב איך געפיהלט דאָס, וואָס פיהלט אַמאָל מסתמא יעדער כלל־טהוער, כאָטש ער וויל דאָס נישט מודה זיין; אַז סוף כל סוף, ווי הייליג עס זאָל דיר נישט זיין די כלל־טהוערי מיט אַלע איהרע תענוגים, איז דאָס אמת׳ע, דאָס וויכטיגע פון לעבען, דאָך האַנס און פאַאולינע און די מוזינקע טרודעל. אין די „פעליעטאָנען״, אויב איך האָב נישט קיין טעות, איז אויך פאַראַן אַן אויפזאַץ וועגען די קינ־דער, איינס פון די מייסטער־שטיק אין יענעם מייסטער־ווערק פון קינסט־לערישער זשורנאַליסטיק. איך געדענק נישט די ווערטער, נישט די בילדער, דעם איינדרוק אָבער קען איך נישט פערגעסען — דאָס געמיש פון צאַרט־

קייט און זאָרג און פאַרבאָרגענעם שטאָלץ, דאָס כבבת־עיני־געפיהל, וואָס ווייעט איבער אַלע פרקים, וואָס קלינגט שטילערהייד פון דער טיפענישׁ פון׳ם שרייבערס האַרץ עפּעס ווי אַן׳אָבקלאַנג פון קרעכץ און געלעכטער אינאיינעם.

אָט האָסטו גאָט׳ס ענטפער אויף דיין האָפנונג און דיין שטאָלץ, דו נביא וואָס דו שלאָפסט אויפ׳ן דעבלינגער בית־עולם: לא־עמי ולא־רוחמה, און צוויי בערגלעך ערד אויף א בית־עולם אין א ווייטער פראַנצויזישער שטאָדט.

עס ווילט זיך גאָר נישט רעדען וועגען דער ביטערער זאַך. ווען אַ מענש וויינט, פערדעקט ער זיין פנים מיט די הענד; ווען ער איז אָבער טויט — און דאָך זעהט מען, אַז ער וויינט — מוזען מיר אַליין אויסשפריי־טען דעם שלייער און אויסלעשען דאָס ליכט. ווי איז דאָס פאָרגעקומען? ווי איז דאָס געווען מעגליך, אַז עס זאָל זיך ענדיגען מיט אַזאַ סך־הכל? ווער איז שולדיג, וואָס איז שולדיג? מענשען? אָדער יענער קאָמפּלעקס פון כל מיני טומאה, וואָס מ׳רופט איהם גלות? אָדער איז אפשר גערעכט יע־נער אַנדערער איד, וואָס האָט געזאָגט, אַז אונטער די זעלבע דעכער, וואו עס בלישטשעט דער גאון, דרעהט זיך אַרום אויך דער שגעון און וואַרט אויפ׳ן נעכסטען דור? תיקו, זאָג איך: וואַרפט אויף דעם שלייער. אפשר האָבען מיר עס גאָרנישט פערדיענט מספיד צו זיין הערצל׳ס געבראָכענע האָפנונג. לאָמיר בעסער רעדען וועגען אונזער האָפנונג, וואָס לעבט: וועגען אונזערע קינדער — זיי אויף לענגערע יאָהר...

זאָל דער לעזער קיין פאַראיבעל נישט האָבען, וואָס איך רעד וועגען לעבעדיגע קינדער ביי אַזאַ פינסטערער פּאַסירונג. איך בין אַליין אַ טאַטע און פערשטעה ווי דאָס שטעכט. אָבער איז דאָס נישט אמת, אַז פיעל פון אונז, ווען זיי האָבען דערזעהען אין צייטונג די ביטערע צוויי בשורות פון באָרדאָ, האָבען אויך דערפיהלט אַ שטאָך אין האַרצען — נישט בלויז אַ שטאָך פון מיטלייד און בושה און שרעק, נאָר אויך פון אייגענער זאָרג?

יעדער יונגער דור האָט, מסתמא, אין די אויגען פון זיין פאָרגענגער, אויסגעזעהן ווי אַ דור התועים בדרכי החיים: קיינמאָל אָבער האָט, דאָס וואָרט נישט געקלונגען אַזוי צאַפּעלדיג־פּאַסענד ווי היינטיגע טעג. דאָס וואָס האָט געטראָפען אין באָרדאָ, איז נאַטירליך עפּעס אויסעראָרדענטליכעס, אַ גרויזאַמער אויסנאַהם, אַ זאַך, וואָס טרעפט איינעם פון צעהנער טויזענדער. אָבער אויך אַן אויסנאַהם מעג אַמאָל זיין אַ סימבאָל אָדער אַ סימפּטאָם. ה׳ייטער: איך פערגעס אויך נישט, אַז האַנס און פּאַאולינע הערצל זענען שוין לאַנג נישט יונג געווען, האָבען אייגענטליך גאָרנישט געהאַט צו טהון מיט דעם דור, וואָס וואַקסט היינט פאַר אונזערע אויגען. און דאָך האָט די ביטערע בשורה פאַר פיעל פון אונז געהאַט אַ קלאַנג פון אַ וואָרנונג, מיר זאָלען זיך פערטראַכטען.

טאָ פערטראַכט איך זיך, און וועל שרייבען וועגען זאַכען, וועלכע האָבען נישט קיין שום שייכות צו דער טראַגעדיע אין באָרדאָ, און אפשר

ציִשט צו דער פּסיכאָלאָגיע פון יענע צוויי קרבנות. נאָר צו איין זאַך האָ־בען זיי יאָ אַ שייכות: צו דער פראַגע פון דער גאָלדענער קייט. הערצל איז געווען איינער, קיין צווייטען ווי ער וועלען מיר אַזוי גיך נישט האָבען. אָבער פיעל פון אונז שלעפען אויך די קייט פון ציון־ווערק, קלענערע, קליינע, קליינינקע, יעדער לויט זיין כוח און זיין פערשטאַנד — אָבער דאָך איז זי אַ גאָלדענע. און טויזענדער פון די, וואָס שלעפען די קליינע — אָבער גאָלדענע — קייטעלעך, איז מסתמא אויך נישט איינמאָל פאָרגעקומען צו שרייבען אָדער זאָגען אָדער דענקען: היינט האָב איך פערענדיגט אַ פּרק פון מיין ציון־ווערק, און היינט איז מיין אינגעל, אָדער מיין מיידעל, זיבען יאָהר אַלט געוואָרען, — פרעגט די וועלט די אַלטע קשיא, צי וועלען זיי, ווען איך וועל שוין נישט זיין, ווייטער שלעפען די קייט?

אַ מאָדנע מין קייט האָט אונז דער אויבערשטער בעשערט, און פון אַ מאָדנעם מין גאָלד איז זי געשמידט. זעהען זעהט עס אויס טונקעל און שטויביג און גרוי, אָבער ווייזט די קייט אַ גרויסען מבין — כאָטש אַ גוי, כאָטש אַ שונא — וועט ער תיכף דערקענען: ריין גאָלד איז דאָס, גאָלד פון דער העכסטער פּראָבע. אָבער נישט יעדער איז לײדער אַ מבין אויף איידעלקייט פון מעטאַלען, אָדער פון אידעען. ס'זענען פאַראַן אַ סך אַזעלכע, וואָס זעהענדיג די שטויביגע גרויקייט פון אונזערע טעג, דעם אומעט פון דער אידישער וואָכעדיגקייט, אַפילו די יום־טובים אונזערע, די שטענדיג פערשטערטע יום־טובים, זאָגען זיי: פע, דאָס איז בליי.

און ביי די שכנים בלישטשעט אַפילו בליי ווי גאָלד. איך ווייס נישט פאַרוואָס; איך ווייס אפילו נישט, צי עס בלישטשעט טאַקע באמת, אָבער פיעל פון אונזערע קינדער אַזוי ווייזט עס זיך אויס. ווייל אויב נישט — פאַרוואָס וואָלטען זיי זיך אַזוי פערקוקען דורך די פענסטער פון אונזערע גידריגע הייזער אייף דאָס, וואָס עס טהוט זיך אויף דער פרעמדער גאַס?

פאַרן קריעג האָבען מיר, די קייטען־שלעפער, געקענט אונזער שונא: די אַסימילאַציע. ער האָט געהייסען „אַסימילאַציע" און האָט אויסגעזעהן ווי אַסימילאַציע, קלאָר און בולט: פרעמדע שפראַכען זענען בעסער ווי אונזערע שפראַכען, פרעמדע לענדער בעסער ווי אונזער לאַנד, און אַמאָל אפשר זאָגאָר פרעמדע תפילות בעסער ווי אונזער צוריסענער סידור. מיט דעם שונא האָבען מיר בעקעמפט, האָמען איהם כמעט בעזיגט, און דאַן איז געקומען דער קריעג און האָט איהם אין גאַנצען דערשלאָגען. אין גאַנצען. קיין זכר נישט געבליבען, ווענינסטענס נישט אין עפענטליכען לעבען, נישט אין די לענדער פון מזרח אייראָפּא... אַזוי האָבען מיר געגלויבט.

און פּלוצים ווערט מען געוואויר, אַז עס איז גאָרנישט אַזוי. דער שונא לעבט און דריקט און בעזיגט אונז. היינט רעדט ער גאָר אַן'אַנדער שפּראַך — די „נאַציאָנאַלע". „נאַציאָנאַל" אין ביידע זינען: אי דער קלאַנג איז אידיש אָדער אַפילו העברעאיש, נאָך מיט'ן ספרד'ישען קמץ דערצו, אי דער אינהאַלט איז צוזאַמענגעבונדען מיט'ן אידישען לעבען, מיט ארץ־ישראל, למשל, אָדער מיט אידישען שולווערק אין גלות, אָדער מיט אידישער קאָאָ־

פּראָצעס אָדער אידישע פאָלקס־באַנקען. און דאָך שטעקט אונטער דעם אַרבע־כּנפות זיינעם דער זעלביגער אַלטער פיינד, אַסימילאַציע, פּונקט אַזוי פּחדניש און קבצניש און זעלבסט־מערדעריש ווי די פריהערדיגע. די גזירה־שוה צווישען ביידע פאָרמען אַסימילאַציע איז אויך די זעלבע: דאָס געפיהל פון אידישער מינדערווערטקייט. ווי מיט צוואַנציג יאָהר צוריק, הערען מיר פון יונגע ליפּען איצט ווידער, אַז מיט אידישע פּראָבלעמען אַליין קען מען נישט אויספילען אַ גאַנץ לעבען פון אַ גאַנצען מענשען, אַז אידישע אידעאַלען זענען נישט גענוג צו פערנעהמען דעם גאַנצען מוחַ, אַז עס איז אַ סך שעהנער און ברייטער און פרעהליכער אויף דער גוי'שער גאַס; און אַז דאָס איינציגע, וואָס מעג אונז נאָך דערהאַלטען די יוגענד, זי זאָל פּשוט נישט אַוועקגעהן, זי זאָל נאָך בלייבען אַרבייטען אין אונזערע ד' אמות, אין דעם קליינעם אידישען גאָרטען און אין דעם ענגען אידישען הייזעל, — איז לאָזען די יוגענד זיצען שטענדיג ביים פענסטער און קוקען אַרויס צו זעהן, וואָס טהוט זיך אויף יענעמ'ס גאַס, ווי זעהט אויס די גוי'שע מאָדע. און זיי זיצען ביי דעם פענסטער. פיעל פון זיי זיצען טאַקע שטענדיג געבויגען מיט'ן קאָפּ צו דער פרעמדער גאַס — בלויז די פיס בלייבען דערווייל נאָך אינעווייניג; און בשעת עס געהט אויף דער פרעמדער גאַס אַ פּראָצעסיע מיט שעהנע פאָהנען, קענען זיי זיך נישט איינהאַלטען: זיי מוזען אַרויסשטעקען דעם קאָפּ נאָך ווייטער, אַרויסשטופּען אויך די הענד און שרייען: „פּסט... פּסט... חברים? מיר אויך!" וואָס אייגענטליך „אויך", איז נישט וויכטיג. עס מעג זיין מאַרקס, לענין, גאַנדהי, מאָרגען אפשר מוסאָליני; דער עיקר איז, אַז דאָס מוז זיין עפּעס נישט אונזערעס, עפּעס „ברייטערעס", עפּעס „אַל־מענשליכעס". אַלטע בעקאַנטע שטימונגען; מיר האָבען זיי שוין געזעהן, און דעם סוף פון זיי האָבען מיר אויך שוין געזעהן. ווער ס'זיצט אויפ'ן פענסטער און קוקט אַרויס און שטעקט אַרויס דעם קאָפּ אַלץ ווייטער און ווייטער, וועט סוף כל סוף אַרויספאַלען און בלייבען אין דרויסען; צי אַ גאַנצער, צי אַ צובראָכענער — דאָס איז זיין גליק אָדער אומגליק, אָבער נישט ביי אונז. די ערשטע אָנפאַנגען פון דער ערשטער אַסימילאַציע — פון יענער, וואָס מיר האָבען כּלומרשט נישט לאַנג צוריק „פערניכטעט", האָבען אויך געטראָגען דעם מלבוש פון דער אידישער און העברעאישער שפּראַך, האָבען זיך אויך געדרעהט אינהאַלטליך אַרום אידישע ענינים, נישט אַרום פרעמדע: אָבער די כּוונה זייערע איז געווען איינצורעדען דעם אידען, אַז זיין לעבענס־ספערע — נישט נאָר די דאַמאָלסדיגע, נאָר בכלל, אַפילו די פּאָטענציעל־דערווייטערטע און פערברייטערטע — איז צו ענג פאַר אַן אינטעליגענטער נשמה. און אַזאַ דרשנ'ען האָט שטענדיג אַ ווירקונג, היינט פּונקט אַזוי ווי דאַמאָלס. ווייל עס איז אמת, מיר לייקענען עס גאָר נישט אָב, אַז ביי גוים איז עס גערוימער און שעהנער און פרעהליכער, און וועט נאָך לאַנג זיין אַזוי, אפשר אייביג; און נישט נאָר די פאַקטען זענען ביי זיי רייכער, נאָר אַמאָל אויך די אידעאַלען זייערע ענטהאַלטען אין זיך אַ מעהר בונטען רעגענבויגען פון אַלדאָס־גוטס.

זעניגסטענס — פאַר'ן געשמאַק פון יענעם טיפ מענש, וואָס אויף איהם ווירקט די גאַס און איהר ליאַרם און איהרע פּראָצעסיעס מיט די ברענענדע פאַהנען.

דער שונא לעבט. די נטיה, צוזופאַסען אונזערע געדאַנקען און שטרעבונגען נישט צו דער בעדערפניש פון אידישען פאָלק און זיין ענטוויקלונג, נאָר דוקא צו דער אידעאָלאָגישער מאָדע פון דרויסען, — די טענדענץ, וואָס אין איהר בעשטעהט דער שורש און דער סם פון אַסימילאַציע, וואַרט אויף אונזערע קינדער הינטער יעדען ווינקעל; ווערט פּראָקלאַמירט און קולטיווירט אויף אידיש און אויף העברעאיש אין אידישע יוגענד-אָרגאַניזאַציעס מיט נאַציאָנאַלע און ציוניסטישע נעמען; אפילו אין ארץ ישראל. ווייל אַזאַ זאַך קען אָנפאַנגען ערגעץ וואו און אומעטום: נישט שייך, ענדיגען וועט זי זיך אין באָרדאָ. אזא זאַך ענדיגט זיך תמיד — אין באָרדאָ. נישט יעדער זעלבסטמאָרד דריקט זיך אויס אין אַ שאָס, חלילה, אָבער דער וועג דורך יענע פענסטער פיהרט שטענדיג צו דעם זעלבען סך הכל — אַ נוצלאָז פערשפּילט לעבען, לא-עמי ולא-רוחמה. „דיין דינסט דאַרף די פרעמדע גאַס גאָר נישט האָבען". טראָצקי זיצט ביי די טערקען און שרייבט שבחים אויף זיך אַליין; אויף אַ הונדערט יאָהר דייטש-נאַציאָנאַלער געטריישאַפט ענטפערס דייטשלאַנד דעם אידען מיט אַ זעקס מיליאָניגען שפּיי אין פנים — וואָס איז דער אונטערשיעד, צי מ'שיסט זיך מיט אַ פיסטאָלעט, צי נאָר מיט'ן געדאַנק? סטאַנציע באָרדאָ — טערמינוס!

דער קריזיס פון פראָלעטאַריאַט

ניט לאַנג צוריק האָט אַ דייטשער עקאָנאָמיסט אויסגערעכנט, אַז דער איצטיגער וועלט-קריזיס האָט ניט איין סיבה און ניט צוויי, נאָר אַ גאַנצע סך: 235 סיבות האָט ער. איז דעריבער כדאי אָפּצושטעלן זיך כאָטש אויף איינע פון זיי: אויף דעם קריזיס פון פּראָלעטאַריאַט, און פרעגן זיך: אפשר איז זי טאַקי די וויכטיגסטע פון אַלע אַנדערע סיבות?

עס האַנדעלט זיך דאָ ניט וועגן דער היינטיגער אַרבייטסלאָזיגקייט (20 אָדער 25 מיליאָנען נפשות, צווישן אַ דריטעל און אַ פערטעל פון גאַנצן וועלט-פּראָלעטאַריאַט). די פראַגע איז פיל טיפער: זי איז געווען בולט געווען נאָך לאַנג פאַר דער איצטיקער ירידה פון דער וועלט-פּראָדוקציע, נאָר די מענטשהייט, לעבענדיג אונטער דעם איינפלוס פון איין-מאָל-אויף-אַלע-מאָל אָנגענומענע פאָרשטעלונגען, האָט ניט באַמערקט די סימנים. ווייל די מענשהייט, אָהן אונטערשיעד פון פּאַרטייען, האָט זיך יאָהרענלאַנג צוגעוואוינט צו דעם געדאַנק, אַז „פּראָלעטאַריאַט", ד. ה. די מאַסע, וואָס לעגט אַריין אין פּראָדוקציע איהר פיזישען כח, און בעזונדערס דער אינדוסטריעלער פּראָלעטאַריאַט, איז דער וויכטיגסטער און דער מעכטיגסטער פאַקטאָר פון ווירטשאַפטליכער ענטוויקלונג; אַז דאָס רייכטהום פון וועלט-ווירטשאַפט קען וואַקסען נאָר צוזאַמען מיט'ן וואוקס פון פּראָלעטאַר-יאַט; אַז מיר, דער מיטעלשטאַנד, זענען ניט מעהר ווי אַ צייטווייליגע דערשיינונג, ווייל דער פּראָצעס פון לעבען טרייבט אונז אויך צו פּאַמעלי-ליכער אָבער אונפערמיידליכער פּראָלעטאַריזירונג; בקיצור, אַז פּראָגרעס פון ווירטשאַפט, קולטור און פּאָליטיק און אַלצדינג איז אויפגעבויט אויפ'ן וואַקסטום פון פּראָלעטאַריאַט. אַזוי טיעף איז אין אונז אַלע געווען איינגעוואָרצעלט אָט די אויפפאַסונג, אַז מיר האָבען ניט געזעהן און ניט פערשטאַנען אַפילו די קלאָרסטע סימנים פון אַ געוואַלדיג וויכטיגער דערשיינונג: פון דעם פאַקט,

אַז די מאָדערנע ווירטשאַפט ציינט אַ נייגונג צו ענטוויקלען זיך אַלץ מעהר און מעהר דורך אָנווענדען שכל און גייסט, אַלץ ווייניגער מיט חילף פון פיזישען כוח, און אַז דער פועל־יוצא פון אַזאַ נייגונג קען נאָר זיין די פאַמעליכע ירידה פון דעם פראָלעטאַריאַט בעדייטונג אַלס אַ פאַקטאָר פון פראָדוקציע.

דאָס איז גאָרנישט קיין בעליידיגונג פאַר קיינעם. מאַרקס האָט נישט געוואָלט „בעליידיגען" דעם מיטעלשטאַנד, בשעת ער האָט ערקלערט, אַז ביי דעם דעמאָלסדיגען צושטאַנד פון ווירטשאַפט איז פאַר דעם מיטעלשטאַנד נישטאָ קיין אויסזיכט אויף ענטוויקלונג, און ער מוז נעבעך אין דער צוקונפט פערלירען זיין בעדייטונג און אָנהויבען צו פערשווינדען. פונקט אַזוי קען מען היינט אָנווענדען דעם זעלבען אַרגומענט וועגען אַן׳אַנדערן סאָציאַלע קלאַס – למשל וועגען פראָלעטאַריאַט.

און אפשר – מיט אַ פיעל גרעסערער בערעכטיגונג. וועגען דעם טראַגישען גורל פון מיטעלשטאַנד האָט מאַרקס דוקא געהאַט אַ טעות. דאָס האָט אַנגעוויזען נאָך עדוארד בערנשטיין מיט 33 יאָהר צוריק, און דאָס זעהען מיר אַצינד נאָך קלאָרער. אפילו דער בעל־מלאכה, וואָס פאַר איהם האָט מאַרקס בעזונדערס קיין שום האָפענונג נישט געזעהן, ווייל ווי קען ער קאָנקורירען מיט דער גרויסער פאַבריק? — אפילו אָט דער גאָטס שטיפקינד וויל נישט פערשווינדען. אין 1930 איז פאָרגעקומען אין רוים אַ צוזאַמענפאָהר פון פערטרעטער פון בעל־מלאכה׳שע אָרגאַניזאַציעס אין 20 לענדער, און דאָרט האָט דער פראַנצויזישער דעלעגאַט ציטירט זאָמבאַרטס אַ וואָרט: „היינט (זאָמבאַרט האָט עס געזאָגט אין 1927) מוז מען קאָנסטאַטירען אַ זאַך, וואָס פאַר מיר אַליין איז זי מערקווירדיג: צום סוף פון אַ לאַנגען אָבשניט פון פערשטאַרקטע קאַפּיטאַליסטישע ענטוויקלונג, בלייבט נאָך כמעט אַ גאַנצע העלפט פון די אינדוסטריעלע כחות פון דער וועלט בעשעפטיגט דוקא אין קליין האַנדווערק". און פון די בעריכטען אויף דעם צוזאַמענפאָהר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז ער איז נישט ווייט פון גערעכט. אין פראַנקרייך (1926): פון די 4.700.000 אינדוסטריעלע אַרבייטער, שטעקען 2.300.000 אין קליין האַנדווערק; אפילו אין ענגלאַנד מעהר ווי אַ מיליאָן; און אין דייטשלאַנד כמעט אָנדערטהאַלבען מיליאָן, וואָס דער אומזאַץ פון זייערע געשעפטען, בעטרעפט 20 מיליאַרדען מאַרק אַ יאָהר. — אַלזאָ, אין אָט דעם פרט האָט דער נביא געהאַט אַ טעות, ווייל ער האָט באַזירט זיין נבואה אויף סאָציאַלע פראָצעסען, ד. ה. אויף ריין מענשליכע פאַקטאָרען – און מיט׳ן מענש ווייס מען קיינמאָל נישט, וואָס ער וועט יאָ טהון און וואָס נישט.

אָבער די פערספּעקטיווען וועגען דעם אָנטייל פון פראָלעטאַריאַט אין דער פראָדוקציע באַזירט זיך גאָרנישט אויף קיין סאָציאַלע מאָמענטען, נאָר אויף טעכנישע, ד. ה. אויף דער ענטוויקלונג פון דאַמפּף און עלעקטריציטעט.

מיט עטליכע יאָהר צוריק האָט מען אַ סך גערעדט וועגען אַ שוי-

שפיעל, וואו עס טרעט אַרויס אַ פאַנטאַסטישע בעשעפעניש: דער „ראָבאָט“. ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז פון יעדען מנין מענשען, וואָס ווייסען דעם נאָמען „ראָבאָט“, האָבען אפשר נאָר צוויי געזעהן אָדער געלייענט דעם שוישפיעל, און אפשר נאָך צוויי געהערט וועגען זיין אינהאַלט: דאָס רוב אָבער ווייסען נאָר איינס, אַז דער „ראָבאָט“ איז אַ מאַשין, אויסגעפויט אין דער געשטאַלט פון אַ מענש מיט הענד און פיס, און וואָס טהוט פאַר אונז אַלע פיזישע אַרבייטען. אין אַזעלכע פאַלען, ווען פון אַ גאַנצען בוך, וואָס פיעל האָבען עס גאָרנישט געזעהן, ווערט בלויז ביי אַלעמען פּאָפּולער נאָר איין וואָרט, איז דאָס אַ בעווייז, אַז דאָס וואָרט בעצייכענט אַ זעהר וויכטיגע דערשיינונג — אַ זאַך, וועגען וועלכען אַלע טראַכטען, כאָטש נישט אַלע זענען געווען אימשטאַנד זי אָנצורופען מיט אַ נאָמען. מיר אידען דאַרפען אָבער אפילו נישט דעם נייען נאָמען „ראָבאָט“ – מיר פערמאָגען דאָך דעם אַלטען אידישען בעגריף „גולם“. עס איז, אין גרונד גענומען, די זעלבע זאַך: אַ טויטע קינסטליכע בעשעפעניש, וואָס בעוועגט זיך אַליין און וואָס בעפרייט אונז מענשען פון די שווערסטע און ניעדעריגסטע אַרבייטען. זיין אויסערליכע עהנליכקייט צו אַ מענשען, מיט הענד און פיס, ווי ער זעהט אויס אי אין דער לעגענדע וועגען דעם פּראַגער גולם אי אין דעם שוישפיעל פון די ברידער טשעפעק (אינטערעסאַנט, זיי קומען פון פּראָג) — אָט די אויסערליכע פאָרם איז נישט מעהר ווי אַ דיכטערישער „טריק“, אָבער צו דער עסענץ פון דער זאַך האָט זי נישט קיין שייכות. דער אמת'ער גולם, דער וואָס עקזיסטירט שוין לאַנג און וואָס פערמעהרט זיך מיט אַ געוואַלדיגען כּוח פון פריה ורביה, האָט נישט קיין הענד און נישט קיין פיס – ער האָט רעדער און וואַלצען און ספרונזשינעס, און זיין טעכנישער נאָמען איז „מאַשין“: אָבער זיין ראָליע איז טאַקע די זעלבע ראָליע פון דעם גולם אָדער דעם „ראָבאָט“ — ער נעהמט אַראָפּ פון אונזערע מענשליכע פּלייצעס די שווערסטע און די אונאָנגענעהמסטע פיזישע אַרבייטען.

שוין מעהר ווי 150 יאָהר געהט אָן אין דער וועלט אַ פּאַראַלעלע ענטוויקלונג פון צוויי ווירטשאַפטליכע פאַקטאָרען: איינער איז דער פּראָלעטאַריאַט, דער צווייטער — דער „גולם“. ביז צו דעם אָנפאַנג פון צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט האָט דער צווייטער נישט געשטערט דעם ערשטען: קודם כּל, ווייל נאָך גיכער און שטאַרקער פון ביידע האָט זיך ענטוויקעלט דאָס אָנוואַקסען פון דער וועלט-פּראָדוקציע (אַ דאַנק די שטענדיג-וואַקסענדע מעגליכקייטען פון פערקעהר, ד. ה. פון אימפּאָרט און עקספּאָרט אויף אייזענבאַהנען און שיפען), און צווייטענס ווייל דער פּראָגרעס פון טעכנישע ערפינדונגען, כאָטש זעהר שטאַרק אין ניינצעהנטען יאָהרהונדערט, איז אָבער דאָך נישט געגאַנגען אַזוי גיך ווי ער געהט אַצינד. אָבער אין די לעצטע דרייסיג יאָהר האָט דער פּראָגרעס פון טעכנישע ערפינדונגען אָנגעפאַנגען צו בעוועגען זיך מיט אַן אונגעהערטער, איבערמענשליכער שנעלקייט. אין פינף יאָהר הערען מיר היינט וועגען מעהר עפּאָכע-מאַכענדע ענטדעקונגען,

ווי דער טאַטע אָדער דער זיידע פלעגט הערען זיין גאַנצען לעבען. פריה-ער איז דעם גולמ'ס פאָרטשריט בעשטאַנען אין גיכקייט: איצ-טער לויפט ער, איצטער שפּרינגט ער און פליהט, און וואָס ווייטער אַלץ מעהר הויבט ער אָן צו „שטערען" דעם לעבעדיגען פליישׁ-און-ביינער-דיגען אַרבייטער.

וואָס פאַר רעזולטאַטען דאָס פערשפּרעכט אין דער נאָהענטער צו-קונפט, קען מען אפשר זעהן פון אַזאַ ביישפּיעל: עס איז צו לייענען אין ביכער, אַז אין די צעהן יאָהר צווישען 1919 און 1929 איז די אינדוס-טריעלע פּראָדוקציע פון די פעראייניגטע שטאַטען אויסגעוואַקסען אויף גאַנצע 42 פּראָצענט — אָבער די צאָהל פון בעשעפטיגטע אינדוסטריעלע אַרבייטער אין די זעלבע צעהן יאָהר איז געפאַלען אויף זעקס פּראָ-צענט. ווער האָט געמאַכט די פערגרעסערטע אַרבייט? דער גולם.

און נישט נאָר דער גולם אַליין. ער האָט אַ „שוועסטער" — אויך, ווי ער, אַ קינד פון גייסט און מוח: די שוועסטער הייסט „ראַציאָנאַליזאַ-ציע". זי הויבט זיך אָן מיט „אויפטיילען די אַרבייט" אַזוי, אַז יעדער אַרבייטער זאָל האָבען פאַר זיך נאָר איין איינציגען מין אויפטהו. דאַן קומט דער צווייטער שריט פון ראַציאָנאַליזאַציע — דאָס בעקאַנטע סיסטעם פון טעלאָר, און אַלע מינים „כראָנאָמעטריזם", וואָס איז נישט נויטיג זיי דאָ צו בעשרייבען, נאָר גענוג צו דערמאָנען זייער פועל-יוצא: זיי ברענגען דערצו, אַז דערזעלבער אַרבייטער אין דערזעלבער צייט פּראָדו-צירט מעהר ווי פריהער. די העכסטע דערגרייכונג פון ז"ט דעם פּראָצעס פון „ראַציאָנאַליזירען" בעשטעהט אין דער בעריהמטער „לויפענדע פּאָדלאָ-גע": דער אַרבייטער שטעהט אויף איין אָרט, עס בעוועגט זיך פאַר איהם נאָר אַ טייל פון דער פּאָדלאָגע און ברענגט איהם צו, למשל, אַ סקעלעט פון אַן אויטאָמאָביל, און ער, דער אַרבייטער, דאַרף נאָר אַריינשטופּען אַ „באָלט", אָדער אַרויפטהון אַ ראָד, און דער סקעלעט פאָהרט ווייטער, צום נעכסטען אַרבייטער, וועלכער טהוט עפּעס אַנדערש, אויך שטענדיג דאָס-זעלבע.

דאָס איז די טעכנישע „ראַציאָנאַליזאַציע": עס איז אָבער דאָ נאָך אַ צווייטע — די „קאָמערציעלע". זי בעשטעהט אין דעם, וואָס אַ צאָהל פאַבריקאַנטען פעראייניגען זיך אין איין „קאָנצערן": דערביי פערמאַכט מען די קלענערע אַנשטאַלטען און מען פיהרט אַריבער זייערע אַרבייטער אין די גרעסערע — אָבער נישט אַלע אַרבייטער. אַ טייל בלייבען אינדרויסען; די פּראָדוקציע דאַרף זיי נישט האָבען, די פּראָדוקציע קען זיך ענטוויקלען אָהן זייער שווייס און אָהן זייערע מוסקולען, בלויז מיט דער הילף פון די צוויי קינדער פון גייסט און מוח — דעם גולם פון דער מאַשין, און זיין שוועסטער — די ראַציאָנאַליזאַציע.

ווילט איהר זעהן, ווי עס ענטוויקעלט זיך אָט די „שוועסטער"? איהר סטאַטיסטישער אויסדרוק איז די צאָהל פון די „אָנגעשטעלטע". פּונקט אַזוי ווי די צאָהל פון „אַרבייטער" דריקט אויס דעם אָנטייל פון מוסקול-קראַפט

און די צאָהל „פערד־כוחות" פון די מאַשינען דריקט אויס דעם אַנטייל פון מעכאַנישער טעכניק, — אַזוי איז די צאָהל „אַנגעשטעלטע" דער סימן פון „ראַציאָנאַליזירען", ד. ה. פון „אָרגאַניזאַציע". וואָס מעהר קאָמפּליצירט די אָרגאַניזאַציע פון אַרבייט, אַלץ מעהר וואַקסט די צאָהל פון יענע בעהעלפער, וואָס אַליין אַרבייטען זיי נישט מיט די הענד, נאָר זיי פּאַסען אויף, לייטען, קאָנטראָלירען, רעכענען. און עס איז אַ פעסט אנערקענטער פּאַקט, אַז דוקא אין די לענדער פון דער העכסטער אינדוסטריעלער ענטוויקלונג וואַקסט די צאָהל אינדוסטריעלע „אַנגעשטעלטע" אַ סך שטאַרקער און גיכער ווי די צאָהל פיזישע אַרבייטער. אין דייטשלאַנד — פון 1907 ביז 1925 — איז די צאָהל פיזישע אַרבייטער געוואַקסען אויף 22 פּראָצענט, אָבער די צאָהל „אַנגעשטעלטע" אויף גאַנצע 100 פּראָצענט (פון 1.900.000 אויף 3.800.000). אין ענגלאַנד: 1907 זענען די אַנגעשטעלטע געווען נישט מעהר ווי 8 פּראָצענט פון אַלע בעשעפטיגטע אין דער פּראָדוקציע, אין 1925 זענען זיי שוין געוואָרען כמעט 13 פּראָצענט. אין אַמעריקא: אין יאָהר 1899— ווייניגער ווי 8 פּראָצענט, אין 1909 — 11, אין 1925 — 16.

אין אַנדערע ווערטער: דער אַנטייל פון מוסקול־קראַפט אין פּראָדוקציע ווערט אַלץ קלענער און קלענער; דער אַנטייל פון גייסט און מוח (אי אין דער פאָרם פון מאַשינען, אי אין דער פאָרם פון אָרגאַניזירונג) — אַלץ גרעסער און גרעסער.

* *

*

די היינטיגע אַרבייטסלאָזיגקייט, זאָגט מען, איז נישט מעהר ווי אַ פאָלגע פון עקאָנאָמישער דעפּרעסיע. גוט; אָבער די הויפּט־פראַגע איז — ווען דער קריזיס וועט זיך, ברוך השם, ענדיגען, צי וועט מען דאַן קענען געפינען אַרבייט פאַר די אַלע 20 אָדער 25 מיליאָנען אַרבייטסלאָזע?

קיין נביאות קען מען נישט זאָגען, מען קען זיך נאָר צוקוקען צו פּרעצעדענטען. דער בולט'סטער פּרעצעדענט איז געווען אין אַמעריקא. אין 1920 און 1921 איז דאָרטען געווען אַ שטאַרקער קריזיס: די פּראָדוקציע איז געפאַלען, און פון די צעהן מיט אַ האַלבען מיליאָן אינדוסטריעלע אַרבייטער, וועלכע זענען געווען בעשעפטיגט אין 1919, זענען געבליבען אין 1921 בלויז 8 מיליאָנען; 2.500.000 האָבען פערלוירען זייער אַרבייט. נאָך 1921 האָבען אָבער אָנגעפאַנגען די בעסטע זעקס יאָהר פון „פּראָספּעריטי", די פּראָדוקציע האָט ווידער גאַנץ מערקווירדיג אויפגעשטיגען — אָבער פון יענע צוויי און אַ האַלב מיליאָן אַרויסגעשטופּטע האָבען נאָר אַנדערטהאַלבען מיליאָנען ווידער געקריגען אַרבייט: איין מיליאָן זענען שוין אין 1925 געבליבען אין דרויסען. ווער האָט זיי אַרויסגעשטופּט? דער „גולם": די צאָהל „פערד־כוחות" פון די מאַשינען, וואָס אין 1929 איז געווען 29 מיליאָן, איז געוואָרען 36 מיליאָן אין 1925. מיט אַנדערע ווערטער: ווען עס האָט זיך

געענדיגט די „דעפרעסיע" און עס האָט זיך אָנגעפאַנגען דער גרעסטער „בום", איז נאָר דער „גולם" אויסגעוואַקסען אויף 24 פּראָצענט. אָבער די צאָהל לעבעדיגע פיזישע אַרבייטער איז געפאַלען אויף 9 פּראָצענט.

ווי וועט דאָס זיין, ווען עס וועט זיך ענדיגען דער וועלט-קריזיס? עס איז קלאָר, אַז לויט דער נאַטירליכער ענטוויקלונג פון טעכניק און אָר-גאַניזאַציע מוז דער סוף זיין דער זעלבער, ווי אין אַמעריקא. מען קען דאָס פערהינדערען קינסטליך — למשל, דורך געזעצגעבונג, ד. ה. דורך אַ בפירוש'ען פערבאָט איינצופיהרען נייע ערפינדונגען אָדער בעסערע מעטאָ-דען פון אָרגאַניזירונג, ווי עס שלאָגט פאָר דער געוועזענער פראַנצויזישער מיניסטער קאַיאָ. קינסטליך מעג מען טהון כמעט אַלצדינג, וואָס מען וויל; אָבער עס בלייבט קינסטליך, און עס הייסט קעמפען געגען דער וויסענשאַפט און געגען דעם פּראָגרעס און געגען דער נאַטירליכער ענטוויקלונג פון פּראָדוקציאָנס-מיטעל. אפשר איז דאָס טאַקי זעהר גוט, אפשר מוז מען טאַקי קעמפען געגען דער וויסענשאַפט — נישט וועגען דעם איז דאָ אָבער היינט די רייד. היינט וויל איך נאָר אָנווייזען אויף איין איינציגען פאַקט: אַז די נאַטירליכע ענטוויקלונג פון וועלט-ווירטשאַפט האָט אין זיך אַן אייזערנע, אַן אונבעזיעגבאַרע טענדענץ, צו פערקלענערען די פּראָדוקטיווע וויכטיגקייט פון מוסקול-פּראָלעטאַריאַט און צו פערגרעסערען די וויכטיגקייט פון גייסט און מוח — פון דעם ערפינדער, וואָס שאַפט מאַשינען, פון דעם אָרגאַניזאַ-טאָר, וואָס פערבעסערט די מעטאָדען פון פּראָדוקציע, און פון דעם „אָנגע-שטעלטען", וועלכער אָפּערירט מיט'ן קאָפּ, נישט מיט די מוסקולען.

אָט אין דעם בעשטעהט דער קריזיס פון פּראָלעטאַריאַט. יענער קלאַס מענשען, וואָס מען האָט איהם געהאַלטען פאַר דעם וויכטיגסטען פאַקטאָר אין ווירטשאַפטליכען לעבען, איז שוין לאַנג נישט דער וויכטיגסטער פאַק-טאָר. די וועלט-פּראָדוקציע וואַקסט גאָר נישט אַ דאַנק זיין אָנטייל — זי וואַקסט קודם כל אַ דאַנק דעם אָנטייל פון גייסטיגע פאַקטאָרען. וואָס ווייי-טער וועט דער איינפלוס פון אָט די גייסטיגע פאַקטאָרען ווערען אַלץ גרע-סער און גרעסער, און די נויטווענדיגקייט צו בענוצען זיך מיט מוסקול-קראַפט אַלץ קלענער. אפילו היינט, ווען מען וואָלט נאָר ערלויבען דעם „גולם" אויסצונוצען זיין גאַנצע מאַכט, וואָלט ער געקאָנט ערזעצען נאָך פיעל און פיעל ווייטערע מיליאָנען פּראָלעטאַריער עס איז אַ בעקאַנטער כלל, אַז מ'נוצט אויס (אפילו אין די רייכסטע יאָהרען) נישט מעהר ווי דריי-פערטעל פון דער מאַשינען-קראַפט, וואָס ליגט שוין היינט אָנגעזאַמעלט אין די אינדוסטריעלע אַנשטאַלטען פון דער וועלט: און ווען מען נעהמט אַ לאַנד ווי אַמעריקא — זענען דאָרטען פאַרהאַן ווענינגסטענס פינף גרויסע געביעטען פון אינדוסטריע (קויהלען-גרובען, נאַפט-גרובען, שטאָהל- און איי-זען-פאַבריקען, די אויטאָמאָביל-אינדוסטריע און די שיך-אינדוסטריע), וואָס זענען אימשטאַנד צו פּראָדוצירען 35 פּראָצענט מעהר סחורה, ווי דער מאַק-סימאַלער מאַקסימום פון זייער אייגענער ביזאַהעריגער פּראָדוקציע. אַזוי איז דאָס שוין היינט: און ווי וועט עס זיין מאָרגען? און ווי וועט עס אויס-

זעהן אין אַ יאָהר 25 אַרום? אין דעם ווערט פון אַ פּאָר שיך, וואָס אונ-אונזערע אייניקלעך וועלען טראָגען, וועט זיין אפשר פינף פּראָצענט (אָדער איין פּראָצענט) מוסקול-אַרבייט, ד. ה. „פּראָלעטאַריאַט", אַנטקעגן 95 אויב נישט גאַנצע 99 פּראָצענט, „גייסט און מוח", גולם און מעטאָדע.

דערווייל פיהלט זיך דאָס נאָר טיילוויז אין לעבען; אָבער דאָס איז די אָביעקטיווע טענדענץ פון ווירטשאַפטליכער ענטוויקלונג.

* *

*

פון דעם, וואָס די טענדענץ פון דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג שטופט אַרויס דעם מוסקול-אַרבייטער און מאַכט איהם וואָס ווייטער אַלץ ווייניגער וויכטיג פאַר דער פּראָדוקציע, פאָלגט נישט חלילה, אַז די אַרבייטער זאָלען, וואָס ווייטער, אַלץ מעהר פערהונגערען. פון דעם קריזיס פון פּראָלעטאַריאַט פאָלגט נאָך די נויטווענדיגקייט צו רעוויזירען אונזער בעציהונג צו „קלאַסען-פּסיכאָלאָגיע" און צו „קלאַסען-קאַמף" — צו אָט די צוויי בעגריפען, וואָס האָבען אַצינד אַזאַ רייץ אין די אויגען פון פיעל אידישע יונגעלייט.

די געזעלשאַפט טאָר נישט צולאָזען, אַז דער מוסקול-אַרבייטער, צוליעב דעם וואָס ער ווערט — אין דער פּערספּעקטיווע פון ענטוויקלונג — אַלץ מעהר און מעהר נוצלאָז — זאָל פערהונגערען, אַפילו אין „פּערספּעקטיווע". אַ געזעלשאַפט, וואָס וואָלט אַזאַ צושטאַנד צוגעלאָזט, וואָלט ווערט זיין, מען זאָל איהר צוטרעטען, און אָהן ספק וועט מען זי טאָקע צושמעטערען דורך אַ מאַסען-אויפשטאַנד, אין וועלכען עס וועלען זיך בעטייליגען אי די הונגעריגע אַרבייטער אי בכלל אַלע אַנשטענדיגע מענשען. אין יעדער געזעלשאַפט איז פאַרהאַן אַ „סטאַנדאַרד פון לעבען", ד. ה. יענער דורכשניט פון עסען, קליידונג, דירה און בילדונג, וועלכער ענטשפּרעכט דעם געגעבענעם סטאַדיום פון איהר ענטוויקלונג און גיט אַ מענשען און זיין משפחה די מעגליכקייט צו לעבען „ווי אַ מענש". און עס איז דער חוב פון דעם שטאַאַט צו פערזיכערען יעדען איינצעלנעם אָט דעם „סטאַנדאַרד", גאַנץ גלייך צו ער דאַרף אַרבייטען (כדי צו פּראָדוצירען אַלצדינג וואָס די געזעלשאַפט בעדאַרף) אַכט שעה אַ טאָג אָדער זיבען אָדער דריי. ווען פון אַ מיליאָן אַרבייטער זענען אַ פערטעל אַרבייטסלאָז, הייסט דאָס, אַז מען קען בעשעפטיגען דעם גאַנצען מיליאָן, אויב מען וועט נאָר מסכים זיין צו לאָזען יעדען אַרבייטען בלויז זעקס שטונדען אַנשטאָט די פריהעדיגע אַכט, און דערביי בעצאָהלען יעדען פאַר די זעקס שטונדען ווי פריהער פאַר די אַכט. און דערפאַר מוז מען קעמפען, ביז דער שטאַאַט וועט דאָס מאַכען פאַר אַ צוואַנג און אַ געזעץ; און אויב די פּראָדוקציע וועט דאָס נישט קענען פערטראָגען, מוז דער שטאַאַט העלפען פון זיין אייגענער קאַסע: גאָרנישט קיין אונמעגליכקייט, בפרט מ'וועט נאָר דערלעבען פטור צו ווערען פון די מיליטערישע אויסגאַבען.

אין אַ געוויסען זינען און אין געוויסע גרעניצען (נאַטירליך, ענגע גרעניצען), זעהען מיר דאָס שוין היינט. מיליאָנען אַרבייטסלאָזע ווערען אויסגעהאַלטען דורך דעם שטאַאַט אָדער דורך די מוניציפּאַליטעטען. אמת, אַלע זאָגען (אָדער שרייען), אַז דאָס איז נישט קיין נאָרמאַלער צושטאַנד; איך וויס אָבער נישט פאַרוואָס. אין דער פּערספּעקטיווע פון דער ענט-וויקלונג איז דוקא דאָס דער נאָרמאַלער צושטאַנד: אין דער צוקונפט וועט דער שטאַאַט, וואָס וויטער אַלץ מעהר, מוזען בייטראָגען צו אויסהאַלטען דעם מוסקול-אַרבייטער. דער אונטערשייד וועט נאָר זיין אין דעם, וואָס איך דער בעשעפטיגטער טייל אַרבייטער וועט ווערען אַלץ ווענינער בע-שעפטיגט, אַזוי אַז עס זאָל זיין אַ ביסעלע אַרבייט פאַר יעדען איינעם. אָבער סטיפּעדיאַנטצן פון שטאַאַט וועלען זיי אין דער צוקונפט זיין אַלע, אָהן אויסנאַהמע. און אַזוי דאַרף עס זיין, עס איז נישט מעהר ווי יושר, אַז יעדער מענש אין אַ געזעלשאַפט זאָל זיין פערזיכערט מיט זיין פּאַסיגען „סטאַנדאַרד".

אָבער דאָס וועט הייסען, אַז דער קלאַס פון מוסקול-אַרבייטער — דער „פּראָלעטאַריאַט" — וועט זיין דער פּריווילעגירטער קלאַס פון דער גע-זעלשאַפט. פאַר די אַנדערע קלאַסען קען מען דאָס זעלבע נישט טהון; ווענינסטענס, עס זעהט זיך גאָרנישט אין דער „פּערספּעקטיווע". אַזאַ מין „גולם", וואָס זאָל קענען ערזעצען דעם מוח, ווי די מאַשין ערזעצט די מוסקול-קראַפט, האָט מען דערווייל נאָך נישט ערפונדען. אמת, עס זענען דאָ שרייב-מאַשינען און רעכען-מאַשינען, אָבער מען מוז גוט קענען אָרטאָ-גראַפיע און זעהר גוט קענען אַריטמעטיק, כדי צו אַרבייטען אויף אָט די מאַשינען. און צו אָרגאַניזירען, צו מאַכען אַ פּלאַן, צו לייטען און קאָנטראָ-לירען די פּראָדוקציע, צו בעשליסען וואו מען זאָל שיקן די סחורה און וויפיעל — צו דעם איז אַפילו קיין הילף-מאַשין נאָך נישטאָ, און עפּעס גלויבט זיך נישט, אַז מען וועט די אַמאָל ענטדעקען. ווי מיר האָבען גע-זעהען אין דעם פאָריגען אַרטיקעל, וואַקסט די צאָהל פון „אָנגעשטעלטע" אַ סך שנעלער ווי די צאָהל פון מוסקול-אַרבייטער: ווייל די ווירטשאַפט, וואָס מעהר זי ענטוויקעלט זיך אַזן וואָס ווענינער זי נויטיגט זיך אין מוס-קול-אַרבייטער, אַלץ מעהר נויטיגט זי זיך אין יענע, וואָס אַרבייטען מיט'ן קאָפּ. נישט נאָר אין „אָנגעשטעלטע" ביי דער פּראָדוקציע גופא נויטיגט זי זיך, זי נויטיגט זיך נאָך מעהר אין „סוחרים". איין מוסקל-אַרבייטער קען היינט מאַכען אין איין שעה מעהר פאַר זאָקען ווי פריהער צעהן אַרבייטער אין אַ וואָך; אָבער כדי צו פערקויפען אָט די זאָקען, רעדען מיט'ן קונה, ווייזען איהם דאָס און יענץ ביז ער קלויבט עפּעס אויס, דאַרף מען היינט פונקט אַזוי פיעל סוחרים ווי מיט פופציג יאָהר צוריק — און נאָך מעהר, ווייל עס זענען היינט דאָ מעהר סאָרטען, און דער קונה, אַפילו דער מאַסען-קונה, האָט אַ סך העכערע השגות. וואָס ווייטער, דאַרף די ווירט-שאַפט אַלץ מעהר אַזעלכע העלפער און דינער, וואָס אַרבייטען מיט'ן קאָפּ. זייער אַרבייט וועט מען נישט קענען פערקלענערען אין דער מאָס, ווי עס

וועט זיך מוזען פערקלענערען די מוסקול-ארבייט. א דייטש האט אויסגע-רעכענט, אז אויב מען וואלט וועלען איצט, אין מיטען קריזיס, בעשעפטיגען אלע די 20 מיליאן אויבייטסלאזע, וואלט פאר יעדען מוסקול-ארבייטער זיין נישט מעהר ווי פינף און א האלבע שעה ארבייט אין דורכשניט; אבער פאר יעדען קאפ-ארבייטער וואלט דאס זיין זעקס און א האלבע שעה, נישט רעדענדיג וועגען די אינזשיניערען און די דירעקטארען, וועלכע וואלטען מסתמא מוזען ארבייטען אמאל אויך ביינאכט אין דער היים, ווי עס טוען פיעל פון זיי איצט אויך.

ווען איך זאג, אז די מוסקול-ארבייטער פערוואנדלען זיך פאקטיש אין א פריווילעגירטען קלאס, אפילו אין א קאפיטאליסטישער געזעלשאפט, איז דאס גאר נישט קיין פאראדאקס. עס איז שוין לאנג א פאקט. אין די הויך-אינדוסטריאליזירטע מערב-לענדער איז דאס שוין היינט נישט קיין זעלטענהייט (בפרט א יאהר צוויי צוריק, איידער עס איז געקומען דער קריזיס), אז א קוואליפיצירטער ארבייטער זאל פערדיענען מעהר ווי אן׳אינזשיניער, אדער מעהר ווי א קלייגער אדוואקאט, אדער א דארפס-דאקטאר. אבער נישט דאס איז דער עיקר. דער עיקר בעשטעהט אין דעם, אז פון איין קלאס (ארבייטער פון מוח) פערלאנגט די ווירטשאפט פולע לייסטונג, און וואס ווייטער אלץ מעהר; פון דעם צווייטען קלאס (מוסקול-ארבייטער) פערלאנגט די ווירטשאפט, וואס ווייטער, אלץ וועניגער לייסטונג — אויסהאלטען איהם בלייבט אבער איהר הייליגער חוב. אזא אונטערשיעד רופט זיך פריווילעגיע.

די פריווילעגיע פארגין איך פון טיפסטען הארצען, אבער זי ענדערט דאך די גאנצע בעציהונג אונזערע צו דעם „קלאסען"-געדאנק. בשעת עס איז געשאפען געווארען יענער קולט פון פראלעטאריאט, וואס אפילו די בירגערליכע אינטעליגענץ שלעפט זיך נאך ארום מיט איהם, האט זיך דער קולט באזירט אי אויף סאציאלע מאמענטען, אי אויף עטישע אדער אפילו סענטימענטאלע. דער סאציאלער מאמענט האט געהייסען: פראלעטאריאט איז דער וויכטיגסטער פאקטאר פון ווירטשאפט. מיר האבען שוין געזעהען, אז דאס האט זיך שטארק פערענדערט. דער עטישער און דער סענטימענטאלער מאמענט אבער האט געהייסען: פראלעטאריאט איז א ליידענדער, אן׳אונטערדריקטער קלאס. און אמאל איז דאס טאקע אזוי געווען. א יאהר אכציק צוריק, בשעת מארקס האט, אין ענגלאנד, אויסגעפארשט דעם מצב פון די דארטיגע לוין-ארבייטער, האבען זיי געלעבט א סך ערגער ווי די נעגערס אין די שקלאפעריי-שטאאטען פון אמעריקא. דאס איז אבער שוין לאנג פערשוואונדען. אין ענגלאנד, אמעריקא, דייטשלאנד, פראנקרייך, האלאנד, בעלגיען, עסטרייך וועט קיין מענש נישט זאגען, אז די ארבייטערשאפט, אין נארמאלע צייטען, זאל זיין עקאנאמיש אונגליקליך; אויב עס איז פארהאן אמת׳ער עלענד אין יענע לענדער, איז דאס נישט ביים פראלעטאריאט, נאר דוקא ביי א טייל קליינע „אייגענטימער". פאליטיש איז דער ארבייטער קלאס איינער פון די מעכטיגסטע, און אין עטליכע לענדער בעזיצט ער א

קאָלעקטיוו-פּערמעגען — הייזער, באַנקען, שפּיטעלער, צייטונגען — וואָס פיעל אַנדערע מעגען איהם מקנא זיין. דאָס אַלץ קען מען קוים פערבינדען מיט דעם אַלטען סענטימענטאַלען „קולט" פון דעם אָרעמען אונטערדריקטען וועלט-פּערזאָרגער: נישט ער איז דער הויפּט-פּערזאָרגער, און נישט ער איז אַזוי אָרעם, און ער איז גאָרנישט אונטערדריקט. אַ קלאַס ווי אַלע קלאַסען; האָט זיין נוצען, אָבער שפּיעלט שוין לאַנג נישט די ערשטע ראָלע אין בעזאָרגען די וועלט מיט אַל-דאָס-גוטס; זיין עקאָנאָמישע לאַגע איז באמת „מיטעלשטאַנד" — עס זענען דאָ רייכערע פון איהם, אָבער עס זענען דאָ אויך אָרעמערע; אין איין הינזיכט איז ער שוין פּריווילעגירט אין פערגלייך מיט אַנדערע קלאַסען — ווען ער פאַרלירט זיין ברויט, גיט איהם דער שטאַאַט אָדער די געזעלשאַפט, וואָס ביי אַנדערע אָרעמע לייט טרעפט דאָס נישט; און וועגען דער צוקונפט — וועגען דעם איז שוין אָבגערעדט.

דאָס פיהלען די אַרבייטער אַליין, און דאָס איז די סיבה, פאַר וואָס אַלע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פאַרטייען פון דער וועלט זענען לעצטענס געוואָרען אַזוי געמעסיגט פּאָליטיש און אפילו סאָציאַל. לייענט זייערע צייטונגען, אויף וועלכער שפּראַך איהר ווילט. שוין לאַנג אַז זיי האָבען זיך אויפגעהערט קריגען מיט אונז, די בורזשואַזע אויסבייטער, און קריגען זיך נאָר מיט די קאָמוניסטען, וועלכע גלויבען נאָך אין „שטורם און דראַנג" פון קלאַסען-אידעאָלאָגיע. אין דייטשלאַנד זענען די סאָציאַליסטען אַצינד דאָס, וואָס דער קאַטוילישער „צענטער" איז דאָרט געווען פאַר'ן קריעג, וואָס די „קאַדעטען" האָבען געזוכט צו זיין אין רוסלאַנד: די מיטעל-פּאַרטיי, ליבעראַל און רעפאָרמאַטאָריש, „שטאַאַטס-ערהאַלטענד", אָבער געמעסיגט, מיילענווייט פון יעדען אָנדייט אויף רעוואָלוציאָנערע דרייסטקייט. אין שוועדען האָט בראַנטינג פאַרזוכט צו שאַפען אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג — און קיינער האָט זיך דאָרט גאָר נישט דערשראָקען; אין ענגלאַנד איז דאָס פּאָרגעקומען צוויי מאָל; אין פראַנקרייך בשעת מ'האָט אין 1932 פערהאַנדעלט וועגען אַריינטריט פון די סאָציאַליסטען אין דער רעגירונג, האָבען זיי געשטעלט פאָדערונגען, וועלכע האָבען אויך גאָר נישט געשמעקט מיט קיין קלאַסען-רעוואָלוציע. עס איז נאַטירליך. דער פּראָלעטאַריאַט האָט דערגרייכט אַ גרויסע מאָס „עראָבערונגען": אָבער וואָס הייסט „עראָבערונג"? עס הייסט, אַז די שטאַאַטס-מאַשין, וואָס פריהער פלעגט זי אַרבייטען נאָר פאַר די רייכע קלאַסען, אַרבייט איצט, אין אַ גרויסער טייל, פאַר דעם נוצען פון פּראָלעטאַריאַט. וויל ער נאַטירליך אַזאַ מאַשין נישט צערשטערען. אַ פּריווילעגירטער קלאַס טאָר נישט ברעכען יענע אָרדנונג, אין וועלכער ער האָט מיט אַזוי פיעל מיה אויפגעבויט זיין פּריווילעגיע.

עכטע „קלאַסען"-פּראַזען הערט מען איצט נאָר ביי די קאָמוניסטען; און עס איז נאָך אַ פראַגע, צי זיי זענען באמת „עכט". כדי זיי זאָלען זיין „עכט", ד. ה. כדי עס זאָל זיך אונטער די שטאַרקע ווערטער בעהאַלטען טאַקע אַן ערנסטער רצון צו צעברעכען די עקזיסטירענדע געזעלשאַפט, מוז דאָך דערצו זיין עפּעס אַ ווירקליכער אונטערשיעד צווישען דער ווירקליכער

לאַגע פון די „סאָציאַליסטישע” אַרבייטער, וועלכע בענעהמען זיך אַזוי גע-
מעסיגט, און די „קאָמוניסטישע” אַרבייטער. קיינער האָט אָבער נאָך נישט
בעוויזען, אַז די קאָמוניסטען פערטרעטען עפעס אַ בעזונדערע ווירטשאַפט-
ליכע קאַטעגאָריע פון פּראָלעטאַריאַט. אין דער זעלבער פאַבריק, אין דעם
זעלבען פאַך, געפינט מען אי קאָמוניסטען, אי סאָציאַליסטען. איז דאָ נאָר
איין פּירוש: עס האַנדעלט זיך וועגען אַנ'אונטערשיעד פון טעמפּעראַמענט,
נישט וועגען אַנ'אונטערשיעד אין די „אינטערעסען”. טעמפּעראַמענט מעג
אויך זיין אַ זעהר וויכטיגע זאַך, ער מעג אפשר אַמאָל פעראורזאַכען אַנ'-
איבערקעהרעניש; אָבער דאָ רעדען מיר דאָך נישט וועגען דעם. דאָ רעדען
מיר וועגען דער פראַגע, צי עס לעבט נאָך באמת אין דער אַרבייטערשאַפט
יענע אַלטע „קלאַסען-פּסיכאָלאָגיע”, וואָס איז אַמאָל געווען נישט קיין אויס-
דרוק פון „טעמפּעראַמענט”, נאָר אַנ'אָבשפּיגלונג פון אַנ'אמתער אונטערדרי-
קונג, פון אַ ווירקליכער, בלוטזויגענדער אויסבייטונג, פון אַנ'אמת'ן האָס גע-
גען אַ געזעלשאַפטליכע אָרדנונג, וועלכע טהוט אַלצדינג לטובת יענעם און
גאָרנישט פאַר מיר? עס זעהט אויס ווי אַ האַלב-אָבגעשלאָגענע הושענא. די
„אָרדנונג” דיענט שוין לאַנג דוקא זיי, נישט ווייניגער ווי די אַנדערע קלאַ-
סען און אפשר מעהר.

און אויך דער פּאָליטישער כאַראַקטער פונ'ם „קלאַסען-געדאַנק” האָט זיך
שטאַרק פערערענדערט אין אונזער נאַאיווער יוגענד — כאָטש דוקא דעמאָלט
פלעגט מען אויף יעדער סאָציאַליסטישער אַסיפה אויגעהייער שעלטען די
„בורזשואַזיע” און סטראַשען מיט אָט-אָט אַן איבערקעהרעניש — האָבען מיר
דאָך געגלויבט, אַז די פּראָלעטאַרישע קלאַסען-בעוועגונג איז אַ בעוועגונג
פון אַלגעמיינער בעפרייאונג. מיר האָבען געגלויבט, אַז זי ברענגט מיט זיך
אַלע מינים פרייהייט און אַלע מינים דעמאָקראַטיע: פרייהייט און געוויסען
און וואָרט, פון פערזאַמלונג און פערבאַנד, גלייכהייט פון אַלע מענשען
פאַר'ן געזעץ, אַל-דאָס-גוטס. היינט איז אָט די „הושענא” שוין ערשט רעכט
אָבגעשלאָגען, גאַנץ און נישט חלילה האַלב. דער סיסטעם פון פערבאָט
פּאָליציי און שפּיאָנאַזש און קאַטאָוועס, אויף וועלכעס עס האַלט זיך סאָ-
וויעט-רוסלאַנד, איז דאָך נישט קיין צופאַל, נישט קיין זאַך פון „טעמפּע-
ראַמענט”. נישט סטאַלין און נישט לענין און אַפילו נישט דזשערזשינסקי
זענען דאָך נישט קיין ווילדע חיות, וואָס עס „געפעלט” זיי צו מאַטערען
מענשען אומזיסט. זיי געהערען אַלע צו דעם בעקאַנטען טיפּ רוסישע אָדער
רוסיפיצירטע אינטעליגענטען, וואָס אין האַרצען האָבען זיי פיינט אינקוויזיציע פונקט
אַזוי ווי איהר און איך. די אינקוויזיציע איז אָבער אַן אונפערמיידליכע
נויטווענדיגקייט: ווער עס וויל דורכפיהרען אַ קלאַסען-הערשאַפט, דער וועט
מוזען אָנקומען צו דעם אַלטען סיסטעם פון העגעמאָניע, כאָטש ער אַליין מעג
זיין אַ מלאך. יעדער קלאַס איז נישט מעהר ווי אַ מינדערהייט, דער פּראָ-
לעטאַריאַט אויך (אין סאָוויעט רוסלאַנד איז ער גאָר אַ קליינע מינדערהייט —
אין 1927 צעהן מיליאָן צו די 72 מיליאָן זעלבסטשטענדיקע-בעשעפטיגטע;
היינט נישט קיין סך מעהר, ווייל די צוראַבירטע פּויערים קען מען דאָך

גישט צורעכענען צו די אמתע פּראָלעטאַריער). כדי אַ מינדערהייט זאָל קענען, נישט נאָר פּאָליטיש „הערשען", נאָר אויך עקאָנאָמיש אונטערדריקען די מעהרהייט, מוז די פערוואַלטונג זיין אַ טיראַנישע, אַנדערש וועט מען זי אַראָבוואַרפען. דער פּאָליטישער כאַראַקטער פון אַ קלאַסען-אידעאָלאָגיע איז היינט אַן אָפען-רעאַקציאָנערער, אָביעקטיוו, אונפערמיידליך און פאַטאַל. ער קען נישט דערלאָזען קיין פרייהייט פון געדאַנק אָדער פון וואָרט אָדער פון פערבאַנד; ער קען נישט דערלאָזען קיין גלייכהייט פאַר'ן געזעץ, און ווייניגער פון אַלעמען קען ער נישט דערלאָזען גלייכבערעכטיגונג צו פּאָליטישע רעכטע. אַלע יענע ערשיינונגען, וואָס מען פלעגט אין רוסלאַנד פאַר'ן קריג באַצייכענען מיט'ן נאָמען „שוואַרצע מאה", זענען אָביעקטיוו פערקערפּערט אין דער קלאַסען-אידעאָלאָגיע, נאָר מיט דעם איינציגען אונטערשיעד, אַז אַנשטאָט אונטערדריקען אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן אונטערדריקט מען אַנדערע קלאַסען — אין ביידע פאַלען זענען דאָס מיליאָנען לעבעדיגע מענשען.

עס זענען פאַראַן מענשען, וועלכע עס געפעלט אַזאַ סיסטעם; וועגען זיי איז נישטאָ וואָס צו רעדען. אָבער די געזעלשאַפט אַלס אַ גאַנצע מוז קלאָר פערשטעהען, אַז היינטיגע צייטען טאָר מען נישט ווידערהאָלען דעם נאַאיווען טעות פון די גוטע אַלטע צייטען און איינרעדען זיך, דאָס אַ „פּראָלעטאַרישע" בעוועגונג איז אַ „פּראָגרעסיווע" בעוועגונג. אויף ווי ווייט זי איז באמת אַ „פּראָלעטאַרישע", מוז זי זיין אַ רעאַקציאָנערע.

דאָס הייסט נישט, אַז „סאָציאַליזם" איז אַ רעאַקציאָנערע שטרעבונג, אָדער אַז יעדע „סאָציאַליסטישע" בעוועגונג איז אַ רעאַקציאָנערע. זיי האָבען אָבער ביידע נישט קיין שום אָרגאַנישע שייכות צו „קלאַסען-קאַמף". דער סאָציאַליסטישער אידעאַל האָט עקזיסטירט איידער מאַרקס האָט איהם פערבונדען מיט דעם קלאַסען-געדאַנק; און היינט זענען אויך פאַראַן פיעל בעגייסטערטע אָנהענגער פון סאָציאַליסטישען סיסטעם, וואָס האָבען פיינט קלאַסען-קאַמף און האַלטען איהר פאַר דאָס, וואָס ער איז — שוואַרצע מאה. זיי גלויבען, אַז שאַפען אַ סאָציאַליסטישע אָרדנונג קען מען נאָר דורך אַ הסכם צווישען מענשען פון פערשיעדענע קלאַסען, אַזוי ווי מען האָט נאָכ'ן קריג דורכגעפיהרט וויכטיגע אַגראַר-רעפאָרמען אין פיעל לענדער. דאָס איז אַן אַנדער זאַך. מען קען זיין פאַר אָדער געגען סאָציאַליזם, „שוואַרץ" אָבער קען מען איהם נישט אָנרופען. אַן אידעאַל אָדער אַ בעוועגונג ווערט אונפערמיידליך „שוואַרץ" נאָר אין יענעם מאָמענט, ווען ער אָדער זי מאַכט דעם שידוך מיט'ן קלאַסען-געדאַנק. דער היינטיגער סאָציאַליזם איז גאָרנישט קיין „פּראָלעטאַרישע" בעוועגונג, ער האָט אָנהענגער אין אַלע קלאַסען און ער האָט געגנער צווישען די פּראָלעטאַריער; און אַפילו ריין-סוביעקטיוו, ווי מיר האָבען געזעהן, שטעהט ער זעהר ווייט פון אמת'ער בעגייסטערונג פאַר קלאַסען-קאַמף און שטיצט דעם בעשטעהענדען שטאַאַט — כאָטש פיעל סאָציאַליסטען האָבען פיינט, אַז מען דערצעהלט אָט דעם סוד פון חדר. דער קריזיס פון פּראָלעטאַריאַט אַלס פאַקטאָר פון פּראָדוקציע און דער קריזיס פון קלאַסען-געדאַנק אַלס כלומר'שט פּראָגרעסיווע אידעאָ-

לאָגיע איז נאָך נישט קיין קריזיס פון סאָציאַליזם. די שטרעבונג צו אַ סאָציאַליסטישער ווירטשאַפטס-אָרדנונג וואַקסט און וועט אפשר נאָך לאַנג וואַקסען, אָדער אפשר וועט אין איהר באַלד זיך אָנהויבען אַ ירידה — דאָס אַלץ האָט גאָרנישט צו טהון מיט דער צאָהל אַרבייטער אין דער וועלט און מיט דער ראָלע, וואָס זיי שפּילען יאָ, אָדער שפּילען נישט אין פּראָדוקציע.

דער „פּראָלעטאַריאַט" אָבער, אַלס אַזעלכער, שטעהט אָפּענבאַר בּיים אָנפאַנג פון אַ גרויסען קריזיס. די עקאָנאָמישע ראָלע פון מוסקול-אַרבייט ווערט אַלץ ווייניגער וויכטיג; די צאָהל מוסקול-אַרבייטער, וואָס איז ווירקליך נויטווענדיג פאַר דעם מאַקסימום פון פּראָדוקציע, האָט אַ פעסטע טענדענץ צו פערמינדערונג, און אָבשטעלען אָט די ירידה קען מען נאָר דורך קינסטליכע מיטלען — דורך אָבשטעלען דעם פּראָגרעס פון טעכנישער ערפינדונג, ד. ה. דורך עכט-רעאַקציאָנערע מאָסנאהמען. פון דער אַנדערער זייט, עס פערשווינדעט אויך דער פריהערדיגער עטישער און סענטימענטאַלער גלאַנץ פון דער פּראָלעטאַרישער קלאַסען-אידעע. וואָס בלייבט? אַ קלייניגקייט: די מענשהייט.

פּרקים
וועגן סאָציאַלער פילאָזאָפיע פון תנ״ך

א. „גאָט׳ס בעקעמפער״

איבערחזרונגען וועלען דאָס זיין, זאַכען וואָס מען האָט שוין לאַנג געזאָגט; עטליכע פון זיי אָבער זענען מיר גענויגט צו פאַרגעסען, און מען מוז זיי פון צייט צו צייט ווידער דערמאָהנען; און בכלל איז כדאי וואָס אָפטער אריינצוטראַכטען זיך אין דער סאָציאַלער פילאָזאָפיע פון תנ״ך.

• •

•

דער עיקר פון איהר ליגט אין דעם נאָמען „ישראל״ אין יענעם טייל פון בראשית ל״ב, וואו עס ווערט דערצעהלט, ווי יעקב אָבינו האָט „גע־קעמפט מיט גאָט״. אַ גאַנצע נאַכט האָט אַ מלאך זיך געראנגעלט מיט יעקב׳ן, און האָט איהם נישט געקענט בייקומען. און דעריבער האָט איהם דער מלאך געגעבען דעם נאָמען „ישראל״: „גאָט׳ס בעקעמפער״. אין דער זעל־בער צייט האָט דער מלאך איהם אויך געבענשט: אַלזאָ די כוונה פונ׳ם נייעם נאָמען איז נישט געוועזן לגנאי נאָר להפך – אַ מין עהרען־טיטעל איז דאָס געוועזן. אַז דאָס איז געוועזן אַ׳עהרען־טיטעל, זעהט מען אויך פון דעם, וואָס די מסורה האָט פון איהם געמאַכט אַ נאָמען פאַר דער גאַנצער אומה. וואָס בעדייט דאָס? וואָס פאַר אַ פילאָזאָפיע אָדער וועלט־אַנשויאונג האָט זיך אויסגעדריקט אין אָט דעם נאָמען און אין אָט דער מסורה?

קלאָר: דאָס הייסט, אַז לויט דער תנכ׳ישער וועלט־אַנשויאונג איז דאָס גאָר נישט קיין חטא צו „קעמפען געגען גאָט״. דער אויבערשטער האָט טאָקע בעשאַפען די וועלט אַזוי ווי זי איז, דער מענש טאָר אָבער נישט דערלאָזען, אַז די וועלט זאָל בלייבען „אַזוי ווי זי איז״ — ער מוז

זי שטענדיג פערבעסערען, ער מוז שטענדיג זוכען ממלא צו זיין די חסרונות אין דער וועלט-ארדנונג, וואס דער אויבערשטער האט איבערגעלאזט אזוי פול מיט חסרונות — איבערגעלאזט פול מיט חסרונות מסתמא דוקא צוליב דעם, אז דער מענש זאל קעמפען און שטרעבען-צו „תיקונו של עולם".

יענעם קאפיטעל וועגען ראנגלען זיך מיט'ן מלאך די גאנצע נאכט, קענען מאדערנע מענשען אויסטייטשען „וויסענשאפטליך": מיט זיין אייגענעם געוויסען האט זיך יעקב אבינו געשלאגען אין יענער נאכט. מארגען פריה מוז ער זיך בעגעגענען מיט עשו'ן, זיין עלטערען ברודער, וועלכען ער, יעקב, האט „בערויבט"; שווארצע געדאנקען שוועבען ביי איהם אין קאפ. דער מלאך, וואס לעבט אינווענינג ביי איהם אין הארצען, פרעגט: „יעקב, יעקב, דיין ברודער עשו האסט דו אבגענארט, דיין שווער לבן הארמי — אויך. אפשר איז דיין גאנץ לעבען בכלל נישט מעהר ווי איין לאנגער שווינדעל"? און מיט אט דעם מלאך „קעמפט" יעקב. ער זאגט, בעסער — ער טראכט: „וואלט דאס געווען בעסער, וואלט דאס געווען גערעכטער ווען עשו, א קינד, א גוטהערציגער גארנישט, זאל ווערען דער טרעגער פון די גרויסע סודות, וואס דו, רבונו של עולם, האסט אנפערטרויט אונזער זיידען אברהם? אדער ווען לבן, א געריבענער סוחר, וואס האט אין זיין לעבען קיין שעהנעם חלום נישט געחלומ'ט, זאל בלייבען אויף אייביג מיין פאן, און איך, וואס איך רעד מיט מלאכים, זאל בלייבען אנ'ארעמאן און אנ'איידעם אויף קעסט? די סודות, וואס דו האסט אנפערטרויט דעם זיידען, זענען טיעפע, הייליגע סודות, רבונו של עולם; אבער די וועלט פאדערט פראקטישע ארדנונג און איך האב זיך גענומען די העזה, צו טהון עפיס אויף אט דעם פראקטישען געביט. און „איצט זאג, ווער איז גערעכט, דו צי איך?" — און אויף דעם ענטפערט דער אינווענינגסטער מלאך: זיי געבענשט, דו קעמפער, און וועלט-פערבעסערער!

אין צוזאמענהאנג מיט דעם בעט זיך א פירוש אויף בראשית כ"ח — וואו יעקב אבינו, נאך אין אנפאנג פון זיין וואנדערונג, זעהט אין חלום דעם לייטער, וואס שטעהט אויף דער ערד און דערגרייכט ביז אין הימעל, און מלאכים קלעטערען אויף איהם ארויף און אראפ. דא קאן מען זעהן ווידער דעם זעלבען געדאנק: אז פון דער ערד קען מען דערגרייכען דעם הימעל, און פערקעהרט, — אז עס איז פאראן א שטענדיגער קאנטאקט צווישען גאט און מענש, אז אמאל דערהויבט זיך א מענשענס אינטואיציע ביז צו גאטהייט, און דער מענש האט דאן דאס רעכט צו פערענדערען די וועלט.

ווי בעוואוסט, ליגט אין אט דער אויפפאסונג פון דעם מענשען'ס פעהיגקייט און חוב צו פערבעסערען די וועלט, — דער גרונד-אונטערשיעד צווישען דער אידישער און דער „ארישער" מסורה. די רוימער און די גריכען האבען געגלויבט אין „גאלדענעם דור", וועלכער ליגט אין דער פערגאנגענהייט; דאס אידישע גלויבען איז פערבונדען מיט'ן משיח-געדאנק, דאס הייסט, אז די צייט פון אלגעמיינעם גליק און פריעדען און גערעכטיגקייט

וועט ערשט קומען אין דער צוקונפט, ווי אַ פועל-יוצא פון אונצעהליגע דורות, וואָס וועלען ליידען און לערנען און קעמפען; און דער „משיח" וועט אויך זיין אַ מענש. אין אָט דער אויפפאַסונג שטעקט דער וואָרצעל פונ׳ם בעגריף „פּראָגרעס", וועלכער איז פרעמד געווען דער רעליגיעזער לאָגיק פון די רוימער און גריכען. פאַר זיי איז פערקעהרט, וואָס ווייטער, רוקט זיך די מענשהייט אַלץ מעהר אַוועק פון „גאָלדענעם דור" צום זילבערנעם, צום קופערנעם און ענדליך — צו דעם אייזערנעם... אויך ביי אונז איז דאָ אין אָנפאַנג דער גן-עדן, דער „פּאַראַדיז", אָבער דאָס איז גאָר נישט גלייך צו דעם גאָלדענעם דור פון דער אַרישער לעגענדע. די אַרישע אויפפאַסונג איז געווען בעשריבען געוואָרען דורך אַ רוימישען דיכטער: דער ערשטער דור איז געווען אַ גאָלדענער, וואָס האָט אָבגעהיט יושר וצדק נישט אונטער דעם דרוק פון געזעץ, נישט צוליעב מורא פאַר שטראָף, נאָר דורכ׳ן אייגענעם פרייען ווילען" (אָווידיאוס, די מעטאַמאָרפאָזען). אין דער אידישער מסורה, וויסען נישט אדם און חוה, כל זמן זיי זענען אין גן-עדן, וואָס איז טוב און וואָס איז רע; אין דעם מאָמענט, ווען זיי דערוויסען זיך דעם אונטערשיעד, ד. ה. ווען זיי פערוואַנדלען זיך פון שענע חיות אין מענשען, מוזען זיי פערלאָזען דעם גן-עדן, און די „געזעלשאַפט", דער ערשטער „דור", ווערט געבוירען אין מיטען פון אַ ווילדער וועלט פון סכנות און צער, אַ וועלט וואָס מען וועט מוזען „פערבעסערען".

אָט דאָס איז דער עיקר פון סאָציאַלער פילאָזאָפיע פון תנ"ך: גאָט האָט בעשאַפען די וועלט, אָבער דער מענש מוז העלפען איהר צו פערפאָלקאָמען. צוליעב דעם דאַרף ער קעמפען, אפילו „קעמפען געגען הימעל", כדי אַבצושאַפען דאָס, וואָס פּאַסט נישט פאַר אַ גערעכטער וועלט-אָרדנונג; און זיין כלי-זין אין דער מלחמה איז דעת טוב ורע — זיין גייסט און זיין שכל.

קוקט מען זיך ווייטער צו, געפינט מען אין דער מסורה אפילו אַזעלכע רמזים, וואָס דייטען אָן נישט בלויז אַ מאָראַלישען, נאָר אויך אַ פּראַקטישען, כמעט אַ ריין-טעכנישען בעגריף פון „פערבעסערען די וועלט". יעקב אבינו׳ס „טריק" מיט לבנ׳ס ישעפסעלעך איז בעזאָנדערס כאַראַקטעריסטיש. איך וויס נישט, צי מ׳קען באמת אַזוי זיכער בעאיינפלוסען דעם קאָליר פון שעפסען דורך די מיטעל, וואָס יעקב האָט אָנגעווענדעט, אָבער דאָס איז דאָך נישט וויכטיג, וויכטיג איז דער געדאַנק: אַ „ישראל׳שער" געדאַנק. לויט גאָט׳ס אורשפרינגליכער פעראָרדנונג, לויט׳ן געוועהנליכען דרך-הטבע, ווערען פון ווייסע שעפסען געבוירען ווייסע און פון שוואַרצע שעפסען — שוואַרצע שעפסעלעך. נעהמט יעקב און מישט זיך אַריין אין דרך-הטבע און ענדערט עס. דאָס איז דאָך, אין דער געשיכטע פון דער ווייסער מענשעך ראַסע, די ערשטע בעגרינדונג פון אַ שטרעבונג צו בעהערשען, צו עראָבערען די נאַטור, צו דיקטירען די נאַטור, וואָס און ווי זי זאָל פּראָדוצירען; דער אָנפאַנג פון אַלעם דעם, וואָס אויף היינטיגען לשון הייסט דאָס: ראַציאָנאַליזאַציע און אָרגאַניזאַציע פון פּראָדוקטיווע מעטאָדען; אפילו — כאָטש אונ-

דירעקט — דער אָנפאַנג פון אַלע מאַשינען, ווייל וואָס וענען זיי, אויב נישט יעקב אבינו'ס „טריק" אויסגעדריקט אין אייזען?

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם איז כדאי צוצוקוקן זיך צו דעם שטרייט צווישען קין און הבל. אין איהם זעהען מאָדערנע פאָרשער אַן עפּיזאָד פון אור-אַלטען קאַמף צווישען דעם פויער און דעם פאַסטוך. שטענדיג האָט דער ערד־אַרבייטער פיינט געהאַט דעם פאַסטוך: פאַר בהמות און שעפּסען דאַרף מען צופיעל לאַנד, זיי מאַכען קאַליע די תבואה, און אויב דאָס זעַנען חלילה ציגען, גריזשען זיי אָב די קאָרע פון די יונגע בוימלעך. קין איז געווען אַן ערד־אַרבייטער הבל אַ פאַסטוך; פון דעם שטאַמט זייער פיינדשאַפט און דער מאָרד. דאָס איז בעקאַנט. אָבער אינטערעסאַנט איז גאָט'ס בעציהונג צו קין'ען. צוערשט איז דעם אויבערשטען דוקא הבל'ס מנחה געפעלען; קין'ס מנחה האָט ער אָבגעשטויסען. דאָס קלינגט נאָך ווי אַן אָבקלאַנג פון דעם רבונו של עולם'ס אַלטער בעציהונג צו „דעת" — „דעת" זאָל דעם מענשען פערבאָטען זיין! אהא, דו ווילסט זיין אַ קלוגער, אַקערען מיין ערד, צווינגען מיין נאַטור זי זאָל דיר דינען — טאָ דאַרף איך נישט דיינע געשאַנקען!" — אָבער פּלוצלונג, נאָכדעם ווי קין איז בעגאַנגען אַ שרעקליכען פערברעכען, גע'הרג'עט זיין ברודער, ווייזט זיך אַרויס, אַז דער אויבערשטער וויל איהם, דעם פערברעכער, גאָרנישט פערניכטען; ער פיהרט מיט איהם פערהאַנדלונגען, ער גיט איהם שוץ געגען אַנדערע מערדער, מען זאָל איהם חלילה נישט טשעפּען. און קין געהט אַוועק און אַקערט מסתמא ווייטער — און ער „בויט אַ שטאָט", די ערשטע שטאָדט אין דער געשיכטע. — „בעט זיך" דאָ נישט אַ קלאָרער פירוש, אַז די מסורה קעמפט דאָ פאַר יענע זאַכען, וואָס מיר רופען היינט „טעכניק", קולטור", אַפילו „אינטענסיווע קולטור" — קעמפט פאַר דעם מענשען'ס רעכט צו בעהערשען די נאַטור, צו פערדרענגען נידעריגערע ווירטשאַפטס-פאָרמען צוליעב דעם נוצען פון העכערע פאָרמען? און אויב אַפילו בלוט ווערט פערגאָסען אין דעם דאָזיגען פראָצעס, וועט דער אויבערשטער זאָגאַר דעם חטא מוחל זיין.

עס איז וויכטיג צו דערמאָהנען זיך היינטיגע ציַיט אָן דער דאָזיגער טענדענץ פון אונזער מסורה צום סאָציאַלען און ווירטשאַפטליכען „אינטענסיוויזם": היינטיגע צייטען בעזאָנדערס, ווייל לעצטענס פיהלט זיך אין דער וועלט אַ גרויסע פערביטערונג געגען אינטענסיוויזם, געגען טעכנישען פּראָגרעס, געגען צופיעל בעהערשען די נאַטור. טויזענדער ערנסטע דענקער רעדען שוין גאַנץ ערנסט וועגען אָבשטעלען „די משוגענע איילעניש פון נייע ערפינדונגען", אויב נישט, וועט באַלד נישט בלייבען פאַר אַרבייטער וואָס צו טהון און זיי וועלען אַלע מוזען אויסגעהן פאַר הונגער. זייט די צייטען, מיט אַ יאָהרהונדערט צוריק, ווען די האַנד-וועבער אין ענגלאַנד פלעגען מאַכען אויפשטאַנדען געגען יענע פאַבריקאַנטען, וואָס האָבען פּרובירט איינפיהרען מעכאַנישע וועב-שטולען, האָט די וועלט נישט געזעהען אַזאַ האַס געגען דער מאַשין ווי איצט. עס וועט נישט זיין קיין וואונדער, אויב מיר וועלען אין גיכען דערלעבען אַ גאַנצע אָרגאַניזירטע בעוועגונג

פאַר אָבשאַפן אַלע גרויסע פאַבריקן און אומקערן זיך צו האַנד-אַרבייט. דערשראָקענע נשמות פיהלען, אַז די וועלט איז געוואָרן צו „ישראל׳יש", האָט צו ווייט פערבלאָנדזשעט, זוכענדיג צו קאָנקורירן מיט׳ן רבונו־של־עולם אין זיין ראָלע אַלס שעפער און דערציינער.

דער היינטיגער קריזיס איז אייגענטליך נישט קיין קריזיס פון „קאַפּי־טאַליזם", עס איז אייגענטליך קודם כל אַ קריזיס פון פּראָלעטאַריאַט. די מאַשין מאַכט דעם אַרבייטער אַלץ מעהר און מעהר נוצלאָז. אַ צאָהלרייכער, גוט-אָרגאַניזירטער, פּאָליטיש-מעכטיגער קלאַס, און דערצו אַ קלאַס, וואָס האַלט זיך פאַר דעם וויכטיגסטען טייל פון דער געזעלשאַפט, שטעהט אין סכנה צו פערלירען זיין סאָציאַלען אוןווירטשאַפטליכען זכות-הקיום, און אַ גרויסער טייל פון איהם האָט דעם זכות־הקיום שוין טאַקע אפנים פערלוי־רען. נאַטירליך, ליידט פון דעם אי דער קלאַס, אי די גאַנצע געזעלשאַפט, און אין דעם בעשטעהט וואַהרשיינליך דער וואָרצעל פון דעם וועלט־קריזיס.

דאָס איז אמת, אָבער פון דעם פאָלגט נישט, אַז דער בעסטער אויס־וועג איז „אָבצושטעלען ערפינדונגען". נישט אַ טייל פון די אַרבייטער איז געוואָרען נוצלאָז: נוצלאָז איז געוואָרען נאָר אַ טייל פון די אַכט אַרבייטס־שטונדען פון יעדען אַרבייטער. עס איז אַ טעות צו זאָגען, אַז דאָרט, וואו מען האָט פריהער געדאַרפט 100 אַרבייטער, קאָן מען זיך היינט בעגעהן מיט 75. ריכטיג איז אַן׳אַנדער חשבון: דאָרט, וואו יעדער פון די הונדערט אַרבייטער האָט פריהער געמוזט אַרבייטען אַכט־שעה אַ טאָג, דאַרף ער יעצט אַרבייטען נאָר זעקס שעה; די פּראָדוקציע וועט בלייבען די זעלבע. איהר נוץ-ווערט דער זעלבער, און דעריבער מוז דער לוין אויך בלייבען דער זעלבער, ווי פריהער פאַר אַכט שטונדען אַרבייט. שטעלט מען די פראַגע אַזוי, דאַן בלייבט יעקב אבינו׳ס ביישפּיעל גוט און גערעכט: נישט „שאַ", נישט „סטאָפּ", נישט אָבשטעלען די ווירקונג פון שאַרפען מענשליכען שכל, וואָס זוכט שטענדיג נייע מיטלען צו אונטערוואַרפען די נאַטור און פער־לייכטערען דעם מענשען זיין אַרבייט, נאָר להפך, ווייטער זוכען, ווייטער ערפינדען, ווייטער פערלייכטערען. די אמת׳ע סאָציאַלע גאולה וועט נישט זיין אַ פאָלגע פון קלאַסענקאַמף: זי וועט זיין דער פועל־יוצא פון שכל, פון זשעניע, פון טעכנישע ערפינדונגען און ראַציאָנאַליזאַציע: דאָס איז דער וועג, ווי מען וועט אַמאָל פערוואַנדלען „אַרבייט" אין פערגעניגען און לוין־שקלאַפעריי אין „לוין-ספּאָרט".

ב. דער סאָציאַלער שוץ

דער תנ״ך ענטהאַלט נישט בלויז אַ פּרינצי פון פּראָטעסט געגען סאָ־ציאַלען אונרעכט, נאָר אויך אַ סיסטעם, אַ געשלאָסענע סכעמע פון סאָציאַלען איבערבוי. נאַטירליך, איז זי דאָרטען נישט סיסטעמאַטיזירט, נישט

פערבונדען אין איין פּראָגראַם מיט פּונקט אַלף י״ג פּונקט בית, די „פּונקטען״
זענען צוואָרפען צווישען פערשיעדענע טעקסטען; נעהמט מען זיי אָבער
צוזאַמען, קומט אַרויס טאַקע אַ פּראָגראַם. עס איז קורץ, נישט דעטאַלירט;
אָבער איך האַלט, אַז עס איז דאָך דאָס בעסטע, דאָס רעיעלסטע און דאָס
פערנינפטיגסטע פּראָגראַם פון געזעלשאַפטליכען אומבוי, ווייט אי פון דער
אונערצוויגענער ווילדקייט פון הפקר׳דיגער קאָנקורענץ, אי פון יענער שקלאַ-
פעריי, וואָס איז פערבונדען מיט אַלע סאָציאַליסטישע סיסטעמען.

די פּונקטען זענען דריי: דער פּרינציפּ „שבת״, דער פּרינציפּ פון
„פּאה״ און דער „יובל-געדאַנק.

דער פּרינציפּ „שבת״ איז יענער וואָרצעל, וואָס פון זיינע דריי
אותיות איז ענטשטאַנען דער גאַנצער אומפאַנג פון דער היינטיגער סאָציאַ-
לער געזעצגעבונג, וואָס בעשיצט די רעכט און די לאַגע פון לוין-אַרבייטער.
אַ חוץ שבת-רוה, זענען פאַרהאַן אין תנ״ך נאָך אַ סך אַנדערע שוץ-געזע-
צען צו רעגולירען לוין-אַרבייט, אפילו וועגען דער צייט, ווען דער בעל-
הבית דאַרף אויסצאָהלען דעם לוין (יעדען אָוונד); אָבער מ׳קען אַלע די
דאָזיגע פּרטים סימבאָליש פעראייניגען אין דעם בעגריף „שבת״. דער
תמצית פון דעם בעגריף איז אין דעם, וואָס די געזעלשאַפט טאָר נישט
איבערלאָזען דעם לוין-אַרבייטער צו דעם חסד פון דעם אַרבייטס-געבער,
ערלויבענדיג איהם אַרויפצוצווינגען אויפ׳ן אָרעמאַן אַלצדינג, וואָס ער איז
נאָר אימשטאַנד אַרויפצוצווינגען. דער תנ״ך אָנערקענט נישט קיין „פרייען-
קאָנטראַקט״; דער תנ״ך אָנערקענט נישט דעם בעריהמטען „אייזערנעם גע-
זעץ״ פון די עקאָנאָמיסטען פון ניינצעהנטען יאָהרהונדערט, אַז די בעדינגונ-
גען פון פּראָלעטאַרישער אַרבייט ווערען בעגרעניצט נאָר דורך דעם, וויפיעל
מיה און וויפיעל הונגער דער אַרבייטער קאָן אַריבערטראָגען אָהן צו „פער-
שווינדען״, ד. ה. שטאַרבען. „שבת״ אין ענגערען זינען איז נאָר אַ בעגרע-
נעצונג אין איין הינזיכט — וועגען דער צייט פון אַרבייט; אָבער אין
ברייטערען זין, ווי געזאָגט, איז „שבת״ דער אָנפאַנג און דער קוואַל פון
אַלע רעפאָרמען, וואָס אַ יאָהרהונדערט פון סאָציאַלע קעמפער האָט דער-
גרייכט אויף אונצעהליגע געביעטען פון אַרבייטער-שוץ. ער איז צום ערשטען
מאָל ערשינען אין תנ״ך, נישט בלויז ווי איינע פון די תרי״ג מצוות, נאָר
ווי איינער פון די עשרת הדברות, איינער פון די אַלער-וויכטיגסטע גרונד-
זאַצען פון מענשליכען צוזאַמענלעבען. „שבת״ הייסט: די בעציהונג צווישען
אַרבייטס-געבער און אַרבייטער איז נישט קיין פּריוואַט-זאַך, זי איז „גאָט׳ס
זאַך״, זי ווערט בעשטימט דורך דער העכסטער אינסטאַנץ פון מענשליכען
געוויסען, נישט לויט די אַפּעטיטען פון איין צד אָדער פון צווייטען צד,
נאָר לויט דעם עטישען און דעם מאַטעריעלען „פּאַטאָס״ פון דער גע-
זעלשאַפט.

„פּאה״ איז דער געזעץ ביים אַרונטערנעהמען די תבואה אָדער זאַמ-
לען די ווייַנטרויבען: מ׳טאָר נישט אַראָבנעהמען די גאַנצע ערנטע, אַ טייל
מוז מען איבערלאָזען אויפ׳ן פעלד אָדער אין ווייַנגאָרטען — „פאַר אָרעמע

לייט, פאַר דער אלמנה און פאַר דעם פרעמדען". דאָס איז נישט „וואויל-טעטיגקייט", דאָס איז אַ „מוז", אַ געזעץ, ד. ה. אַ שטייער אויף דעם פערמעגענדען קלאַס לטובת דעם אונפערמעגענדען קלאַס. אַ געזעץ, אין וועלכען עס שטעקט אַ געוואַלדיגער בעגריף, און אויך דאָ איז דער תנ"ך זיין ערשטער מקור. — ווי „שבת", אַזוי אויך „פאה" זענען אונבעקאַנט אי אין דער רוימישער, אי אין דער גריכישער אויפפאַסונג פון געזעלשאַפט. און דאָס גאַנצע אונאויסמעסליכע געביט פון היינטיגער סאָציאַלער פערזאָרגונג אין, אַלע איהרע פאָרמען, פון הכנסה-שטייער און ירושה-שטייער ביז צו הילף פאַר אַרבייטסלאָזע, שטאַמט ווידער פון אָט די דריי אותיות: „פאה".

אַ וויענער איד, פאָפער-לינקויס, האָט נאָך פאַר'ן קריעג אָנגעשריבען אַ בוך מיט'ן טיטעל „די אַלגעמיינע נעהרפליכט". דאָס בוך איז אַ פערזוך צו דערפיהרען דעם פרינציפּ פון „פאה" ביז צו זיין לעצטער קאָנסעקווענץ. לויט פאָפער-לינקויס פראָיעקט, מוז דער שטאַאט בכלל בעפרייען אַלע מענשען, אי רייכע אי אָרעמע, פון די דריי עלעמענטאַרע זאָרגען: עסען, קליידער און דירה. מיט עסען, קליידער און דירה איז דער שטאַאט מחויב אַלעמען צו פערזאָרגען. דער פראָיעקט איז אין'ם בוך דורכגעאַרבייט ביז צו די קלענסטע טעכנישע פרטים, עס איז אין איהם גענוי אויסגערעכענט, וויפיעל מענשען מוזען טראָגען יעהרליך „די אַלגעמיינע נעהרפליכט", כדי צו פראָדוצירען די נויטיגע מאַסע שפּייז-פראָדוקטען און שטאָף און הייזער. איך בין נישט קיין בקי אין דעם פאַך און קען נישט זאָגען, צו די רעכנונג שטימט, אָבער דער-תמצית, גלויב איך, ווי אוטאָפיסטיש ער זאָל היינט נישט קלינגען, וועט נאָך אַמאָל ווערען אַ ווירקליכקייט. די געזעלשאַפט וועט יעדען צושטעלען דעם עלעמענטאַרען מאַטעריעלען מינימום, פונקט ווי שוין היינט שטעלט זי צו פאַר יעדען פון אונז דעם גייסטיגען מינימום — די אַלגעמיינע עלעמענטאַרע שולע. הונגער און קעלט און דאַך-לאָזיגקייט וועלען פערשווינדען, ווי עס זענען פערשוואונדען, אין אַ רייהע קולטור-לענדער, די אַנאַלפאַבעטען — כאָטש מיט אַ הונדערט יאָהר צוריק האָט מען אויך דאָס געהאַלטען פאַר אַן אוטאָפיע.

איך גלויב גאַנץ ערנסט, אַז דאָס וועט נישט נעהמען קיין גאַנצע הונדערט יאָהר. אפשר וואָלטען שוין היינט געקלעקט די גרויסע שטייערען, וואָס יעדער שטאַאט נעמט פון זיינע פערמעגענדע בירגער, צו פערזאָרגען די גאַנצע בעפעלקערונג מיט פאָפער-לינקויס'עס עלעמענטאַרען מינימום, ווען מען וואָלט נאָר נישט אַרויסגעוואָרפען קיין מיליאָנען אויף הארמאַטען און קריעגס-שיפען. פאָפען לינקויס מאַכט דאָס פאַר אַ בעדינגונג פאַר זיין פראָיעקט: איידער מען פיהרט איין די אַלגעמיינע נעהר-פליכט, מוז צוערשט פערשווינדען די אַלגעמיינע וועהר-פליכט. און דאָס איז שוין אַוודאי תנ"ך: ולא ילמדו מלחמה... — אויך דאָס, גלויב איך פעסט, וועט קיין הונדערט יאָהר נישט נעהמען, נאָר אפשר וועלען נאָך די קינדער פון אונזער היינטיגען דור דערלעבען צו זעהען אַ וועלט אָהן מלחמות. און דאַן וועלען זיך בעפרייען פאַר ריין-סאָציאַלע צוועקען געוואַלדיגע סומען פון סאָציאַלען

שטייער, און די זעלבע קינדער וועלן אפשר אויך דערלעבן צו זעהען אַ וועלט, וואָס האָט טאַקי דורכגעפיהרט דעם „פאה״-געדאַנק ביז צו זיינע לעצטע מעגליכקייטען. אַ וועלט, וואו דאָס וואָרט „הונגער״ וועט קלינגען ווי אַ לעגענדע פון אַלטע צייטען, אַ וועלט, וואו דער אונטערשיעד צווישען אָרעם און רייך וועט פערלירען ניינציג פראָצענט פון זיין היינטיגער טראַ-גישער ביטערקייט; אַ וועלט וואו קיינער וועט מעהר נישט דאַרפען דאגה'ן פאַר אַלמנות און יתומים, פאַר מיסערפאָלג, פאַר „אַראָבפאַלען״ פון אַ העכערען עקאָנאָמישען צושטאַנד צו אַ נידעריגערען צושטאַנד — ווייל „טיעף״ קען ער סיי-ווי-סיי נישט פאַלען, נישט דעם קאָפּ און נישט אַ פינגער וועט זיך ברעכעןביים „פאַלען״ — די געזעלשאַפט האָט געשאַפען די אַלגעמיינע ווייכע און וואַרעמע און זאַטע „פּאָדלאָגע״, וואו יעדער קען זיך אויסרוהען און אָנהויבען פון דאָס ניי. און שטאַמען וועט דאָס אַלץ נאָר פון צוויי העבּרעאישע ווערטער, פון נאָר דריי אותיות יעדער.

אָבער אויך דערביי בלייבט דער אונטערשיעד צווישען רייך און אָרעם. אמת, נישט מעהר אַזוי אָנגעוועהטאָגט, אַזוי ביטער און טראַגיש ווי היינט; אָבער דאָך אַן אונטערשיעד, און ער וועט שטענדיג „רייצען״ דעם מענשען, שטענדיג בעלעבען די טענדענץ צו אַ וועלט-גלייך צווישען איינעם און דעם אַנדערען, שטענדיג אַרויסרופען פאָדערונגען צו דער געזעלשאַפט, זי זאָל ווייטער אויסגלייכען, נישט דערלאָזען אַז דער אונטערשיעד זאַל פעהשטיינערט ווערען אויף אייביג און פערוואַנדלען זיך אין אונגערעכטיג-קייט. אָט אויף דעם פּראָבלעם זענען פאַראַן צוויי אַנטוואָרטען. איינער הייסט סאָציאַליזם; דער סיסטעם ביי וועלכען דער אונטערשיעד צווישען רייך און אָרעם מוז בכלל פערשווינדען, ווייל ער נעהמט אַוועק ביי דעם ביר-גער יעדע מעגליכקייט אָנצוזאַמלען „רייכטום״, אָבער צוזאַמען מיט'ן רייכטום נעהמט ער ביי אים אויך אַוועק יעדע מעגליכקייט פון אינדיווידועלער אינ-ציאַטיווע און דעם ווירקזאַמסטען אימפּולס צו אייגענעם שאַפען. אַ גאַנץ אַנדערע ענטפער גיט אָבער דער תנ״ך: דער „יובל״-געדאַנק. — די גראַנ-דיעזסטע, די איבערמענטשליכסטע פון אַלע סאָציאַלע אויפפאַסונגען, וואָס זענען בכלל בעקאַנט אין דער געשיכטע פון מענשליכען דענקען.

דער יובל־געדאַנק

מ׳גלויבט אין אַלגעמיין, אַז די וואָרצלען פון סאָציאַליזם געפינען זיך אין דער תורה, אָבער עס איז נישט אינגאַנצן אַזוי. דער תנ״ך איז, זעלבסטפערשטענדליך, פול מיט סאָציאַלען פראָטעסט און מיט שנאה צו אַ געזעלשאַפטליכער אָרדנונג, אין וועלכער דער גביר לעבט זיך ברייט אויפ׳ן חשבון פונ׳ם אָרימאַנס ליידען. אָבער סאָציאַליזם איז נישט נאָר אַ פראָטעסט: דער סאָציאַליזם איז אַ קאָנקרעטער פלאַן, ווי אַזוי צו לייזען אויף אַ געזעצגעבערישען וועג דאָס סאָציאַלע פראָבלעם, און טאַקע אַזאַ מין פלאַן, וואָס איז אינ׳ם תנ״ך נישט פאַרהאַן. להפך: אַ קאָנקרעטער פלאַן פון אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע (אָדער, ריכטיגער געזאָגט, אַ סקיצע פון אַזאַ מין פלאַן) געפינט זיך אויך אינ׳ם תנ״ך, אָבער דער דאָזיגער פלאַן איז נישט „סאָציאַליזם". להפך — ער איז אין זיין גרונד־געדאַנק אפילו שטאַרק ענטגעגענגעזעצט דעם סאָציאַליזם. די ביבלישע תרופה געגען דער סאָציאַלער אונאָרדנונג הייסט „דאָס יובל־יאָהר" און איז בעשריבען אין פרק כ״ה פון ספר ויקרא. דער עיקר׳דיגער אונטערשיעד צווישען איהם און דעם סאָציאַליזם איז דער אונטערשיעד צווישען די צוויי בעגריפען: *קורירען* סאָציאַלע קראַנקהייטען — און *נישט דערלאָזען* צו קיין סאָציאַלע קראַנקהייטען.

דער סאָציאַליזם איז אַ פערזוך נישט צו דערלאָזען צו דער סאָציאַלער צרה: דאָס איז אַ פראָיעקט פון אַזאַ מין געזעלשאַפטליכער אָרדנונג, אין וועלכער די אונגלייכהייט אין דער פערטיילונג פון האָב־און־גוטס זאָל אויטאָמאַטיש און איינמאָל פאַר אַלעמאָל אונמעגליך געמאַכט ווערען. דאָס סאָציאַלע פראָבלעם גופא, ווי מיר פערשטעהען עס איצט, דאַרף פערשווינדען נאָך דער גענויער פערווירקליכונג פון דער סאָציאַליסטישער אָרדנונג. די מענשהייט וועט זיין אָרגאַניזירט אויף אַזאַ אופן, אַז עס וועט זיין אונמעגליך צו קאָנצענטרירען גרויסע מענגען פון האָב־און־גוטס אין די הענד פון אַ פריוואַט־פערזאָן. פונקט אַזוי ווי עס איז אונגעדענקבאַר צו זאַמלען לופט,

וועט זיין אונדענקבאר צו זאמלען רייכטימער. דאָס הייסט נישט דוקא, אַז די מלוכה וועט צאָהלען דעם זעלביגען לוין פאַר דער אַרבייט פון אַ פּראָפעסאָר און פון אַ האָלצהעקער, לכל הפחות דעריבער, וואָס אינטעלעקטועלע אַרבייט פאָדערט געוויסע בעדינגונגען פון רוה און קאָמפאָרט, אָהן וועלכער דער האָלצהעקער קאָן זיך יאָ בעגעהן. די לוין-שטופען קענען ווערען, ווי אין סאָוויעט-רוסלאַנד, נישט נאָר אַ צייטווייליגע, נאָר אַ שטענדיגע איינריכטונג פון סאָציאַליזם. און נאָך מער: עס לאָזט זיך דענקען, אַז איינינגע געביעטען פון אינטעלעקטועלער אַרבייט, וועלכע זענען אָבהענגיג פון „טאַלענט", וועלען דעמאָלס בעצאָהלט ווערען מחוץ פון יעטוועדער „שטופע": למשל, אַ געלונגענער ראָמאַן וועט זיך פערשפּרייטען אין אַ מיליאָן עקזעמפּלאַרען און דער שרייבער וועט „רייך ווערען"; אָדער עס וועט „רייך ווערען" אַ געניאַלער פּיאַניסט, וועלכער וועט אַרומפאָהרען די האַלבע וועלט מיט זיינע קאָנצערטען (כאָטש עס איז נאָך נישט געזאָגט, אַז דער ראַדיאָ וועט נישט אַרויסשטופּען אי דעם קאָנצערט, אי דאָס בוך). נאָר דאָס זענען אַלץ קליינינקייטען. דאָס סאָציאַלע פּראָבלעם בעשטעהט דאָך נישט אין דעם, וואָס אַ צופעליגער בר־מזל וועט געפינען אינ'ם ים אַ גרויסען פּערל. די צרה הויבט זיך אָן מיט דעם מאָמענט, ווען דער בר־מזל וועט אויסבייטען דעם פּערל אויף אַ גרויס שטיק לאַנד אָדער אויך אַ פאַבריק מיט צעהנדליגער מאַשינען, און וועט האָבען די מעגליכקייט צו קויפען ביליג די אַרבייט פון זיינע שכנים און פערקויפען טייער די פּירות פון זייער אַרבייט. אָט די סכנה איז דער סאָציאַליזם מבטל דורך דעם, וואָס ער נעמט אַרויס, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, די מיטלען פון מאַסענפּראָדוקציע פון דער ספערע פון פּריוואַט-אייגענטום.

דער ביבלישער פּראָיעקט האָט גאָרנישט געמיינזאַמס מיט דעם דאָזיגען פּראָפילאַקטישען סיסטעם, וועלכעס שליסט אויס פונ'ם אָנהויב אָן די ענטשטעהונג פון סאָציאַלער אונגלייכהייט, פון עקספּלואַטאַציע, פון ווירטשאַפטליכער קאָנקורענץ און קאַמף. די תורה וויל נישט אָבשאַפען די עקאָנאָמישע פרייהייט: זי שטרעבט נאָר גלייכצייטיג אַרומצושטעלען איהר מיט קאָרעקטיוען און געגען-גיפטען. איינינגע פון די ביבלישע קאָרעקטיווען (דוקא די ווייניגער ראַדיקאַלע) זענען אַלגעמיין בעקאַנט. דער חשוב'סטער פון זיי איז די שבת-רוה, וועלכע איז שוין דערמאָהנט אין די עשרת הדברות. נאָכדעם קומט דער דין פון „פּאה": אָבשניידענדיג די תבואה, טאָר דער בעל-הבית נישט זאַמלען די זאַנגען, וועלכע זענען אַראָבגעפאַלען אין דעם עק פון פעלד, — דאָס וועלען זאַמלען די אַלמנות, די יתומים, די „גרים", וועלכע האָבען אַליין קיין ערד נישט, ווי די אָרימע רות. עס איז נאָך פאַרהאַן דער דין וועגען „מעשר" לטובת דעם בית־המקדש. פון אָט די רודימענטען האָט זיך שפּעטער ענטוויקעלט דאָס איצטיגע קאָמפּליצירטע סיסטעם פון סאָציאַלען שוץ, פון געזעלשאַפטליכער געגענזייטיגער הילף און בעשטייערונג פון די רייכע לטובת די אָרימעלייט. אָט דאָס סיסטעם האָט זעלבסטפערשטענדליך גאָר נישט געמיינזאַמס מיט דעם סאָציאַליזם, כאָטש פיעל

פון די געזעצגעבערישע מאַסנאַהמען, וואָס עס ענטהאַלט, זענען דורכגעפיהרט געוואָרען אונטער דער דירעקטער השפעה פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען; דאָס זענען אַלץ נאָר קאָרעקטיוון אין דער אָרדנונג פון עקאָנאָמישער פריי-הייט; זיי בעריהרען אָבער נישט די גרונדלאַגע — די פרייהייט גופא.

אָבער דער ראַדיקאַלסטער און דער רעוואָלוציאָנערסטער קאָרעקטיוו אין דעם רעזשים פון עקאָנאָמישער פרייהייט, וועלכער איז פאַרהאַן אין דער תורה, איז אין אַלגעמיין פיעל ווייניגער בעקאַנט.

דער געדאַנק פון „יובל-יאָהר" איז בעשריבען אין'ם ספר ויקרא אונ-געפעהר אויפ'ן פאָלגענדען אופן: צעהל אָב זיבען מאָל זיבען יאָהר, בסך-הכל ניין-און-פערציג יאָהר; אינ'ם זיבעטען חודש נאָך דעם לעצטען יאָהר, דעם צעהנטען טאָג פון יענעם חודש — יום-הכפורים — געה דורך מיט אַ שופר-רוף איבער אייער גאַנצען לאַנד. „אַט דעם פופציגסטען יאָהר האַלט פאַר היילִיג; ערקלערט פרייהייט אין לאַנד; אַ יאָהר פון יובל זאָל אייך זיין דאָס יאָהר". אויב אַ מענש איז געווען געצוואונגען צו פערקויפען פאַר חובות זיין ערד, און עס האָט איהם נישט געקלעקט קיין געלד זי אויס-צוקויפען, דאַן וועט אינ'ם יאָהר פון יובל די ערד זיך אומקעהרען צו איהם בחנם. אַזוי וועט געשעהען אויך מיט אַ הויז, מ'חוץ פון שטאָדט-הייזער. אַזוי וועט אויך געשעהען מיט דיין ברודער, וועלכער איז פעראָרימט געוואָרען און האָט זיך פערקויפט דיר צו דינען: בעגעה זיך מיט איהם נישט ווי מיט אַ שקלאַף, נאָר ווי מיט אַ שכיר (לוינאַרבייטער), און אינ'ם יאָהר פון יובל איז ער ווידער פריי, ער און גאַנצע משפחה, און זיי וועלען זיך אומקעהרען צו זייער פריערדיגער נחלה.

מעהר איז, דאַכט זיך, גאָרנישט נישט געזאָגט אין דער תורה וועגען דעם יובל-יאָהר; מיר זעהען אָבער דאָ פאַר אונז אַ אויסערגעוועהנליך דרייסטען פערנעהם פונ'ם רעפאָרמאַטאָרישען געדאַנק. דאָס איז אייגענטליך אַ פערזוך פעסטצושטעלען אַ אָבליגאַטאָרישען געזעץ פון פּעריאָדישע סאָציאַלע רעוואָלוציעס.

דער עיקר-אונטערשיעד צווישען דער ביבלישער רעוואָלוציע און יענער, וואָס עס שלאָגט פאָר דער סאָציאַליזם, בעשטעהט אין דעם, וואָס די סאָציאַליסטישע איז „איין מאָל אויף תמיד", בשעת די ביבלישע מוז זיך פון צייט צו צייט אונבעדינגט ווידערהולען. לויט די פלענער, וואָס שטאַמען פונ'ם סאָציאַליסטישען אידעאַל, מוזען די גערעכטע בעזיץ-פערהעלטענישען פון באָדען (ווי אויך בכלל פון אַלע האָב-און-גוטס) פעסטגעלעגט ווערען איין מאָל אויף תמיד, און נאָך דעם טאָר שוין נישט דערלאָזט ווערען קיין שום ענדערונג. לויט דעם פּלאַן פון דער תורה בעזיצט די עקאָנאָמישע ווירקליכקייט אויך נאָך דעם יובל די פולע פרייהייט פון ווייטערע ענדע-רונגען. מענשען וועלען ווי פריהער דענקען, „דרעהען", קעמפען, קאָנקורי-רען; דאָס לעבען וועט אויך ווייטער אויסזעהען ווי אַ קאַמפּס-פעלד, וואו

עס זענען מעגליך נידערלאַגען און נצחונות, איניציאַטיוון, שכר און הפסד. די פרייהייט וועט זיין בעגרעניצט נאָר דורך צוויי קאָרעקטיוון. איין קאָרעקטיוו, ריכטיגער אַ גאַנץ סיסטעם פון קאָרעקטיוון, ווירקט פּערמאַנענט: איין מאָל אין דער וואָך איז די אַרבייט פערבאָטען, דאָס עק פון דעם פעלד און פון דעם וויינגאָרטען געהערט די אָרעמעלייט, אַ צעהנטעל פון דער הכנסה דאַרף אָבגעצאָהלט ווערען דעם בית־המקדש; איבערזעצט אויף אונזער היינטיגען לשון וואָלט דאָס געהייסען: נאָרמירונג פון דער אַרבייטס-צייט און בכלל אַלע געזעצען פאַר אַרבייטס־שוץ, אַלע פאָרמען פון מלוכה-שער אַרבייטער-פערזיכערונג, אַלע פאָרמען פון סאָציאַלע שטייערען. דער צווייטער קאָרעקטיוו, אָדער ריכטיגער, ראָס צווייטע געגען-גיפט געגען דעם רעזשים פון עקאָנאָמישער פרייהייט, איז דער יובל. פון צייט צו צייט געהט איבער דעם מענשען-וואַלד אַ גרויסע האַק און האַקט אָב אַלע בוימער-קעפּלעך, וועלכע זענען איבערגעוואַקסען די דורכשניטליכע הויך; די חובות ווערען אַנולירט, דעם פעראָרעמטען קעהרט מען אום זיין פערלוירען איי-גענטום, דער פערשקלאַפטער ווערט זעלבשטענדיג; עס ווערט ווידער אויפ-געשטעלט דאָס גלייכגעוויכט; און איצט — הויבט ווידער אָן דאָסזעלבע פרייע שפּיעל פון כוחות ביז צו דער נייער רעוואָלוציע.

צי עס איז בעסער פון סאָציאַליזם אָדער ערגער — לאָמיר די דאָזיגע אָבשאַצונג איבערלאָזען אויף אַ מינוט אָן אַ זייט; דערווייל‏ע איז נאָר וויכ-טיג איינס פעסטצושטעלען, — אַז „דאָס" איז אַ פולשטענדיגער געגענזאַץ פונ׳ם סאָציאַליזם. די אידעע פון ווידערהאָלטע סאָציאַלע איבערקעהרענישען איז אַ פערזון, פעריאָדיש צו קורירען די סאָציאַלע קראַנקהייט, נישט „נישט דערלאָזען" צו איהר. פערקעהרט: דער יובל-געדאַנק שטיצט זיך, ווי עס שיינט, אויף דעם גלויבען, אַז די פרייהייט פון עקאָנאָמישער קאָנקורענץ איז אַ אונבעדינגט נויטווענדיגער יסוד פונ׳ם מענשליכען לעבענס-שטייגער. זאָלען די מענשען קעמפען, פערלירען און געווינען. אויף דער קאַמפּס-אַרענע מוז מען נאָר פון אונטען אויסשפּרייטען אַ ליילעך פון ווייכע גראָז, כדי אויף דער, וואָס פאַלט, זאָל זיך נישט שטאַרק צושלאָגען: אָט דאָס „אונטערגעלייגטע גראָז" איז די שבת-רוה, דער דין וועגען פאה, דער מעשר, בקיצור — דער גאַנצער קאָמפּלעקס פון מאַסנאַהמען, דורך וועלכע די מלוכה פּרובט צו פערהינדערן, אַז עקספּלואַטאַציע זאָל זיך פערוואַנדלען אין בלוט-זויגעריי און אָרימקייט און נויט. און פון צייט צו צייט הערט זיך, ווי אויף אַ ספּאָרט-פּלאַץ, דער פייף פונ׳ם ריכטער: די בעזיגער און די בעזיג-טע קעהרען זיך אום צו זייער אויסגאַנגס-פונקט און שטעלען זיך אויף איין איין גלייכער שורה. און דוקא דערפאַר, כדי דער קאַמף זאָל זיך אָנהויבען פון-דאָס-ניי.

וואָס איז בעסער: קורירען קראַנקהייטען אָדער נישט דערלאָזען צו קיין קראַנקהייטען,—דאָס איז אַן אַלטע שאַלה. אָט די פראַגע שטעהט פאַר יעדער מוטער, בשעת די קינדער זענען נאָך עופּה׳ליך: וואָס איז בעסער —

רופען אַ דאָקטאָר, ווען זיי וועלען זיך פערקיהלען, אָדער זיי נישט אַרויס־לאָזען אין גאַס, כדי זיי זאָלען זיך נישט פערקיהלען? ווען די טעכטער וואַקסען אויס, בעקומט די פראַגע אַן אַנדער פנים: וואָס איז בעסער—נישט לאָזען זיי אַליין שפּאַצירען מיט סטודענטען, אָדער געבען זיי פרייהייט און ריזיק׳רען, אַז עפּעס אַ ראָמאַן וועט זיך אפשר ענטוויקלען צו וויט, אַזוי אַז מען וועט מוזען אָננעהמען אויסעראָרדענטליכע מיטלען? אָדער אין׳ם מלוכה׳שען מאַסשטאַב: וואָס איז בעסער — איינפיהרען אַ פּרעלימינאַרישע צענזור, אָדער געבען פּרעסע־פרייהיים און דערביי נאָר אָננעהמען מיטלען, אַז יעדער גרויסער מיסברויך פון פרייהייט זאָל קאָנען בעשטראָפט ווערען? פערביטען גאַסען־דעמאָנסטראַציעס בכלל, אָדער האַלטען אונטער דער האַנד אַ גרופּע פּאָליציאַנטען פאַר׳ן פאַל, אַז עס זאָלען אָנהויבען פליהען שטיי־נער? בכלל: וואָס איז בעסער — אימפּפונגען געגען אַלע קראַנקהייטען, אָדער כירורגען און אַפּטייקען? מען זאָגט, אַז אויב מען וואָלט געקאָנט איינאימ־פּפען אַ מענשען אַ אימוניטעט געגען אַלע מעגליכע קראַנקהייטען, וואָלט דער דאָזיגער מענש געוואָרען אַ אידיאָט. איך פערשטעה נישט קיין מעדי־צין און קאָן נישט אורטיילען, אָבער...

אויב איך וואָלט געווען אַ מלך, וואָלט איך מיין מלוכה איבערגעבויט לויט׳ן יובל־פּלאַן און נישט לויטן פּלאַן פון סאָציאַליזם. פערשטעהט זיך, אַז קודם־כל וואָלט מען געמוזט געפינען די פּאַסענדע חכמים, כדי זיי איבער־צייגעבען די אויסאַרבייטונג פון דעם רמז, וואָס געפינט זיך אין דער תורה. אין דער נאַאיווער, פּרימיטיווער, קינדישער פאָרם, אין וועלכער דער יובל־געדאַנק איז אויסגעדריקט אין תנ״ך, לאָזט ער זיך נישט אָנווענדען אויף אונ־זער קאָמפּליצירטען לעבענס־שטייגער; מאַנכע היסטאָריקער בעצווייפלען אַפילו, צי עס איז ווען נישט איז אויך אין די אַלטע צייטען אָבגעהיט גע־וואָרען ביי די אידען דאָס יובל־יאָהר, צי עס איז נישט פונ׳ם אָנהויב אָן געבליבען אַ הלכתא למשיחא. אָבער בכלל, צי זענען פאַרהאַן וויִיניג אַנדע־רע דינים אין די תורות פון דער וועלט, וואָס ביז היינט זענען זיי נאָך נישט פערווירקליכט געוואָרען? קיין אַקערן פון די שווערדען האָט מען נאָך אויך נישט אויסגעשמידט; עס וועט אָבער קומען אַ צייט, ווען מיר וועלען זיי יאָ איבערשמידען. אַ הלכתא למשיחא איז נישט קיין טויט־אור־טייל פאַר אַ אידעע; זי איז מאַנכמאָל גאָר אַ סימן פון אַנ׳אמתן אידעאַל...— איך וואָלט אַלזאָ אַוועקגעזעצט חכמים, כדי זיי זאָלען איבערזעצען דעם ביבלישען רמז אויפן לשון פון אונזער צייט; און אין מיינע דירעקטיוועו צו אַט דער קאָמיסיע וואָלט איך געשריבען:

זייט אַזוי גוט צוצופּאַסען דעם געדאַנק וועגען ווידערהאָלטע און גע־זעצליכע סאָציאַלע רעוואָלוציעס צו די תנאים פון דער איצטיגער ווירט־שאַפטליכער ווירקליכקייט. האָט דערביי אין זינען, אַז דער פופציג־יאָהריגער טערמין, וועלכער איז פאָרגעשלאָגען אין דער תורה, איז אַ אונוויכטיגער פּרט. איהר קאָנט בעשליסען אַנדערע טערמינען. נאָך מעהר: איהר מעגט בכלל נישט פעסטלייגען קיין כראָנאָלאָגישען טערמין, נאָר אָנשטאָט דעם

אַריינברענגען דעם מאָמענט פון ריינער צוועקמעסיגקייט. איהר קאָנט,
למשל, בעשליסען, אַז דער יובל זאָל אַריינטרעטען דאַן, ווען עס
וועט בעשטימט ווערען פון אַ אינסטיטוציע, וועלכע איז ספּעציעל
דערצו געווידמעט: פּאַרלאַמענט, סענאַט, אַ אויבערשטער ראַט פון די ווירטשאַפטס-
קאָרפּאָראַציעס, אָדער אפשר אַ פלעביסציט, מיט אַ פּעּו׳ן אָדער קוואַליפי-
צירטען מעהרהייטס-בעשלוס — ווי איהר וועט געפינען פאַר גויטיג. דאַן וועט
די איבער-אויפטיילונג פון האָב-און-גוטס איינטרעטען אין די צייטען פון
טיעפע און לאַנגע קריזיסען, און דאָס איז אייגענטליך וואָס מ׳דאַרף. דער
עיקר איז, אַז איהר זאָלט בעשטעטיגען אין אייער פּראָיעקט איין מאָל אויף
תמיד די געזעצליכקייט פון דער ערשיינונג, וועלכע מען רופט איצטער סאָ-
ציאַלע רעוואָלוציע; נעהמט צו ביי דעם דאָזיגען בעגריף דעם שרעק-
ליכען בייגעשמאַק פון געוואַלד און בלוט, נאָרמאַליזירט איהם, מאַכט איהם
צו פונקט אַזאַ מין טייל פון דער קאָנסטיטוציע, ווי, למשל, דאָס צונויפרופען
פון אַ אויסעראָרדענטליכער נאַציאָנאַל-פערזאַמלונג לשם דער רעוויזיע פון
דער קאָנסטיטוציע — אַ אויסעראָרדענטליכע מאַסנאַהמע, אַ בעזונדערס פיי-
ערליכע מאַסנאַהמע, אָבער אַ פאָרויסגעזעהענע. נאָך דעם זייט אַזוי גוט
פאָרויסצוזעהען, ווי אַזוי וועט ווירקען אָט דאָס געזעץ אויף דעם טאָג-טעג-
ליכען ווירטשאַפטס-פערקעהר, און בעזונדערס אויף יענעם יסוד איהרען,
וועלכער הייסט קרעדיט. אין דעם זעלביגען פרק פון ספר ויקרא קאָנט
איהר לייענען, אַז אין דער צייט צווישען צוויי יובלות דאַרף מען אָבשאַ-
צען דעם ווערט פון אַ פעלד לויט דער צאָהל פון די יאָהרען, וועלכע זע-
נען נאָך געבליבען ביז צו דעם נעכסטען יובל: דאָס איז פאַר אונזער צייט
זיכער נישט גענוג; דאָס וועט אינגאַנצען נישט פּאַסען, אויב מען וועט
מבטל זיין דעם כראָנאָלאָגישען יסוד פונ׳ם יובל; אָבער, געהענדיג אין אָט
דער ריכטונג, וועט אייער גייסט און אייער חכמה אייך העלפען צו געפי-
נען די נויטיגע קאָרעקטיווען, כדי אָבצוהיטען די לעבענספעהיגקייט פונ׳ם
קרעדיט. בקיצור: בעטראַכט די זאַך און טהוט אייערס; נאָר גיט יעטוועדען
מענשען אין אונזער מלוכה די מעגליכקייט צו לעבען, צו שאַפען, צו
האַנדלען און ערפינדען, צו שטרעבען און זיך דערשלאָגען צו תכלית אָהן
פּרעלימינאַרישען צענזור — און גלייכצייטיג זאָל יעדערער וויסען, אַז פון
צייט צו צייט וועט קומען דער יובל און דער שופר-רוף איבער׳ן גאַנצען
לאַנד און מען וועט „ערקלערען פרייהייט".

איך בין אָבער נישט קיין מלך. פערקעהרט — איך בין אַ מיטגליד
פון יענעם שטאַנד, וועמענס נאָמען עס איז געוואָרען אַ זידעל-וואָרט: פון
דער בורזשואַזיע. נאָך ערגער: איך געהער נישט צום דעם זעהר פערשפּריי-
טען טיפּ אין דעם דאָזיגען שטאַנד, צו דעם טיפּ בורזשואַ, וואָס שלאָגט זיך
על-חטא. איך הויב עס אפילו נישט אָן צו טהון. לויט מיין מיינונג איז
כמעט די גאַנצע קולטור, מיט וועלכער מיר אָטעמען, אַ רעזולטאַט פון דער
בורזשואַזער אָרדנונג און פון איהרע אַמאָליגע אָבות, רוימישע, גריכישע,
אידישע און עגיפּטישע; און איך גלויב, אַז די דאָזיגע אָרדנונג איז בע-

שפּנקט מיט אומבעגרעניצטער עלאַסטיציטעט, און איז מסוגל אַריינצונעהמען
אין זיך זעהר פיעל סאָציאַלע קאָרעקטיוועז און דאָך בלייבען אין איהר יסוד
דאָס, וואָס זי איז. איך גלויב, אַז די געזעלשאַפטליכע אָרדנונג, וועלכע
ווערט אָנגערופען „בורזשואַזע” אָדער „קאַפּיטאַליסטישע”, וועט מיט
דער צייט אויסאַרבייטען אַזאַ מין סיסטעם פון מאַסנאַהמען, וואָס וועט
אָבשאַפען די ערשיינונג פון אָרימקייט, דאָס הייסט דאָס פאַלען פונ'ם
לוין אונטער דעם מינימום פון זאַטקייט, היגיענע און זעלבסט-כבוד;
ווען נישט די מיליטערישע ביודזשעטען, וואָלט דאָס שוין היינט מעגליך
געוועזן אין פיעל לענדער. נאָך מעהר: אויב עס איז אמת, אַז די בורזשו-
אַזע אָרדנונג אַרבייט אויס אין זיך, ווי יעדע לעבעדיגע זאַך, געוויסע גיפ-
טען, און שאַפט אויף אַזאַ אופן פאַר זיך אַליין די אונפערמיידליכקייט פון
פעריאָדישע ערשיטערונגען, — טאָ גלויב איך, אַז זי איז בכוח נישט נאָר
אַריבערצוטראָגען די דאָזיגע ערשיטערונגען, נאָר אויך זיי איינצושליסען אין
איהר סיסטעם: צו לעגאַליזירען און שאַפען אַנ'אָרדנונג אין איהרע זעלבסט-
רעוויזיעס, צו פערזיכערען אויף להבא אונבעגרעניצטע מעגליכקייטען דורך
עטאַפּען פון ווידערהאָלטע סאָציאַלע איבערקעהרענישען — פּאָראויסגעזעהענע,
בעטראַכטע, פּלאַנמעסיגע, און, דרך אַגב, אונבלוטיגע. בקיצור — איך גלויב
נישט נאָר אין דער פעסטקייט פון דעם בורזשואַזען סיסטעם, נאָר אויך אין
דעם, אַז דאָס דאָזיגע סיסטעם ענטהאַלט אין זיך אָביעקטיוו דעם קערן פון
אַ געוויסען סאָציאַלען אידעאַל: אַ אידעאַל אינ'ם פשוט'ען זין פונ'ם
וואָרט, ד. ה. אַ חזיון, וועגען וועלכען עס איז כדאַי צו טרוימען
און פאַר וועלכען עס איז כדאַי צו קעמפען. דער פאַקט, וואָס אין
אונזער צייט איז סוביעקטיוו נאָך קיינער נישט דורכגעדרונגען געוואָ-
רען מיט אָט דעם חזיון, בעווייזט נאָך גאָרנישט נישט: עס איז געוועזען
אַ צייט, ווען דער פּראָלעטאַריאַט האָט סוביעקטיוו נאָך נישט געפיהלט קיין
שום סאָציאַליסטישען אידעאַליזם. די רוימישע געזעלשאַפט אין דער צייט
פון פּרינציפּאַט האָט אָהן ספק געבענקט נאָך נייע אידעאַלען; אָבער ווען
נישט פּאַאולוס, וואָלט אייראָפּא נאָך 500 יאָהר נישט געוואוסט וועגען קריס-
טענטום. „בורזשוא” מעג זיין אַ זידעל-וואָרט, די בורזשואַזיע מעג זיך שע-
מען מיט זיך אַליין, בעטען מחילה פאַר איהר עקזיסטענץ: און אף־על־פּי־כן
מיין איך, אַז עס וועט קומען נאָך אַ נייער מאַרקס און וועט אָנשרייבען
דריי ביכער וועגען דעם אידעאַל פון דער בורזשואַזיע. און וועט זיי אָנ־
רופען נישט „קאַפּיטאַל” נאָר „יובל”. און געבוירען ווערען וועט ער מסתמא
אין מאָסקווע.

אינהאלט:

I.

א פארלעזונג וועגן אידישער געשיכטע . . . 9
וואס בעדייט א „קליינער" ציוניזם? . . . 16
אין א צייט פון „סטאפ אימיגריישאן" . . . 23
וועגן אוואנטוריזם 32
ציון און קאמוניזם 41

II.

טרומפעלדארס יאהרצייט 51
וועגן „אייזערנער וואנד" (מיר און די אראבער) 57
די עטיק פון „אייזערנער וואנד" . . . 64
וועגן מיליטאריזם 68
אויפן פריפעטשאק 72
ווען די וועלט איז יונג געווען . . . 80
דער גדוד 86

III.

קלאסען-פראגען 93
„שעטנז לא יעלה עליך"... 100
ויינע קינדער און אונזערע (נאכן טויט פון הערצלס זוהן און טאכטער) . . . 105
דער קריזיס פון פראלעטאריאט . . . 110
פרקים וועגן סאציאלער פילאזאפיע פון תנ"ך 123
דער יובל-געדאנק 131